STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 13585

# DI HIMLDIGE SHTOT

Menahem Gets

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

# די הימלדיגע שטאט

## א סעריע פון אינטרעסאנטע
## און וואונדערליכע קאפיטלאך
## פון ירושלימער לעבן
## און אירע גדולים
## אין די יארן ת״ק — ת״ש

פון

**מנחם מענדיל גערליץ**

צווייטער באנד

ירושלים תש״מ

דער נאמענאלער ספר ״ירושלים של מעלה״
איבערגעזעצט אויף אידיש מיט פיל צוגאבן

W.P. ZIONIST COUNCIL
R | L | O | FAM
CLASS: 222.84 גלר
CO.: 1679
DATE: 17/7/95
REF: COPY:
GITLIN LIBRARY

כל הזכויות של הטקסט והתמונות
כולל תרגומים

שמורות להוצאת אורייתא

עריכת ספרים והוצאה לאור
ירושלים ת.ד. 5625

ORAYSOH ©
PUBLISHERS
AND DISTRIBUTORS
OF ALL JUDAIC WORKS
JERUSALEM P.O.B. 5625

סדר ועימוד: שירותי הדפסה "זוהר"
צילום ולוחות: יעקב פרנק
הדפסה: דפוס חמד ירושלים

נדפס בארץ ישראל
PRINTED IN E. ISRAEL

# אינהאלט פון צוויטן באנד:

## די ערשטע חסידות אנפירער אין ירושלים


**די פאמיליע פון די גרויסע לייט ארויף קיין ירושלים** — חמשה חומשי תורה — דער סוד וועלכער איז נאך פיל יארן באוואוסט געווארן — דער תלמיד פון חוזה און פון שרף: — אין איין מחשבה — אבן הטועין (אויסרוף שטיין) איז געוועו אין ירושלים. 9—23

**דער סוד פון דין מעדעצין** — דער נישט געליינטער קוויטל — סעודת פורים און תיקון חצות — ביי די הייליגע פטירה — אין די הויז פון חברוניער רב — טויזנט שפייז זעק — דער רבי האט אלץ געזען. 24—37

**דער "נר־תמיד" אין שמעון הצדיק'ס מערה** — די ליכט זענען פארלאשן געווארן — א תלמיד אין קאצק וואס אין פוילין, א חסיד פון "צמח צדק" אין ליובאוויטש — ער ארדנט איין א שמירה אויף די מקומות הקדושים — ביזה וואו דער גרייכט די מצות פון "כבוד אב" — כלים אויף צו פאריכטן — רוח הקדש — פון די גמרא. 38—55

**די פארשוואונדענע וואונדער סוכה** — א לויב אויף א סכוה — די חסידים זוכן א מעשה פון חז"ל — ווידער א סעודת הילולא. 56—77


## תפלות אויף די מקומות הקדושים


**עצירת גשמים** — נעבן דעם כותל המערבי — די תפילה פון קינד — היץ פון יראת שמים. 81—91

**אידן אין מערת המכפלה** — אידן פון ירושלים קיין חברון — ערב יום כיפור — די קינדער נעבן זייערע עלטערן. 92—100

**דער מחילה בעטן** — דריי וואונדער — דער נשיא פון ירושלים — רבי זונדלס "חטאת נעורים" — יישר כוחך רבי איציליע. 101—109

**דער ליטווישער אינגל פארט קיין מירון** — לעבעדיגע "מסילת ישרים" ספרים גייען זיך ארום — דאס אומגליק איז געקומען — די צוויי באלייכטערס אין חברון — אויף דעם ציון פון רשב"י. 110—130

## אין פיין פון ירושלים

**דער קאמף קעגן מיסיאן** — די אנטדעקטע מצבה — די ירושלימער גדולים אין קאמף — די מיסיאן שפיטאל אין ירושלים — דער קאנסול פורט מיסיאנערישע פראפאגאנדע — מאנטיפיורייס פארשלאג ווערט אנגענומען — די פרוי דערציילט א מעשה — די צוואה — צווישן צווי בערג — דער בעקער האלט מלחמה מיטן מיסיאן — די צובראכענע שויב פארשטעלט מיט שמאטעס — "ביעור חמץ" ערב סוכות — דער פראנט ביז אויפן פיש־מארק — דער וואס איז גרעסער אין חשבון זיגט אין די מלחמה — די הסתלקות פון בעלזער רב — א געשפרעך מיט א פרוי אין הלכה — די גרינדונג פון חנוך — אנשטאלטן פאר מיידלאך. **189 — 131**

**די ירושלימער גזירה** — דער ירושלימער עילוי טאנצט אויף א חתונה — פון די ירושלימער פירות — א מגפה אין די הייליגע שטאט — דער קאלשיער רב כאפט אויף דעם רמז — דער אויסרוף פון דעם איסור אויף כלי זמר ביי חתונות — די "חובבי ציון" פארטייטשן די געשעהענישן לויט זייער מיינונג — די פלאגן פון א פרצה וואס גדולים האבן גודר געווען — דער גאון פון בריסק שליסט זיך אן צו דעם איסור. **221 — 191**

# די ערשטע
# חסידות אנפירער
# אין ירושלים



# די פאמיליע פון די גרויסע לייט גייט ארויף קיין ירושלים

## חמשה חומשי תורה

"רבי אברהם רבי שלמה זלמנ'ס" אזוי האבן די אידן פון פוזנא אנגערופן רבי אברהם לעווי, און נישט אומזיסט האט מען אים אנגערופן מיט זיין פאטער'ס נאמען, ווייל ער איז געווען געראטן אין זיין פאטער. אזוי ווי זיין טאטע איז ער אויך געווען א גאון און א באשיידענער, און אזוי ווי זיין טאטן איז ער אויך געווען אבאהאלטענער צדיק.

רבי שלמה זלמן לעווי איז גערעכנט געווארן אלץ איינער פון די גאונים פון זיין דור. פיל יארן האט ער געלערנט חברותא מיט רבי שלמה זלמן פויזנר, וועלכער איז שפעטער באוואוסט געווען אויפן נאמען פון זיין ספר "חמדת שלמה". דער חמדת שלמה האט זייער געשעצט רבי שלמה זלמנ'ען און ער האט אים געהאלטן פאר זיין רבי, אבער טראץ זיין גרויסקייט האט רבי שלמה זלמן געלעבט באשיידן, און ער האט אפילו געליטן פון הונגער און נויט.

רבי שלמה זלמן איז אלע יארן געווען אקראנקער, און אליידענער מענטש, רוב פון זיינע יארן איז ער געווען עלנד אן קינדער, אבער די חשוב'ע פון שטאט האבן געוואוסט אז אויסער זיין גרויס גאונות אין תורה, איז אויך נישטא קיין ברעג צו זיין צדקות.

ווען רבי שלמה זלמן איז קראנק געווארן און ער האט געפילט אז עס דערנענטערט זיך זיינע לעצטע שעות, האט ער מורא געהאט אז זיין גרויסער חבר אין ורשא דער "חמדת שלמה" וועט נאך זיין פטירה מפרסם זיין זיין גרויסקייט, האט ער באפוילן מען זאל אים נישט מספיד זיין און מען זאל נישט זאגן אויף אים קיין שום שבח. זיינע נאנטע זענען זייער אויפגע-בראכט געווארן, מילא – האבן זיי גע'טענה'ט – ביי זיין לעבן האט ער נישט מסכים געווען, מען זאל אים לויבן. אבער נאכן טויט, ווי אזוי מעג מען נישט

מספיד זיין ווי דער דין אחכם וואס איז נפטר געווארן? דאן האט רבי שלמה זלמן זיי נאכגעגעבן, מען זאל זאגן אויף אים צוויי זאכן וואס ער איז זיכער אז עס איז ריכטיג. די ערשטע אז פון ווען ער האט נאר אנגעהויבן אביסל צו פארשטיין איז ער נישט געגאנגען קיין פיר איילן אן תורה. די צווייטע אז קיינמאל האט ער נישט געקוקט אויף קיין פרוי, אויסער זיין מוטער און פרוי...

פינעף יאר פאר ער איז נפטר געווארן האט ער זוכה געווען צו א קינד, אויף וועלכן ער האט געווארט זיין גאנצן לעבן, דער דאזיגער קינד "אברהם" האט מען נאך ווען ער איז געווען אפיצל קינד געזען אז ער וועט אויסוואקסן אגרויסער ביי אידן. נאך זיין פטירה האט זיך רבי שלמה זלמן באוויזן אין חלום צו זיין פרוי און איר אנגעזאגט: "אונזער דאזיגער קינד וועט אויפשטעלן צעעדער בוימער ביי אידן וואס זיי וועלן שיצן מיט זייערע צווייגן אויף גאנץ פאלק ישראל אין אלע לענדער פון זייער גלות, איך בעט דיר גיב אויף אים זייער אכטונג".

דער קליינער אברהם איז דאן גענומען געווארן צו די קרובים פון זיין פאטער, און ער האט דאן געלערנט תורה ביי דעם גאון רבי יוסף הצדיק, דער רב פון פויזן, און דער איידעם פון דעם נודע ביהודה, און אויך ביי זיין פעטער ר' הירש חריף דער רב פון פיורדא. דארט איז ער אויפגעוואקסן און געשטיגן אין תורה, ביז ער איז געווארן פול מיט ש"ס און פוסקים. נאך זיין חתונה איז ער געפארן קיין ווארשע צו זיין פאטער'ס יוגנד פריינד און חבר. דער ווארשעווער גאון, האט מיט אים גוטס געטאן און ארויסגעוויזן פיל ליבשאפט.

א צייט פון צען יאר איז ער געזעצן דארט און געלערנט צוזאמען, מיטן גאון, נאך די צען יאר האט ער זיך צוריקגעקערט צו זיין שטאט פויזן און פונקט ווי זיין פאטער אין זיין צייט, האט ער זיך אויסבאהאלטן פון מענטשן מען זאל נישט וויסן ווער ער איז. ווער עס האט אים געזען האט זיך דערמאנט אין זיין פאטער רבי שלמה זלמן, און דערפאר האט מען אים גערופן אויפן נאמען פון זיין פאטער: "רבי אברהם רבי שלמה זלמנ'ס".

* *

די שטאט פויזנע איז געווען דאמאלס א חשוב'ע שטאט ביי אידן, די ליבשאפט צו די הייליגע תורה האט געברענט אין די הערצער פון מערסטנס אידן, סיי קליינע, סיי גרויסע, אויך די פשוט'ע פון שטאט פלעגן מאכן זייער ארבעט צייטווייליג און זיך אפגעבן מער מיט תורה, זיי זענען אויך געווען

באוואוסט פאר אויסגעארבעטע מענטשן, און ג־ט'ס פארכטיגע. צווישן די אידן האט מען כמעט נישט געזען פאלן פון קנאה שנאה אדער וועלן אויסכאפן איינער דעם צווייטנס פרנסה. די קהילה איז דארט געווען איינגעארדנט אויסערגעוויינליך, די איינשטאלטן פון תורה און חסד ווי אויך די ערציהונגס הייזער האבן דארטן געבליט, דערפאר האבן זיי מצליח געווען אז אויפן רבנות שטול זאלן זיצן די באוואוסטע צווישן די אידישע גדולים צווישן זיי רבי עקיבא איגר און נאך.

טראץ דעם ווען די שטאט לייט פלעגן רעדן צווישן זיך אויף רבי אברהם'ס משפחה האט מען געפילט אז א באהאלטענע קנאה באהאלט זיך אין זייערע אויגן בליקן.

"פינעף חומשים תורה האט רבי אברהם ביי זיך אין הויז", אזוי האט מען געהערט ווי דער גבאי ר' אליעזר לאפיאן – וועלכער איז באוואוסט געווען פאר א למדן און מיוחס – מורמלט זיך אונטער.

"וועלכער איד האט דען נישט אין זיין הויז פינעף חומשים?"

מיט וואס האבן די שטעטלישע אידן פון פויזן וועלכע זענען באוואוסט געווען מיט גוטע מידות מקנא געווען רבי אברהם'ן, דער ביטערער ארעמאן, וואס פון זיין געבורט'ס טאג האט ער נישט געהאט קיין איין גוטן טאג. און וואס זיין קליין שטיבל וועלכע איז געשטאנען נאנט צו די אלטע שול, פלעגט זיך שאקלען ביי יעדן קליינעם ווינט ווי ביי א ערד ציטערניש, אפילו א אנדענק צום חורבן אזוי ווי דער דין איז האט ער אויך נישט געדארפט איבערלאזן, ווייל די גאנצע שטוב איז געווען א לעבעדיגע בילד פון חורבן פון אידן.

מיר וועלן אריינבליקן אין די חרוב'ע הייזל פון ר' אברהם דוקא נאנט צו דעם הייליגסטן טאג פון יאר, ערב יום כיפור אין די צייט וואס אידן עסן סעודת המפסקת, ווען ר' אברהם זיצט,ווארט און הייליגט זיך מיט א ציטער פאר דעם הייליגן טאג וועלכער קומט אן. אט עפנט זיך אויף די טיר, אין הויז ערשיינט פינעף רבנים מיט איידעלע פנימ'ער, און שטראלנדע געזיכטן, זיי גייען אריבער איינציגווייז נעבן רבי אברהם'ן מיט אונטערטעניגקייט און עהרע פארכט, יעדער בויגט איין זיין קאפ, רבי אברהם לייגט ארויף זיין האנט אויף זיי און בענשט זיי מיט ציטער ווען טרערן פאלן פון זיינע אויגן אויף זייערע קעפ. די פינעף גייען איינער נאך דעם צווייטן, זיי קושן רבי אברהם'ס האנט, דאן גייען זיי ארויס אויף אונטן, ווינשענדיג א "גמר חתימה טובה".

די חשוב'ע רבנים: דער גאון רבי שלמה זלמן, זלצ'ובער רב, דער גאון רבי אשר לעמיל, גאליק'ער רב, דער גאון רבי נחום, דער שאדיק'ער רב, דער גאון רבי יעקב לייב, טולשין'ער רב און דער גאון רבי ישראל פון פויזן, זענען אלע געווען די קינדער פון רבי אברהם און וועגן דעם האבן די שטאט לייט אים מקנא געווען.

## דער סוד וועלכער איז נאך פיל יארן באוואוסט געווארן:

די איינוואוינער פון פויזנא האבן טאקע איינערקענט אין רבי אברהם'ס גרויסקייט, אבער פון מויל צו אויער פלעגן פארט די נייגערערס פון שטאט רעדן, אז אין שטאט איז שוין געווען אזעלכע גדולים ווי ער, אבער קיינער האט נישט זוכה געווען, צו דעם וואס ער האט זוכה געווען, צו - פינעף חומשים תורה - צו האבן פינעף זין אלע גאונים און צדיקים וואס אלע אידן ציטערן צו זייערס א ווארט.

בלויז איניגע אידן פון פויזנא האבן געוואוסט צו דערציילן אז רבי אברהם האט, אויסער זיין צדקות, באקומען אברכה, פון א הייליגן מאן, אבער קיין איינער פון די שטאט לייט האט נישט געוואוסט צו דערציילן, די פאסירונג ווי עס האט פאסירט.

זיי האבן געוואוסט אז א קורצע צייט נאך דעם וואס עס איז געבארן ביי רבי אברהם זיין יונגסטער זון רבי ישראל, איז רבי אברהם זייער קראנק געווארן, ביז ער האט אין גאנצן פארלארן די ליכט פון זיינע אויגן. מער ווי צוואנציג יאר, ביז צו זיין פטירה, האט ער מער די שיין פון די וועלט נישט געזען. אבער די מצוה פון "ושננתם לבניך" האט ער מקיים געווען מיט אלע פונקטליכקייט, און ער האט דאס נישט אפגעלאזט אפילו איין מינוט. "מצוה בו יותר משלוחו" (א מצוה איז גרעסער ווען מען טוט דאס אליין, ווי דורך א שליח) פלעגט ער זאגן. ער פלעגט איינטיילן דעם טאג אין לערנען מיט זיינע קינדער, מיט יעדן איינעם פלעגט ער לערנען לויט זיין באדארף און פארשטאנד.

ווען זיי זענען גרעסער געווארן האט ער זיי געשיקט אין ישיבות, פון די גדולי התורה, מערסטנ'ס האט ער געשיקט אין ורשא צו דעם גאון דער בעל "חמדת שלמה" ביי וועמען ער האט נאך אין זיין יוגנט געלערנט, זיין זון רבי אשר לעמיל האט ער געשיקט צו דעם גאון ר' יעקב פון ליסא דער בעל הנתיבות. דארט איז ער אזוי ווייט באוואוסט געווען מיט זיין גאונות אז זיין



די מצבה פון רבי אשר לעמל פון גאלין אויף דעם הר הזיתים


בעזה״י

כשבטי ... פאלאניא ... ירושלם ... כותל המערבי ... אליהו יהודא ... פראנקרייך ... איינגלאנטיריא ... ירושלם

א כתב שליחות פאר א שד״ר פון ווארשעווער כולל צו צרפת
מיט די חתימה פון רבי נחום שאדיקער (די דריטע חתימה)

רבי האט אים געגעבן צו צוגרייטן, זיין גרויסן ספר ''חוות דעת'', צום דרוק. מיט איין זאך האבן זיך אלע ברידער אויסגעגליכן, אז זיי זענען אלע געווען באוואוסטע פערזאנען, און זיי האבן אלע שפעטער פארנומען רבנות אמטן אין גרויסע שטעט.

די לאנד פוילן, אין וועלכע עס האט נישט געפעלט קיין גאונים און צדיקים, האט געציטערט פאר די הייליגע ברידער פון די הויז פון לעווי, אבער ווי אויבן געזאגט, איז נישט געווען קיין איינער וואס זאל וויסן אנצווייזן אויף דעם זכות פון גרויסן פאטער.

* *

איין איינציגער וועלכער האט דעם סוד יא געוואוסט, איז געווען דער הייליגער גאון רבי אהרן משה פון בראד, וועלכער איז באוואוסט מיטן נאמען רבי אהרן משה וועלכער האט געשטאמט פון צבי – פון די גרויסע תלמידים פון חוזה פון לובלין, אין יענע צייט ווען דער נאמען פון די הייליגע ברידער, איז באוואוסט געווארן אויף די וועלט, האט ער זיך געפונען אין ארץ ישראל. דארט האט ער דערציילט פאר זיינע נאנטע ווי אזוי רבי אברהם האט זוכה געווען צו פינעף חומשים תורה, כדי זיי זאלן זיך לערנען א מוסר השכל ווי גרויס זענען די רייד פון די צדיקים. אבער, פלעגט ער צוגעבן, ער ווייסט נישט צו די זאך וועלכע איז באוואוסט פאר אים, דאס האט טאקע צוגעברייגגט, צו די גאונות און הייליקייט פון די משפחה לעווי, עס וועט נאך קומען א צייט, פלעגט ער זאגן, וואס איך וועל וויסן, צו דאס וואס איך שטעל זיך פאר איז ריכטיג.

## דער תלמיד פון חוזה און פון שרף:

דער הייליגער גאון רבי אהרן משה, דער מחבר פון ספר ''אור פני משה'', איז געווען פריער, פון די חכמים פון באוואוסטן בראדער קלויז, דארט זענען געווען מערסטנס די תורה ריזן וועלכע האבן זיך געגנגעשטעלט דעם וועג, פון חסידות. שפעטער איז ער געווארן פון די גרויסע תלמידים פון חוזה פון לובלין. נאך דעם וואס דער חוזה איז ארויף מיט א שטורעם אין הימל, אין תשעה באב אין יאר תקע''ה, האט רבי אהרן משה זיך צוגעשלאסן צו דעם צדיק רבי אורי מסטרעליסק, באוואוסט מיטן נאמען דער ''שרף''.

נאכדעם וואס אויך דער רבי ר' אורי איז נסתלק געווארן, האט רבי אהרן משה געוואלט ווערן זיין זון רבי שלמה'לעס חסיד. אבער רבי שלמה'לע

איז נפטר געווארן פיר חדשים נאך זיין פאטער. רבי אהרן משה האט זיך דאן פארמאכט, אפגעזונדערט אין התבודדות אין א צייט פון דרייצן יאר. ביז מען האט אים געזאגט אין חלום ער זאל פארן אין ארץ ישראל, און דארט וועט ער טרעפן א רבי ווי זיין באגער איז, וועלכער איז ווערט אנצוגערופן ווערן א ״קדוש״.

אין יאר תקצ״ט האט רבי אהרן משה אויסגעפירט זיין ווילן, און ער איז ארויף צו די הייליגע לאנד. גלייך ווי ער איז אנגעקומען, האט ער באשטימט זיין פלאץ אין די מקובלים׳ס ישיבה ״בית אל״, דארט האט ער זיך באפריינדעט מיט דעם גאון דער מקובל דער ספרדי׳שער רבי חיים שלמה פינסו, און ער האט געלערנט תורה פון אים לויט די שיטה פון דעם פעסשטעלער פון די ישיבה רבי שלום שרעבי (הרש״ש). רבי אהרן משה האט אויפגעשטעלט דעם ערשטן חסידישן בית המדרש פאר די וואס זיי גייען אין די וועג פון בעל שם טוב.

פרייטיג צונאכטס פ׳חקת ז׳ תמוז תר״ה איז רבי אהרן משה געבעטן געווארן אין ישיבה של מעלה. ״נאכן ענדיגן קריאת שמע מיט מסירות נפש, און נאכן ענדיגן דאווענען מעריב מיט א קלארע וויסן, איז ער אויסגעגאנגען מיט גאר א גרינגע טויט.״ (פון זיין צוואה) און מען האט אים געלייגט נאנט צום קבר פון זכריה הנביא.

* *

וואס איז געווען דער סוד פון רבי אהרן משה דער חסיד, וועגן די קינדער פון רבי אברהם רבי שלמה זלמנ׳ס?

רבי אברהם פלעגט אין זיין יוגנט פארלאזן, פון מאל צו מאל זיין שטאט פוזן און פארן קיין לובלין, צו די הויז פון זיין פריינד, דער דארטיגער רב, רבי עזריאל הלוי הורביץ באוואוסט מיטן נאמען: ״רבי עזריאל דער אייזערנער קאפ״, וועלכער האט פארוואונדערט די וועלט מיט זיין ריזיגע גאונות. רבי אברהם האט זיך באפריינדעט מיט אים, נאך אין די צייט ווען ער האט געלערנט ביי זיין רבי׳ן דער בעל ״חמדת שלמה״ איןווארשע.

אין יאר תקע״ג מיטוואך אין פ׳ לך לך, איז רבי אברהם אנגעקומען אין לובלין, ער איז געזעצן אין הויז פון זיין פריינד און געלערנט, (איינע פון די חדושים וואס זיי האבן דאן מחדש געווען, איז געדרוקט אין אנהויב פון ספר ״בית לאבות״). רבי אברהם האט וועגן עפעס א סיבה פארשפעטיגט דער דאווענען אין שול פון רבי עזריאל, נישט האבנדיג קיין אנדער ברירה, איז ער געגאנגען דאווענען אין שול פון חוזה.



דער גאון רבי שלמה זלמן ליפשיץ דער "חמדת שלמה"



די מצבה אויף דעם קבר פון חוזה פון לובלין

רבי אברהם וועלכער איז געגאנגען אנגעטאן אנגעטאן ווי די מתנגדים, האט זיך נישט געפילט אנגענעם צווישן די פילע חסידים, אנגעטאן אין זייד, האט ער זיך געשטעלט אונטערן אויבן. אבער צום איבערראשונג פון די טויזנטער חסידים, האט דער חוזה מרמז געווען פאר די גבאים מען זאל אים מכבד זיין מיט א עליה און דוקא מיט ״ששי״.

אין שול איז געפאלן א שטילקייט.דער חוזה האט אליין געליינט אין די תורה, און ער האט געענדיגט מיטן פסוק ״ומלכים ממך יצאו״ (און קעניגן וועלן פון דיר ארויסגיין), דרייענדיג מיט זיין שטימע. דער אנדייט איז געווען קלאר, אלעמענס אויגן איז געווענדעט צום פרעמדן, וועלכער האט זוכה געווען צו אזא ברכה פון הייליגן מויל פון רבי׳ן. דער גבאי האט זיך נישט געקענט איינהאלטן, און אויסגערופן:דו פרעמדער! פארשטייסט דעם אנדייט? דער רבי האט דאך מפורש געזאגט אז דו וועסט האבן קינדער קעניגן, טויזנטער רובל וואלטן חסידים באצאלט פאר אזא ברכה...

רבי אהרן משה וועלכער איז געשטאנען אין דער זייט, און נאכגעאכט יעדן ווארט, וועלכע איז פון רבי׳נס מויל ארויס, האט זיך אויך נישט געקענט באהערשן, אויף דעם רבי׳נס ברכה פאר א פרעמדן מענטש, און נאכן ליינען האט ער זיך אנגערופן: הלוואי זאל איך זוכה זיין צו זען די קינדער, וואס דער רבי האט געמיינט.

דער חוזה האט דערהערט די רייד, און ער האט זיך אנגערופן: ״איך זאג דיר צו, רבי אהרן משה, אז דו וועסט זיי זען, אבער נאר אין דיינע לעצטע יארן, און דוקא אין ארץ ישראל, און נישט אלע רבי אברהם׳ס קינדער...

רבי אהרן משה האט דערהערט פון זיין רבין, א צוזאג אז ער וועט פארן אין ארץ ישראל, און ער ווערט מאדנע ערשטוינט, צושראקן, ווי קען זיין אז ער,וואס ער האט שוין האלב פון זיין לעבן אפגעלעבט, וועט נאך זוכה צו זיין ארויפצוגיין אויפן בארג פון ה׳?

* *

רבי אהרן משה פלעגט זיך פירן, אז ער האט געהאט מיט זיך א קליינעם ביכל אוואו ער פלעגט פארשרייבן, אלע רייד פון זיין רבי׳ן. אזוי האט ער אויך יעצט געטאן, גלייך ווי עס איז געווארן אויס שבת, האט ער אלעס פארשריבן, דעם מאל האט ער עס פארשריבן פונקטליכער, און מיט מער איינצעלהייטן.

צוואנציג יאר שפעטער זענען שוין באוואוסט געווען רבי אברהם׳ס קינדער אין גאנץ פוילן אלץ גדולי הדור, אבער רבי אהרן משה האט זיי שוין



דער הייליגער האנט-שריפט פון "חוזה"
זיין הסכמה צום ספר "דגל מחנה אפרים"




דער כתב יד און חתימה פון רבי אהרן משה מגזע צבי

נישט אנגעיאגט צו קענען, זיינע לעצטע יארן אין פוילן, איז ער געווען אפגעזונדערט, און דאן איז ער ארויף קיין ירושלים.

אבער טראץ די גרויסע הצלחה פון די גאוני'שע משפחה, האט נישט לאנג אנגעהאלטן איר רוהיגקייט אין פוילן. אקורצע צייט נאכדעם וואס זייער פאטער רבי אברהם איז נפטר געווארן, איז אויך נפטר געווארן דער עלטסטער ברודער, רבי שלמה זלמן דער רב פון זלצ'וב, אין גאנצן אין עלטער פון פערציג יאר. דער יונגסטער ברודער רבי ישראל, איז געשטארבן אין א גיכע טויט, ווען ער איז נאך פינעף אין צוואנציג יאר נישט אלט געווען. אויסער די אלע, איז זיי אויך נפטר געווארן די עלטסטע שוועסטער, די צדקנית גיטל, די פרוי פון דעם גאון רבי יוסף יוסקא, דער רב פון קלוצ'וב.

## אין איין מחשבה

די געבליבענע דריי ברידער רבי אשר לעמל אין גאלין, רבי נחום אין שאדיק און רבי יעקב לייב אין סאלשין זענען יעצט געזעצן און נאכגעטראכט זייערע מעשים פארוואס איז אויף זיי געקומען די אלע שלעכט'ס. פיל פון די גדולים פון דור האבן זיי געפרובט צו טרייסטן, אז נאר א שלעכטע אויג האט זיי געשאדט, אבער זיי האבן זיך נישט געוואלט טרייסטן, זיי זענען געזעצן טאג און נאכט און תשובה געטאן, ביז אין איין טאג איז זיי איינגעפאלן, אז דאס איז א צייכן פון הימל זיי זאלן ארויף גיין קיין ארץ ישראל. די ברידער האבן גוואוינט איינער פון אנדערן ווייט, איינער דעם צווייטן האט נישט געזען, און פון אים נישט געוואוסט, און וואונדער איבער וואונדער, אלעמען איז אין דעם זעלבן טאג איינגעפאלן די זעלבע מחשבה...

עס איז שוין אפאר טעג, וואס רבי אשר לעמיל, זיצט אין גאלין און רעכנט אויס ווי ער וועט קענען אויספירן זיין מחשבה למעשה. צוויי טעג שפעטער, האט ער צוזאמענגערופן זיינע שטאט מענטשן אין שול, ער האט פאר זיי געזאגט א געזעגענונגס דרשה. דאן האט ער געבעטן מחילה פון יעדן באזונדער, אפשר האט ער נישט יוצא געווען קעגן איינעם אלץ דער רב פון שטאט, ער האט זיך אוועקגערוקט און אויסגעבראכן אין א געוויין, און דער גאנצער קהל האט אויסגעבראכן אין א געוויין, און זיי האבן זיך געזעגנט פון אים איינער, איינער.

דער קהל איז נאך געשטאנען אין שול, ווען ביי דער טיר איז ערשיינען, דעם רב'ס ברודער רבי נחום פון שאדיק אין באגלייטונג פון זיין הויז־ געזינד.

ביים אנהויב האבן אלע געמיינט, אז ער האט זיכער געהערט אז דער רב פארט קיין ירושלים, איז ער געקומען זיך געזעגענען מיט אים, אבער ווי ערשטוינט, איז דער עולם געבליבן, הערנדיג ווי ר' נחום גייט צו זיין ברודער, ער ענטשולדיגט זיך וואס ער שטערט אים, און ער דערציילט אז ער איז יעצט אויפן וועג קיין ארץ ישראל, און איז געקומען נעמען אגעזעגענונגס וואונטש, פון זיין עלטערן ברודער.

רבי נחום האט אים אויך דערציילט, אז זייער פאטער האט זיך באוויזן צו אים אין חלום, און אים באפוילן, ער זאל ארויף גיין קיין ירושלים. די ברידער זענען געפאלן איינער אויפן צווייטן, ווען זייער הארץ גייט אויס פאר פרייד. זיי האבן צווישן זיך אפגעמאכט, אז זיי וועלן פארן צוזאמען, און זיי וועלן באזוכן סאלשין, כדי זיך צו געזעגענען מיטן דארטיגן רב, - זייער יונגער ברודער רבי יעקב לייב.

אזוי ווי זיי רעדן נאך, און אין שול קומט אריין ...דער דריטער ברודער, רבי יעקב לייב, ער איז אויך געקומען זיך געזעגענען, מיט זיין עלטערן ברודער, ווייל ער פארט קיין ארץ ישראל, און נאך א וואונדער! דער זעלבער חלום, האט אויך אים זיך גע'חלומ'ט, אלע מענטשן, וועלכע געפינען זיך אין שול, ווי אויך די ברידער אליין, זעהען איין, אז דאס איז נישט קיין פשוט'ע זאך, נאר פון הימל האט מען עס זיי אזוי צוגעפירט, אין די זעלבע וואך נאך, זענען די דריי ברידער ארויף אויף אשיף, וועלכע האט זיי געפירט קיין ארץ ישראל.

## אבן הטועין (אויסרוף שטיין) איז געווען אין ירושלים:

ראש חדש תמוז תר"ה, האט זיך געלאזט הערן, אין ירושלים, אז דריי ברידער, הייליגע רבנים און גאונים, זענען ארויף פון פוילן קיין ירושלים, און זיי דערלייכטן די שטאט מיט זייער צדקות.

דער אלטער גאון רבי אהרן משה, איז געווען ביי חצות ביים כותל המערבי, האט אים זיין פריינד, רבי יהודה פאפו, דער מחבר פון "פלא יועץ", דערציילט די ידיעה, אויף מארגן גלייך נאך שחרית דאווענען, האט רבי אהרן משה שנעל געפערטיגט מיט זיינע צוגרייטונגען אויף שבת, און ער איז געלאפן אין ריכטונג פון די "חורבה" נעבן וואו די דריי ברידער זענען איינגעשטאנען, כדי זיי אפצוגעבן "שלום".

אין די צייט זענען די דריי ברידער געזעצן אויפן קיילאכדיגן שטיין,



דער קיילאכדיגער שטיין פון די אויבערשטע מצבה אויפן קבר פון רבי שמואל סאלנאט
אין די חלקה וואו עס ליגן די גדולי ירושלים אויף דעם הר הזיתים

וועלכע איז געווען, איינגעגרונדעט, אין הויף פון די "חורבה". ארום זיי זענען צונויפגעקומען פיל פון די ירושלים'ער איינוואוינער, וועלכע האבן זיך געשטופט, כדי צו אנקוקן זייער הייליגער געשטאלט, געבן זייער האנט, צו שלום, און כדי צו באקומען פון זיי אברכה.

פיל מעשיות האט מען דערציילט אין ירושלים, וועגן דעם קיילאכדיגן שטיין, שטייענדיג איז דער שטיין געווען טאפלט ווי די הויך פון א מענטש. עס איז ארומגעגאנגען א מיינונג אין שטאט, אז דער שטיין, איז דער אבן הטועין, (אויסרוף שטיין), וועלכע ווערט דערמאנט אין חז"ל, (ב"מ כ"ח ע"ב) אז יעדער וועלכער האט פארלארן א אבידה, פלעגט גיין צו דעם שטיין. דער ביי אלעמען באליבטער רב פון ירושלים, ר' שמואל סאלאנטער פלעגט אויף דער עלטער זיך אפרוהען אויף דעם שטיין, צווישן מנחה און מעריב, און ער האט אין די צייט גערעט צום קהל, אין תורה, און אין מוסר. ווען רבי שמואל איז נפטר געווארן, האבן די ירושלים'ער אידן, אויסגעריסן דעם שטיין, און געמאכט פון דעם א מצבה אויף זיין קבר.

ארום די דריי ברידער רבי אשר לעמיל, גאלין'ער רב, רבי נחום, שאדיק'ער רב און ר' יעקב לייב סלאשינער רב, דער שפעטער ראב"ד פון ירושלים, האט זיך פלוצלונג דער עולם צורוקט, מען מאכט דא פלאץ, פארן אלטן ר' אהרן משה, ער שטרעקט אויס די האנט, צו געבן שלום, פלוצלינג גיט זיך אים די האנט א ציטער, ער האט זיך עפעס דערמאנט, אין די טעג איז ער געווארן זיבעציג יאר... ער געפינט זיך אין ירושלים... עס איז מקוים געווארןביידע זאכן וואס זיין רבי האט פון פאראויס געזען, צו זעט ער דען נישט פאר זיינע אויגן, דער דריטער חלק פון דעם חוזה'ס רוח הקדש.

רבי אהרן משה, וועלכער די גאונים האבן מכבד געווען, ער זאל זיצן נעבן זיי, האט זיך ענטשולדיגט, און זיי געפרעגט, ווי מען האט גערופן זייער פאטער.

רבי אברהם פויזנער, באוואוסט מיטן נאמען, רבי אברהם רבי שלמה זלמנ'ס, האט דער עלטסטער ברודער, רבי אשר לעמיל, געענטפערט.

רבי אהרן משה האט קוים דערהערט דעם נאמען, און איז איינגעפאלן אין א חלשות. מיט גרויס שוועריקייט האט מען אים דערמינטערט, די גאנצע צייט האט ער געהאלטן אין איין מורמלען: "מיין רבי און לערער"... "דער חוזה פון לובלין"... "מלכים ממך יצאו"... רבי אהרן משה איז געטראגן געווארן אויף די הענט פון זיינע חסידים, צו זיך אין הויז. אויף מארגן שבת

קודש ז׳ תמוז תר״ה האט זיך זיין ריינע נשמה צוריקגעקערט אין ישיבה של מעלה.

אויף די מצבה, וועלכע מען האט געשטעלט אויף זיין קבר האט מען אויסגעקריצט:

מנוחת איש תם אדמו״ר הרב הצדיק המפורסם
בוצינא קדישא מגזע צבי מוהר״ר
אהרן משה מבראד זצוקלה״ה
בהרב הגאון רבי שאול מבראד
נתבקש לישיבה של מעלה ז׳ תמוז ש׳ תר״ה
ת. נ. צ. ב. ה.

# דער סוד פון די מעדיצין

## דער נישט געליינטער קוויטל:

ירושלים, פורים המשולש אין יאר תרמ״ז. דער רבי, רבי אלעזר מענדל בידרמאן פון לעלוב, זיצט אין שפיץ פון דעם טיש וואס ער פירט לכבוד דעם טאג, ארומגענומען מיט חסידים און בעלי־בתים. זיינע אויגן איז פארמאכט, אינגאנצן פארפלאמט, זיינע געדאנקען שוועבן אין העכערע וועלטן, און א פורים׳דיגע פרייד, שטראלט פון זיין געזיכט.

אין שול ערשיינט דער חסיד רבי יצחק אלפייה, ער שטופט זיך פלינק דורך צווישן דעם קהל, און דערלאנגט פאר׳ן רבי׳ן א קוויטל. ער לייגט אוועק דעם קוויטל אויף דעם טיש, ווען פון זיינע אויגן רינט א טרער, און ער מורמלט זיך אונטער: „יהי רצון די שעה זאל זיין א שעה פון רחמים״.

צו אלעמענ׳ס וואונדער, רירט זיך דער רבי אינגאנצן נישט צו צום קוויטל, עס צו ליינען, - ווי זיינשטייגער צו ליינען אלע קוויטלאך וואס מען דערלאנגט אים ביי זיין הייליגן טיש. דעם רבינ׳ס גרויסער ברודער ר׳ יצחק דוד, פרובט איבערעדן דעם רבי׳ן צוליינען, אבער דער רבי איז פארטיפט אין זיינע געדאנקען, און לייגט נישט קיין אכט צו וואס עס איז ארום אים. אויך דעם רבי׳נס זון ר׳ דוד׳ל פרובט דערנענטערן דעם קוויטל צום רבי׳ן, אבער עס געלונגט אים נישט.

רבי ארי׳ לייב גוטליב האט מורא אז ר׳ יצחק האט חולשת הדעת, און ער בארוהיגט אים מיט רייד: „דער רבי האט זיכער א גוטע כוונה, מיטן נישט וועלן ליינען דעם קוויטל, און אלץ איז צום גוטן״.

## סעודת פורים און תיקון חצות:

דער רבי ר׳ אלעזר מענדל פלעגט זיך פירן צודערצעלן מעשיות פון



דער חסיד און מקובל רבי יצחק ישעיה אלפייה מיט זיין זון רבי יעקב און אייניקל רבי יצחק



חברת משמורים

די חתימה פון החסיד רבי ארי׳ לייב גוטליב אויף די תקנות פון ״חברת משמורים״ אין שכונת ״ימין משה״

צדיקים, ביי יעדע סעודה, פארן בענטשן. אויך יעצט האט ער אזוי געטאן, אבער ער האט ארום גערעדט די גרויסקייט פון אפריכטן חצות יעדע נאכט. „וואס עפעס האט דער רבי גערעדט וועגן חצות, ביי די פורים סעודה?" – האבן זיך די טיש זיצנדע געוואונדערט, אבער עס איז נישט געווען קיין איינער וואס זאל זיך וואגן צופרעגן וועגן דעם, דעם רבי'ן.

זיצט זיך דער רבי, פארטאן אין הויכע געדאנקען. ער דערצעלט די מעשיות פון צדיקים, פאמעלאך פאמעלאך ווי איינער צעלט געלד. ער דערמאנט יעדן נאמען פון צדיק מיט ציטער. ער גייט אריבער פון איין ענין צום צווייטן. צום ענדע האט ער דערציילט, וואס עס האט אים דערצעלט דער שינוב'ער רבי – זון פון צאנזער רב – ווען ער האט באזוכט ארץ ישראל, און איינגעשטאנען ביי אים, אז דער רבי ר' יהודה אסאד פון סערדאהאלי, פלעגט זיך פירן צוזאמענעמען די טרערן – וואס האבן גערונען פון זיינע אויגןביים תיקון חצות, אין א שאל, און יעדער קראנקער וואס האט נאר פארזוכט דערפון איז גלייך געהיילט געווארן. עס האט פאסירט אז איינער פון די סערדהאליער איינוואוינער איז געפאלן פון א דאך. ער האט פון דעם קלאפ אנגעהויבן צו פארלירן זיין זעהונגס קראפט. די דאקטורים האבן אים מיאש געווען. דאן איז ער געברענגט געווארן צום רב, וואס האט אים געגעבן צופארזוכן פון דאזיגן שאל, און ער איז גלייך געהיילט געווארן.

דער רבי האט געענדיגט דערציילן. זיין הויז־מאן רבי מאניש שיינבערגר האט דערלאנגט מים־אחרונים. דער רבי האט געבענטשט אויף א כוס, און ער איז אריין צו זיך אין צימער.

דעם רבינ'ס ברודער רבי יצחק דוד, איז געווען צושטוינט פון דעם סדר ווי זיין ברודער האט געפירט דעם טיש. ער איז צוגעגאנגען צו רבי יצחק אלפייה, און מיט זיין ערלויבעניש, האט ער געעפנט דעם קוויטל, און עס געליינט:

„רבי נסים עזרא עני בן רבקה, איז קראנק אויף זיינע אויגן, און עס איז דא א סכנה אויף זיין זעהונגס קראפט. מיר בעטן מתפלל זיין פאר איהם א רפואה שלימה בתושח"י".

„אה אה" – האט רבי יצחק דוד אויסגערופן מיט פארוואונדערונג צו די אנוועזנדע – „דער רבי האט איינגאנצן נישט געליינט דעם קוויטל, פונדעסטוועגן האט ער געוואוסט איר אינהאלט, און ער האט

ארומגערעדט ביי זיינע מעשיות, וועגן אויגן קראנקייטן און זייער היילונג!״

ביי די סעודה שלישית פון שבת, האט זיך ווידער איבערגע׳חזר׳ט די זעלבע סצענע, דער רבי איז געזעצן ביים שפיץ טיש, און ארום אים זענען געזעצן חסידים, פרייליך און לוסטיג, לכבוד שבת און לכבוד פורים. זמירות פון שבת און לידער פון פורים, האבן זיך צוזאמען געהערט ביזן סוף פון די סעודה, מען האט געדאוונט מעריב מיט א יום־טוב׳דיגן ניגון, און דער קהל האט זיך אנגעהויבן צו צושפרייטן.

דער חסיד ר׳ שמעון הויזמן פון חברון, וואס איז געקומען זיין דעם שבת ביים רבי׳ן, איז יעצט צוגעגאנגען צום רבי׳ן זיך צו געזעגענען און צוריקפארן קיין חברון. רבי שמעון וואס איז געווען א קלוגער איד, האט דערפילט, אז דער רבי איז יעצט אין א צופרידינע שטימונג, האט אויסגענוצט די פאסיגע צייט, און געבעטן פון רבי׳ן ער זאל אים צווינטשן, וועגן די הויז וואס ער האלט ביים קויפן, און דער שטאט הערשער בעט דערויף א איבערגעטריבענע פרייז.

„עס גלוסט זיך דיר א נייע הויז מי זיך צו מקיים זיין די מצוה פון שילוח הקן – האט איהם דער רבי מיט צופרידנהייט געענטפערט – „עס איז נישטא קיין בעסערע סגולה דערצו״.

רבי אלעזר מנדל זעצט פאר צו האלטן די האנט פון רבי שמעון אין זיין האנט, און ער זאגט: „רבי שמעון, איך וויל אז דו זאלסט וויסן אז אין חברון קען מען קריגן טרערן פון חצות אפריכטן״... די אנוועזנדע וואונדערן זיך ווידער, וואס רעט דער רבי אזויפיל דעם פורים וועגן תיקון חצות.

## ביי די הייליגע פטירה

צוויי שעה נאך דעם שבת אונטערגאנג, האבן זיך די חסידים ווידער צונויפגעזאמלט ביי רבי אלעזר מענדל צו „מלוה מלכה״. דער גאנצער קהל איז געזעצן ביים טיש און געווארט, אבער דאס מאל האט זיך דער רבי פארשפעטיגט, ער איז אריינגעקומען א שעה נאך די באשטימטע צייט.

דער גאנצער קהל האט זיך אויפגעשטעלט אויף די פיס, א עהרע שטילקייט האט געהערשט אין בית־מדרש, נאר דער ברומונג פון ווינט

וואס האט געבושעוועט אין דרויסן האט זיך געלאזט הערן. דער רבי איז צוגעגאנגען צום שיסל אין ווינקל, זיך געוואשן די הענט, און ווי זיין שטייגער האט ער זיך אוועקגעזעצט אויף זיין פלאץ און געמאכט די ברכה „על נטילת ידים״. זייער לאנג האט דאס איהם געדויערט. ער זאגט ארויס פון זיין מויל די ווערטער „אשר קדשנו״, ער פלאמט אינגאנצן פאר׳דביקות׳ט, און זיין גאנצער געזיכט איז פארענדערט, ווי ער וואלט זיך געגעצליך נישט געפונען אויף דער וועלט. – די דערהויבענע חסידים פלעגן דערצעהלן, אז ביי די ברכה „על נטילת ידים״ פלעגט דער רבי מכוון זיין מיט גאר הויכע כוונות פון שמות, וואס נאר איינציגע אויסדערוועלטע ווייסן דערפון, דעריבער האט ער אזוי מאריך געווען ביי די ברכה.

דער רבי פלעגט אייגנטליך איבערגיין אויף דעם מנהג, ביי יעדע סעודה און סעודה, אבער דעם מאל איז דאס געווען פיל שטארקער. פיל שווייס האט זיך געגאסן פון רבי׳ן, דער גאנצער קהל איז געזעצן שטיל שוויגנד, מען האט געקענט הערן דאס קלאפן פון אלעמענס הערצער.

ארום א האלבע שעה איז זיך אזוי פארגאנגען. „דער רבינ׳ס דבקות איז היינט מער ווי אלעמאל״ שעפּצען צווישן זיך די יונגע חסידים. איינער פון די וואס זיצן נאנט צום רבי׳ן, האט אויפגעמערקט, אז דער רבי האט שוין געענדיגט די ברכה, אבער המוציא האט ער נאכנישט געזאגט. א מורמלונג איז אריבער צווישן די טיש־זיצנדע. זיין זון רבי דוד׳ל גלעט אים זיין האנט, כדי איהם ערוואכן פון זיין לאנג־דויערנדע דביקות, אבער אין קורצן איז קלאר געווארן פאר אלע חסידים, אז די נשמה פון זייער הייליגער, ווי איינער פון די העכערע מלאכים – רבי, איז ארויף אין הימל.

א שרעקליכע געשריי, פון די פאר׳יתומ׳טע חסידים, האט זיך געלאזט הערן פון רבי אלעזר מענדל׳ס בית מדרש, און ביז א קורצע צייט האבן זיך דארטן צונויפגעזאמלט גאנץ ירושלים, מיט אירע גדולים און רבנים.

נאך די שבעה, האט רבי דוד׳ל – דער פארזעצער פון זיין פאטערס הייליגער וועג – ערקלערט דעם אורזאך פון דעם דאזיגן טויט – מיתת נשיקה.

„דער יחוד, וואס דער פאטער האט געהאט ביי די ברכה איז זייער א הויכער, וואס דורך אים קומט דער מענטש צו זיך אינגאנצן אויסטאן



די חתימה פון הרה"צ ר' אלעזר מענדל בידערמאן

די שטאם פארזעצער פון לעלובער חסידים היינטיגע צייט



דער רבי אדמו"ר רבי שמעון נתן נטע



זיין זון דער היינטיגער לעלוב'ער רבי
הרה"צ רבי משה מרדכי שליט"א

פון גשמיות. – דער יחוד איז באוואוסט נאר פאר איינעם אין א דור, עס ווערט דערציילט אז אין דור פון „אור־החיים" – האט ער געוואוסט דעם שם. דער „אור־החיים" איז געווען אין ארץ ישראל, און ווען ער איז נסתלק געווארן, האט דער בעש"ט זיע"א, זיך גלייך דערוואוסט דערפון אין מעזיבוש, ווען ער איז געזעצן ביי זיין הייליגער טיש, ביי די סעודה שלישית פון שבת, האט ער זיך אנגערופן: „עס איז פארלאשן געווארן דער מעריב ליכט" (כבה הנר המערבי). די תלמידים פון בעש"ט האבן שפעטער ערקלערט, די אורזאך פון רבי'נס וויסן, ווייל אין דער צייט וואס ער האט זיך געוואשן די הענט, האט מען אים ענטפלעקט פון הימל, דעם סוד פון דעם יחוד. פון דעם האט ער ארויסגענומען, אז דער „אור־החיים" איז שוין נישטא מער אויף דער וועלט.

„דער הייליגער פאטער" – האט רבי דוד'ל פארגעזעצט – „איז געווען דער איינער אין זיין דור וואס האט געוואוסט דעם יחוד פון דעם שם. ווען עס איז געקומען די צייט פון זיין אוועקגיין פון דער וועלט, און ער האט זיך באהעפט צו דעם יחוד, האט זיך באהעפט פייער צו פייער, און ער איז געשטארבן מיט א מיתת נשיקה.

## אין די הויז פון חברונ'ער רב

רבי אלעזר מענדל איז נפטר געווארן, און די אויגן פון דעם מקובל רבי נסים עזרא עני זענען טונקל געווארן פון צוזען. די צדקנית רבקה בת שמחה, די מוטער פון רבי נסים, פלעגט גיין יעדן טאג זיך אויסלייגן אויפן קבר פון רבי אלעזר מנדל, און זי האט איינגעריסן מיט טרערן, דער אויבערשטער זאל באלייכטן די אויגן פון איר זון – וואס עס איז נישט אריבער אויף אים קיין איין נאכט אן חצות, און זיינע אלע טעג איז ער געזעצן און געלערנט תורה. „נאר דער צדיק קען איהם העלפן", האט זי געזאגט, אנוויינדיג אויף דעם ציון פון קבר.

אין איינע פון די טעג, איז דער גאון און חסיד רבי מעשיל געלבשטיין, געקומען באזוכן זיין פריינד, רבי נסים עזרא, און ער טרעפט אים צובראכן און פארביטערט, די ליכט פון זיינע אויגן איז אינגאנצן פארלאשן, און זיינע הויז לייט זענען פארוויטאגט פון זיין ביטערן גורל.



דער ארון קודש און עמוד
אין ״אור־החיים״ שול אין אלט שטאט



דער ציון אויפן קבר פון ״אור־החיים״ אויפ׳ן הר־הזיתים

„פארוואס האט איר נישט געבעטן פון א צדיק, ער זאל מתפלל זיין פאר איהם?" - פרעגט רבי מעשיל. רבי נסים'ס קליין אינגל הערט די פראגע, און ער איילט זיך צודערצעלן רבי מעשל'ען, אז זיי זענען נאך געגאנגען וועגן דעם, צו דעם צדיק רבי אלעזר מנדל, און ער האט אפילו נישט געוואלט לייענען דעם קוויטל. ער האט דאן ארומגערעדט וועגן די גרויסקייט און חשוב'קייט פון תיקון־חצות, אז די טרערן פון די צייט קענען מאכן היילן קראנקע. דער קינד האט זיך אויך דערמאנט, אז דער רבי האט געזאגט פאר רבי שמעון הויזמאן פון חברון, אז אין זיין שטאט קען מען קריגן אזעלכע טרערן...

„אויב אזוי, פארוואסווארט איר?" - פרעגט ווידער רבי מעשיל, „עס איז דאך א שאד אויף יעדע מינוט, קומט וועלן מיר צוזאמען פארן אין חברון, און זען וואס מען קען דארט קריגן. עס איז מיר קלאר, אז די רייד פון רבי אלעזר מענדל זענען נישט געזאגט געווארן אויף אומזיסט"...

די רייד וועלכע זענען ארויס פון הארצן, זענען אריין אין הארץ, די משפחה האט גלייך געדונגען א וואגן און רבי מעשיל און רבי נסים זענען צוזאמען געפארן קיין חברון.

ווי זיי זענען אנגעקומען, זענען זיי גלייך ארויף צו זייער פריינד, דער חברונ'ער רב, הגה"ק רבי אליהו מני, וואס האט זיך זייער געפרייט צו זיינע דערהויבענע געסט. צוויי שעה זענען זיי צוזאמען געזעצן און גערעט אין נגלה און נסתר. דאן האט רבי מעשיל זיך צוזאמענגערעט מיט רבי אליהו'ן אין דער שטיל א קורצער שמועס. ער האט זיך גלייך געזעגנט מיט אים, און איז צוריקגעפארן קיין ירושלים. רבי נסים איז געבליבן אין חברון אויף נאך אייניגע טעג.

## טויזנט שפייז זעק

רבי אליהו מני איז געווען באוואוסט פאר א גאון און קדוש, אויך אין ירושלים, זיין פריערדיגער וואוין פלאץ, און אויך אין חברון, וואו ער איז שפעטער געווארן רב, איז ארומגעגאנגען פיל מעשיות וועגן זיין הייליגקייט.

רבי חיים מן, פון די ראשי ישיבות אין „עץ חיים' האט דערצעלט אז ער האט געהערט פון זקנים פון בגדד - וואו רבי אליהו איז געבארן



רבי שלום יחזקאל מאני, דער זון פון רבי שלום מאני



דער חסיד און עסקן רבי שמעון הויזמן פון חברון



הג״ר חיים מן, דער הויפט מלמד אין ת״ת ״עץ חיים״



דער חסיד רבי חיים צבי אייזנבאך פון די חשוב׳ע ירושלימ׳ער אידן

געוואָרן אין יאָר תקפ״ד, אַז נאָך פון זיין יוגנט האָט זיין מויל נישט אויפגעהערט צולערנען, און פון דעם טאָג וואָס ער איז אַלט געוואָרן דריי יאָר, האָט ער געדאַווענט מיט טרערן. דער בגדד׳ער רב, רבי אליהו סומך האָט אים געפרעגט אַמאָל וועגן דעם: „מיין קינד, פאַרוואָס וויינסטו אַזויפיל?״ האָט דער קינד גלייך געענטפערט: „כדי איך זאָל זוכה זיין צו תורה און יראת שמים״...

וועגן רבי אליהו׳ס אַרויפקומען צו די הייליגע שטאָט, האָט דערציילט איינער פון די חכמי־ירושלים, און פון די מקובלים – רבי עקיבא פרוש: „רבי אליהו איז אַרויף אַלץ יונגערמאַן פון צוויי און דרייסיג יאָר, ירושלים איז דאַן פול געווען מיט גייסטיגע ריזן אין נגלה און נסתר, פונדעסטוועגן, האָט זיך רבי אליהו אָנגעזען פון צווישן אַלעמען מיט זיין פרישות פון אַלע וועלטליכע ענינים. מערסטנ׳ס פון טאָג איז ער געזעצן אין זיין צימער, מיטן טלית און תפילין און געלערנט תורה אָן אויפהער״.

רבי חיים צבי אייזנבאַך, פון די ירושלים׳ע טייערע אידן, פלעגט צוגעבן: „ווען מען פלעגט אַריבערגיין דורך די הויז פון רבי אליהו ביי חצות, פלעגט די האַרץ צוגיין אין איר פּלאַץ, פון דעם שטילן געיאָמער, וואָס ער פלעגט לאָזן הערן ביים אָפּריכטן חצות, און די קרעכצן פון טיפעניש פון זיין האַרץ, אויף דעם גלות השכינה״.

דער גאון רבי מאיר אויערבאַך, דער קאַלישער רב, איז אַמאָל ביי האַלבע נאַכט אַריבער נעבן די הויז פון רבי אליהו. ווי ער האָט געהערט זיין געוויין, איז ער געבליבן ווי צוגעשמידט צו דעם אָרט, אין הויף פון הויז, און זיך איינגעהערט צום דערוועקנדער שטים, ביז עס האָט אָנגעהויבן טאָגן.

דער טיכטיגער עסקן, רבי שלמה ראַטא, פון די הויפּטן און ממונים פון „הונגערישער כולל״, פלעגט מערן צו לויבן רבי אליהו׳ן, און געמערט צודערציילן דעם פאָלגענדן פאַקט: „דאָס איז געווען אין יאָר תר״ס, אַ שווערער הונגער האָט אויסגעבראָכן אין ארץ ישראל. פּלוצלונג איז אַרויס אַ קלאַנג, אַז רבי אליהו האָט פאַרלאָזט א״י און געוואַנדערט קיין מצרים. די וואָס האָבן אים נישט געקענט האָבן געמיינט, אַז ער האָט פאַרלאָזט די לאַנד, כדי צו פאַרגרינגערן זיך און זיין משפחה. אָבער עס האָט נישט געדויערט פיל טעג, און רבי אליהו איז צוריקגעקומען קיין ירושלים, ווען ער ברענגט מיט זיך טויזנט

זעק מעל מיט רייז, וואס ער האט באקומען פון די גבירים פון מצרים, און ער האט דאס פארטיילט פאר די ארעמע לייט פון שטאט.

## דער רבי האט אלץ געזען:

אין הויז פון דעם רבי אליהו האט זיך רבי נסים אויפגעהאלטן א צייט פון צוויי וואכן, און צו אלעמענס ערשטוינונג האט ער זיך צוריקגעקערט מיט געזונטע זעהענדע אויגן. די אויגן דאקטורים פון „משגב לדך" זענען געבליבן שטיין פארוואונדערט, ביים אונטערזוכן רבי נסים'ס אויגן, ביז דער גויאישער דאקטער, וועלכער איז דארט געווען האט זיך אנגערופן: „יעצט גלויב איך אז עס איז דא א באשעפער אויף דער וועלט". אבער ווען מען האט געפרעגט רבי נסים'ען דערויף, האט ער נישט געוואלט ענטפערן, ביז עס איז אריבער זעכצן יאר, האט ער אליין דערצעלט דעם סוד פון זיין היילונג –

– דאס איז געווען ווען רבי אליהו מאני, דער חברונ'ער רב, איז גערופן געווארן צו די ישיבה של מעלה, און זיין ריינער הייליגער גוף האט מען באערדיגט אין קבר. אין די מינוט האט רבי נסים ארויסגענו־מען פון זיין קעשינע א פארמאכטע שאל, און אויסגעגאסן איר אינהאלט אויף די בערגלאך זאמד, וואס האבן נאר וואס באדעקט דעם קערפער פון צדיק. הגה"ק רבי עקיבא יוסף שלעזינגער, וועלכער איז געשטאנען נעבן רבי נסים'ען, האט אים אויפגעמערקט: „בייע מנהגים באשטימסטו?" דאן האט רבי נסים דערציילט אז די שאל איז פול פון רבי אליהו'ס טרערן, ווען ער האט אפגעריכט חצות –

– „איינמאל האט מיר רבי אליהו געגעבן צו פארזוכן דעם געטראנק, ווען איך בין קראנק געווען אויף מיינע אויגן. ווי איך האב נאר פארזוכט דערפון בין איך געהיילט געווארן. די ליכט צו מיינע אויגן האט זיך אומגעקערט ביז צום היינטיגן טאג"...

רבי שמעון הויזמן פון חברון, וואס האט זיך אפגעגעבן מיטן באדעקן דעם קערפער פון רבי אליהו'ן האט געהערט די רייד, האט ער אויפגעציטערט און זיך אנגערופן: „אוי, אוי, מיין רבי און לערער, רבי אלעזר מנדל האט דאס אלעס געזען"...

אכט מאנאט איז אריבער פון די פטירה פון רבי אליהו, און אויך

רבי נסים איז ארויפגערופן געווארן אויבן. אויף זיין מצבה אויף זיין קבר וואס אין הר הזיתים האט מען אויסגעקריצט:

פ. נ.

הרב החסיד המקובל האלקי

שלא עבר עליו חצות כמוהר"ר

**נסים עני בן רבקה**

זלה"ה

ז' אדר א' שנת סת"ר

# דער "נר־תמיד" אין שמעון הצדיק'ס מערה

## די ליכט זענען פארלאשן געווארן

דאס איז געשעהן אין טאג פון כ"ד מרחשון שנת תרס"ח. עס איז געווען א קאלטער און רעגנדיקער ווינטער־טאג אין ירושלים. געדיכט שווארצע וואלקענעס האבן באהילט די הימלען פון שטאט, א שווערער נעפל איז געלעגן אויסגעשפרייט איבער די ערד און א דין רעגנדל האט געשמיסן אין פנים. די קעלט האט אדורכגענומען די ביינער.

אין דער גאס וואס פירט ארויף צו דער מערה פון שמעון הצדיק שפרייזט א גרופע פון חסידים און בעלי מעשים אין שפיץ פון ירושלימ'ער רבין ר' דוד'ל בידערמאן (לעלובער) זצ"ל. זיי זענען אנגעטאן אין שווערע ווינטער־רעק און רעדן צווישן זיך אין תורה און חסידות ביז זיי קומען אן צום ארט. איינער איינער גייען זיי אריין אין דער קליינער מקוה פון רעגן־וואסער וואס געפינט זיך דארט. זיי זענען זיך מטהר און הייליגן זיך און ביז א קורצע ווילע זענען זיי אלע פארזאמלט אינוויינג אין דער מערה. זיי זענען ארומגעגארטלט מיט ברייטע גארטלען אויף די לענדן און זיי דאווענען מנחה מיט כוונות און יחודים. דערנאך גייען זיי אריבער צו א סדר תפלות וואס איז באשטימט אין דאזיגן מקום קדוש.

אבער ווי נאר זיי האבן אנגעהויבן אין די תפלות זענען זיי אלע דערציטערט געווארן. א שטורם־ווינט האט פלוצלונג ארויסגע־

שפארט פון טיפעניש פון דער מערה און האט אויסגעלאשן די שמן־לעמפלאך פון דעם נר תמיד וואס איז דארט געווען. ר׳ דוד׳ל בידערמאן לאזט ארויס א שרעקליכן זיפץ און פאלט אין חלשות. די חסידים וועלכע האבן געאיילט איהם אפצומינטערן האבן געהערט ווי ער ברומט אין זיך: „וועה, וועה! ווער ווייסט וואס האט דארט אין חברון פאסירט? !״

זיי האבן דאן ווייטער פארגעזעצט זייער תפלה, זיי האבן אויך מעריב געדאוונט און זענען דערנאך ארויס און געגאנגען צוזאמען אהיים אין דער אלטער שטאט.

אויפצומארגן איז אנגעקומען אין ירושלים, אין די שטוב פון דעם גאון ר׳ שניאור זלמן פון לובלין דער בעל „תורת חסד״, די ביטערע בשורה, אז דער הייליגער גאון ר׳ מעשיל געלבשטיין זצ״ל, וועלכער איז פאר דריי טעג צוריק ארויסגעפארן פון ירושלים אין חברון, האט דארט אויסגעהויכט זיין נשמה.

## א תלמיד אין קאצק וואס אין פוילין, א חסיד פון „צמח צדק״ אין ליובאוויטש

„מיין ליבער פריינד דו ביסט עולה אין ירושלים, זאלסטו נישט רוהען און נישט אויפהערן תפלה צו טאן אויף ביאת המשיח" – המשיח״

מיט די דאזיגע רייד האט זיך ר׳ יענקל׳ע פון ראדזימין – וועלכער איז אין זיין צייט געווען גערעכנט אלס עלטסטער פון די רבי׳ס, א בעל מופת און א פועל ישועות – געשיידט, פון איינעם פון די לייבן פון דער קאצקער חבריא און פון די גרעסטע חסידים פון דעם רבין דער בעל „צמח צדק״ פון ליובאוויטש, דער הייליגער גאון ר׳ הלל מעשיל געלבשטיין, אין דער צייט ווען ער איז געקומען זיך געזעגענען מיט איהם פאר זיין ארויספאר נאך ארץ ישראל אין יאהר תרכ״ט.

גרויסע רבנות־אמטן האבן אויסגעקוקט אויף ר׳ מעשיל׳ען אין גולה, גאנצע עדות פון חסידים האבן געגארט נאך איהם און געזוכט זיך אנצוקניפן אין איהם. אבער זיין הארץ האט געגלוסט נאך ארץ

הקודש. דארט נעבן שער השמים, בין איך זיכער אז מען קען עפעס אויפטאן צו דערנעהנטערן די גאולה פון אידן - האט ר׳ מעשיל געזאגט.

און ווירקליך פון דעם זעלבן טאג וואס ער איז אנגעקומען אין ירושלים האט ר׳ מעשיל אנגעהויבן זיך פארנעמען מיט זיין גרויסן לעבנס־ציל צו דערנעהנטערן די גאולה. ער האט זיך ארייגעקליבן אין דער דירה אוואו עס האט געוואוינט דער הייליגער מקובל ר׳ שלום שרעבי זצ״ל (דער רש״ש), אין וועלכע די פענסטער האבן ארויסגעקוקט צום הר הבית, און ער האט דארט עוסק געווען אין יחודים און כוונות. די ירושלימ׳ער אידן האבן צוביסלאך גענומען פילן די גרויסע ליכטיגקייט וואס שפארט ארויס פון די דאזיגע באשיידנע דירה און זיי האבן אנגעהויבן שטראמען צו זיין הויז. די מקובלים, צו לערנען ביי איהם סודות התורה, לומד׳ישע אידן, צו מפלפל זיין אין חידושי תורה און פשוט׳ע אידן צו בעטן א עצה און א ברכה.

דער דרך פון ר׳ מעשיל׳ען איז געווען א פולשטענדיגער חידוש אין דער דאמאלסדיגער ירושלים. זיין תפלת שחרית אליין האט גענומען פיר שעה. ער אליין פלעגט יעדן טאג דאווענען פארן עמוד און זיין שטים האט געהילכט ווי דאס שטים פון דונערן. א שווערע עבודה איז געווען דאס דאווענען מיט איהם און דאך האבן פיל געשטראמט צו זיין בית מדרש.

ער איז א מרבה בתענית געווען, אבער נישט פאר סיגופים נאר ווייל ער האט פשוט פארגעסן צו עסן די עסנס וואס מען האט פאר איהם אוועקגעשטעלט. די גדולי ירושלים דערמאנען זיין נאמען אין עהרפורכט. זיי ווילן באשטימען פאר איהם א גרעסערע תמיכה פון די „חלוקה״־געלט, אבער ער וויל בכלל נישט געניסן פון דער „חלוקה״.

א פרוי האט ער געהאט א גרויסע צדקנית, און באלד נאך זייער אנקום אין ירושלים האט זי געעפנט א קליינע קלייט פון געזאל־צענע הערינג און האט האט דערפון געצויגן חיונה פאר דאס הויזגע־זינד. און ר׳ מעשיל אליין, ער ווייסט אפילו נישט אוואו דאס קלייטל געפינט זיך.



דער געשטאלט פון רבין רבי יענק'לע פון ראדזימין
אין באגלייטונג פון זיין משמש א קאצקער חסיד



א חלק פון א בריוו מיטן האנט־שריפט פון רבי מעשיל געלבשטיין
צום סיר משה מאנטיפיארי, וועגן דעם ציען די וואסער קיין ירושלים

פיל פון די עולים און באזוכער אין ירושלים, וועלכע האבן נאך געקענט ר' מעשיל'ען פון חוץ לארץ, ברענגען איהם „פדיונות" אין קענטיגע סומעס. אבער דאס געלט זאמלט זיך אן אויף זיין טיש און ער רירט זיך נישט צו צו דעם און לייגט דערויף בכלל נישט קיין אויפמערקזאמקייט. ווען עס גיט זיך איין אמאל א אנשטענדיגן ארעמאן צו ארייבאקומען זיך צו איהם אין שטוב, וואונקט ער איהם אן, אז ער זאל אפרייניגן דעם טיש פון דעם געלט, וואס מאכט טעמפ דאס הארץ, און ער זאל עס ארייננשארן צו זיך אין בייטל. און אזוי האט מען אין ירושלים דאמאלס געזאגט: „וואויל איז צו דעם ארעמאן וואס האט זיך איינגעשטעלט און איז אריין צו ר' מעשיל'ען אין זיין צימער..."

די יסורים פון ארץ ישראל האט ר' מעשיל מיטגעמאכט אין א אנגעפילטע מאס זינט דעם טאג וואס ער איז אנגעקומען אין ירושלים.

א פאר יאהר נאך זיין באזעצן זיך אין ירושלים איז איהם געש־טארבן זיין פרוי, וועלכע האט מיט מסירות נפש געזארגט פאר איהם אז ער זאל קענען עוסק זיין אין תורה ועבודה.

ר' מעשיל האט שטארק באקלאגט זיין צדקנית און ער האט איהר מספיד געווען ביי דער מטה מיט די פאלגנדע קורצע ווערטער: „דו גייסט צום עולם האמת, זאג דארט גאנץ דרייסט דעם אמת, אז די גאנצע תורה מיינע איז דיינס..."

פון דאן אן האט ער זיך נאכמער פורש געווען פון דער וועלט. דעם דאך־צימער פון זיין שטוב האט ער פאר זיין וואוינונג געמאכט און ער איז כמעט קיינמאל נישט אראפ פון דארט. ער האט ווייטער פארגעזעצט אן אפשטעל זיין טהואונג צו דערנעהנטערן די גאולה.

## ער ארדנט איין א שמירה אויף די מקומות הקדושים

באלד מיט זיין אנקום אין ארץ ישראל האט ר' מעשיל אנגעהויבן ארבעטן אויף זיין גרויסן ספר „משכנות לאביר יעקב", וואו ער קלערט אויף די הלכות פון הר הבית און דער כותל המערבי אין היינטיגע צייטן הלכה למעשה. אין דאזיגן ספר ברענגט ער אויף

זיין גרויסן חידוש אז די מצוה פון שמירת המקדש, אז עס זאלן נישט אריינקומען טמאים דארט, א מצוה וואס איז אנגעגאנגען אין די צייט ווען דער בית המקדש איז געשטאנען, גייט אן אויך אין היינטיגע צייט, און ער האט אויך ארגאניזירט א גאנצע גרופע פון ירושלימ׳ער יונגע לייט אויף דער דאזיגער שמירה.

דער מעהרסטער טייל פון די גדולי הדור, וועלכע האבן איהם געשעצט ביז גאר, צווישן זיי דער גאון ר׳ חיים אלעזר פון מונקאטש, וועלכער דערמאנט ר׳ מעשיל׳ען מיטן טיטל „גדול בתורה וחסיד גדול״, און דער בעל „אבני נזר״ – זענען געווען קעגן דער דאזיגער מצוה פון שמירה, וויבאלד אז סיי ווי קומען די גויים אריין אין מקום המקדש און אידן האבן נישט דאס מאכט זיי אפצוהאלטן דערפון. ר׳ מעשיל אבער האט זיך געהאלטן ביי זיין מיינונג און ער האט גע׳טענה׳ט, אז אין דעם ביסל וואס מען קען טאן און פארהיטן אז אידן זאלן דארט נישט אריינקומען בטומאה איז אויך פאראן א מצוה.

אבער אויב אין דעם ענין פון שמירת המקדש זענען די גדולים פון זיין דור נישט איינשטימיג געווען מיט איהם, האבן אבער אלע גדולי הדור איינגעשטימיט מיט זיין גרויסן פלאן צו אפהיטן די מקומות הקדושים און די הייליגע ציונים פון די קברי הצדיקים, אין וועלכן ר׳ מעשיל האט געזעהן א גרויסן ענין פאר דערנעהנטערן די גאולה, און ער האט אין גרויס מסירות נפש געזארגט פאר די ריינ־קייט און ארדנונג אין די דאזיגע ערטער.

*

א קורצע צייט נאך זיין אנקום אין ירושלים האט ר׳ מעשיל זיין גאנצן ביסל פארמעגן אריינגעלייגט אין אויסבויען א קליינע מקוה נעבן די קברי הסנהדרין און די מערה פון שמעון הצדיק, זאגנדיג: ווי איז עס מעגליך צו אריינקומען אין אזא מקום קדוש ווי עס זענען דער קבורה־ארט פון די סנהדרין און די מערה פון שמעון הצדיק, אן זיך מטהר זיין פריער?

באלד ווי ער איז אנגעקומען אין ירושלים האט ר׳ מעשיל זיך באקאנט מיטן הייליגן רבין ר׳ אלעזר מענדל בידערמאן פון לעלוב, וועלכער האט עולה געווען אין ירושלים נאך אין יאהר תרס״א צוזאמען מיט זיין הייליגן פאטער ר׳ משה׳לע. אין איהם האט

ר׳ מעשיל געזעהן דעם ממשיך פון חסידות אין ארץ ישראל. ער האט איהם דערצעהלט וועגן זיין פלאן, און ר׳ אלעזר מענדל האט זיך אנגעשלאסן דערין מיט זיין גאנצע הארץ און נשמה. פערצן יאהר האבן זייביידע צוזאמען עוסק געווען אין ירושלים אין תפלות און יחודים. אין יאהר תרמ״ג איז ר׳ אלעזר מענדל נסתלק געווארן און ר׳ מעשיל איז געבליבן אליין.

ר׳ מעשיל האט א סאך טרערן פארגאסן ביי די מטה פון ר׳ אלעזר מענדל׳ען, און ביי זיין אפענעם קבר האט ער זיך ביטער צושריגן: „אוי, רבונו של עולם! ביז ווי לאנג נאך וועסטו זיך נישט קערן צו די תפלה פון די צדיקים וועגן די גאולה פון אידן?!״ און צו זיינע בני בית האט ר׳ מעשיל געזאגט: איך האב געמיינט אז איך וועל זוכה זיין צו זיין צוזאמען מיט ר׳ אלעזר מענדל׳ען אכטצן יאהר אין ירושלים, וואלטן מיר דאן געוויס עפעס דערגרייכט, אבער ווי עס זעהט אויס איז מען פון הימל מעכב און דער צעדער־בוים פון לבנון איז איינגעפאלן. ער געפינט פון דאן אן טרייסט אין דעם גרויסן זוהן פון ר׳ אלעזר מענדל׳ען, דער הייליגער רבי ר׳ דוד׳ל.

אין יאהר תרל״ו האבן די כוללים פון די אשכנזים און ספרדים אפגעקויפט פון די אראבישע אייגנטימער דעם פלאץ פון די קברי הסנהדרין און די מערה פון שמעון הצדיק, און אין יאהר תר״ב האבן די כוללים צווישן זיך איינגעטיילט דעם שטח. ר׳ מעשיל האט פון דאן אן איינגעריכט דארט א נר תמיד און האט איינגעארדנט א מנין קבוע פון חסידים און אנשי מעשה, וועלכע זענען אראפגעקומען דארט דאוונען דריי מאל אין דער וואך. אין דאזיגן מנין איז אויך ר׳ דוד׳ל אנגעשלאסן געווען.

קרוב צו פערציג יאהר האט ר׳ מעשיל געוואוינט אין די זעלבע דירה אוואו ער האט זיך אריינגעקליבן באלד ווי ער איז אנגעקומען אין ירושלים. אויסער ווען ער איז געגאנגען צום כותל המערבי אדער צו שמעון הצדיק׳ס מערה האט איהם קיינער אין גאס נישט געזעהן, זיין הייליגע צורה האט געווארפן אימה אויך אויף אראבער. אין אט די פערציג יאהר האט ער קיינמאל נישט געזעגנט אויסער די חומה פון ירושלים. אבער אין זיינע לעצטע טעג איז ער געצוואונ־גען געווען דורכן פארזאג פון די דאקטוירים ארויסצופארן קיין



דער באַדן נעבן די מערה פון שמעון הצדיק, איז שטענדיק געדעכנט געווען אַלץ אידישער אייגנטום



דער אַריינגאַנג צו די מערת הסנהדרין

חברון, צו איבערבייטן די לופט. דריי טעג איז ער געווען אין חברון און אין אט די גאנצע דריי טעג האט ער נישט צוגעמאכט א אויג.

אין טאג כ"ד מרחשון יאהר תרס"ח, אין די צייט פון מנחה, האט ער אין דער אנוועזנהייט פון די חברון'ער רבנים, וועלכע זענען איהם געקומען באזוכן אין זיין שלאפן צושטאנד, אויסגעהויכט זיין הייליגע נשמה צום באשעפער, און נאך אין זעלבן טאג איז ער געבראכט געווארן צו זיין רוה אין שטאט פון די אבות, ווי ער האט מיט א טאג פריער געגעבן אנצוהערן „אז מען זאל נישט צוריקפירן זיין קערפער אין ירושלים, ווייל אפשר האט ער פוגם געווען אין איהר קדושה דורכדעם וואס ער האט נאהנט פאר זיין פטירה איינגעשטימט ארויסצוגיין פון איהרע חומות".

## ביז וואו דערגרייכט די מצוה פון "כבוד אב"

ר' מעשיל האט איבערגעלאזט א בן יחיד מיטן נאמען ר' מנחם מענדל. אויף איהם האט דער בעל „תורת חסד" פון לובלין געזאגט: „ווער עס וויל וויסן וואס איז אזוינס כבוד־אב און ווי ווייט די דאזיגע מצוה דערגרייכט, זאל זיך צוקוקן צו די וועגן פון ר' מענדל־ען". פיל יאהרן זינט דעם טאג וואס זיין מוטער די צדקנית איז נפטר געווארן, האט ר' מענדל געטראגן אויף זיך דעם גאנצן יאך פון באדינען זיין פאטער.

ער אליין איז כמעט קיינמאל נישט אריין אין דעם דאך־צימער וואו זיין פאטער ר' מעשיל האט געוואוינט, כדי איהם נישט צו שטערן אפילו איין ווייליע אין זיין הייליגע עבודה פון תורה און תפלה. טאג טעגליך פלעגט ער ארײנשטעקן זיין האנט אין פענסטער פון זיין פאטערס וואוינונג און האט איהם דארט אריינגעשטעלט זיין שטענדיגע מאלצייט, וועלכעס האט ענטהאלטן א שטיקל ברויט מיט הערינג און א קליין כוס'לע וויין. ער האט דערביי אפגעווארט א ווייליע צו הערן דעם קול פון זיין פאטערס לערנען, אין וועלכן ער האט שוין געוואוסט צו דערקענען ווי עס האלט מיט זיין געזונט־צושטאנד, און דאן איז ער זיך אוועק.

אזוי האט ר' מענדל זיך געפירט די אלע יאהרן, אבער אויך נאך

די פטירה פון זיין פאטער האט ער אפגעהיט אלעס וואס ער האט איינגעפירט און באזונדערס, דאס אנצינדן דעם נר תמיד אין די מערה פון שמעון הצדיק.

אין יאהר תרע״ד, דער יאהר וואס האט אויסגעבראכן די וועלט־מלחמה, האט זיך באזעצט אין א חצר וואס נעבן שמעון הצדיק׳ס מערה א נייער איינוואוינער. דער איז געווען א יונגער אראבער א שונא ישראל. ווען ער האט געזעהן יעדן טאג ר׳ מענדל׳ען ווי ער קומט היטן אויפן נר תמיד אין דער מערה, האט זיך אין איהם צופלאקערט זיין שנאה אויפן אידן, וואס וואגט צו קומען צווישן די אראבישע איינוואוינער און טאן וואס ער וויל, און ער האט גענומען אויף זיך איהם צו פארפאלגן.

אין א טאג ווען ר׳ מענדל איז אריינגעקומען אין דער מערה צוצוגיסן שמן אין דעם נר תמיד, איז ער געווארן א פארציטערטער. אלע שמן־פלעשלאך זענען געלעגן צובראכענע און דאס קליין בלעכל שמן איז געשטאנען א ליידיגע. ער איז באלד ארויסגעלאפן אין דרויסן זעהן ווער עס האט דאס שענדליכעס געטאן, אבער דא האט זיך אראפגעלאזט אויף איהם א האגל שטיינער וואס ער איז קוים ניצל געווארן דערפון. ר׳ מענדל איז נישט אריינגעפאלן אין פארצווייפלונג און ער איז באלד געלאפן אהיים, האט געברייגגט א פריש בלעכל שמן און נייע פלעשלאך און קנייטלאך און האט ווידער איינגעריכטעט דעם נר תמיד.

אויפצומארגן באלד נאך תפלת שחרית איז ר׳ מענדל ווידער געקומען אין דער מערה צו איינארדנען דעם נר תמיד, און דא זעהט ער ווי דאס שענדליכע מעשה פון נעכטן האט זיך איבערגע׳חזר׳ט. די פלעשלאך זענען געלעגן צובראכן און דאס בלעכל שמן איז געווען ליידיג. ער גייט ווידער ארויס אינדרויסן און ווידער לאזט זיך אראפ אויף איהם א האגל שטיינער. יעצט האט ער שוין פארשטאנען אז דא שטעקט די האנט פון דעם נייעם אראבישן שכן אין דערבייאיגן חצר.

אין א צובראכענעם געמיט איז ר׳ מענדל אראפגעקומען צו ר׳ דוד׳ל בידערמאן אין שטוב און האט איהם דערצעהלט די גאנצע מעשה. ר׳ דוד׳ל האט איהם געראטן אז ער זאל באלד אויפמארגן גאנץ פריה אריבערפארן קיין חברון און ער זאל זיך אויסשפרייטן

דארט אויפן קבר פון זיין גרויסן פאטער און זאל דערצעהלן די גאנצע מעשה. ער האט איהם אויך צוגעגעבן אז ער זאל דארט ביים קבר זאגן, אז אויב עס איז אזוי נגזר געווארן אז ער זאל נישט קענען האלטן דעם נר תמיד אין שמעון הצדיק׳ס מערה, בעט ער מחילה ביי זיין פאטער דערפאר וואס ער איז נישט אומשטאנד צו מקיים זיין, זיין הייליגן רצון.

אויפצומארגן גאנץ באגינען איז ר׳ מענדל ארויסגעפארן נאך חברון צו זיין פאטער׳ס קבר און ער האט דארט געזאגט אלעס וואס ר׳ דוד׳ל האט איהם אריינגעלייגט אין מויל. ווען ער איז צוריקגע־קומען צו ר׳ דוד׳לען אין ירושלים האט איהם ר׳ דוד׳ל געזאגט, אז לעת עתה זאל ער מעהר נישט גיין אנצינדן דעם נר תמיד אין דער מערה און מען וועטווארטן און זעהן וואס עס וועט פארקומען...

## כלים אויף צו פאריכטן

דאס איז געוועזן אין טאג פון ערב ראש חודש אלול. ר׳ דוד׳ל בידערמאן האט נאר וואס פארענדיגט זיין געוויינליכע סעודה – א שטיקל ברויט איינגעטונקט אין שמן זית מיט א האלבע גלאז טיי. ער האט דאן פארפירט א שמועס אין סיפורי צדיקים מיט דריי יונגע לייט פון זיינע חסידים: ר׳ נחום ערליך, ר׳ מיכאל הערמאן און ר׳ פנחס אליעזר פאקשער. עס איז דערביי אויפגעבראכט געווארן דאס געשטאלט פון ר׳ מעשיל געלבשטיין און זיין גרויסער תיקון, צו אנצינדן א נר תמיד אין דער מערה פון שמעון הצדיק, וועלכער איז געוועזן „משיירי כנסת הגדולה״ און זיין הייליגקייט איז אין חז״ל געשעצט ביז גאר.

ר׳ דוד׳ל האט דערצעהלט אז אין יאהר תרל״ו, ווען די אידן האבן אפגעקויפט דעם שטח פון שמעון הצדיק׳ס מערה און ר׳ מעשיל האט אנגעהויבן אנצינדן דארט דעם נר תמיד, האט פאסירט א מאל און מען האט בטעות פארביטן א פולע בלעבל שמן אויף א כמעט ליידיגע און מען האט דאס געברייגגט אין דער מערה פארן נר תמיד. ערשט זייענדיג שוין אין דער מערה נאכן אריבער־קלעטערן דעם דאמאלסדיגן שטיינעריגן באדן וואס האט געפירט אהין, האט מען זיך געכאפט דעם טעות. צוריקגיין באלד אין שטאט און ברייגגען נאך שמן איז פארבונדן געוועזן מיט גרויס שוועריג־



פון רבי דוד'לס גרויסע חסידים



החסיד רבי מיכאל הערמאן



החסיד רבי נחום ערליך



החסיד רבי פנחס אליעזר פאקשער

קייט. האט מען דעריבער באשלאסן איינצוטיילן דערווייל דאס ביסל שמן פון בלעבל צווישן די לאמפן־פלעשלאך פון נר תמיד, אז עס זאל ברענען וויפיל צייט עס איז און אויפצומארגן וועט מען ברייגנען די פולע מאס שמן. איז דא געשעהן א גרויס וואונדער: דאס ביסל שמן פון בלעבל האט אנגעפילט אלע לאמפן־פלעשלאך ביזן אויג * ...

ר׳ דוד׳ל האט ווייטער ממשיך געווען און דערצעהלט ווי אזוי די ליכט אין דער מערה האבן זיך פלוצלונג אויסגעלאשן דורך א שטורם ווינט וואס האט ארויסגעשפארט פון אינוויינינג, אין די צייט פון ר׳ מעשיל׳ס פטירה אין חברון, און אז ווען עס איז אנגעקומען אין ירושלים די ידיעה אויף זיין פטירה האט מען דא אויסגע־חשבון׳ט און געפונען, אז דער אויסלעש פון די ליכט איז געשעהן געגנוי אין זעלבן מאמענט ווען דעם צדיק׳ס נשמה איז אויסגעהויכט געווארן בטהרה. דאן האט ער זיי דערצעהלט אין באדויערונג וואס עס האט פאסירט פאר א וואך צוריק מיטן נר תמיד אין דער מערה, ווי אזוי דער נייער אראבישער שכן האט עס אין זיין רשעות בטל געמאכט, פארפאלגנדיג דעם בן יקיר פון ר׳ מעשיל׳ען, ר׳ מענדל, וועלכער האט אזוי טריי אפגעהיט צו מקיים זיין דעם רצון פון זיין פאטער, און ווי גרויס עס איז דער צער זיינער דערפון, און ווי אזוי ער האט איהם געראטן צו פארן צו זיין פאטערס קבר אין חברון און דערצעהלן דארט דאס אלעס.

די יונגע לייט זיצן געשפאנט און זייערע אויערן זענען אנגע־שפיצט אויפצונעמען יעדן ווארט פון רבין׳ס מויל. דערווייל דערהערט זיך פון דרויסן א שטים: „פאריכטן כלים, פאריכטן כלים!" דאס איז געווען דער קול פון א אלטן איינגעבויגענעם אראבער, וועלכער איז דורכגעגאנגען אין דערבייאיגן געסל, מיט א בלעך ליים און ארבעט־געצייג אין זיין האנט און האט אויסגע־שריגן אין א זינגענדיג קול אין אידיש, אז מען קען ביי איהם פאריכטן צובראכענע כלים. ר׳ דוד׳לס אויערן האבן אויפגעכאפט דעם רוף און ער ווענדעט זיך צו די יונגעלייט און זאגט:

„אונזער רבי, דער בעש"ט זיע"א, האט אונז געלערנט אז פון

* דער דאזיגער סיפור ווערט אויך געברענגט אין דעם ספר „שערי ירושלים" פון רבי משה ריישר געדרוקט אין ירושלים תרל"ו.

יעדן זאך אויף דער וועלט וואס א מענטש באגעגנט זיך דערמיט דארף ער עפעס לערנען פאר עבודת ה׳, אזוי נאר וועט ער עס דערהויבן צו זיין שטאם און שורש וואס אין דער אייביגער וועלט. אויב גראד יעצט אין טאג פון ערב ראש חודש אלול גייט פארביי דא אין געסל אן אראבער און רופט צו פאריכטן כלים, איז דען דאס נישט א רמז פאר אונז פון הימל אז מיר דארפן פאריכטן אונזערע כלים פון גוף – אונזערע אויגן אז זיי זאלן נישט זעהן וואס מען טאר נישט זעהן, אונזערע אויערן אז זיי זאלן נישט הערן וואס איז פארבאטן צו הערן, אונזערע הענט אז זיי זאלן נישט טאן וואס עס איז נישט גלייך צו טאן און אזוי ווייטער? איי איי איי, פאריכטן כלים! יעצט איז די פאסיגע צייט זיך צו נעמען דערצו״ – האט זיך ר׳ דוד׳ל אונטערגעזונגען מיט א אומעטיג דערוועקנדיגן ניגון׳דל וואס האט אדורכגעשניטן דאס הארץ.

אין מערסטן טייל פלעגן די אראבישע „כלים-פאריכטער״ ארומגיין אין דער אידישער גאס אין די אלטע שטאט בלויז אין ערב פסח-צייט – דער סעזאן פון צוגרייטן כלים אויף פסח. אבער אויך ערב די ימים נוראים און סוכות פלעגן זיך איינצלנע פון זיי פארוואלגערן אין דער אידישער גאס. ר׳ דוד׳ל האט אבער געוואוסט אז אין אראפקומען פון דאזיגן אראבער אין דערבייאיגן געסל שטעקט עטוואס אנדערש. עס האט ווירקליך לאנג נישט גענומען און עס האט זיך געהערט א קלאפ אין טיר. ווען מען האט געעפנט די טיר איז אריינגעקומען אין גרויס בהלה דער אראבישער „כלים פאריכטער״ און איז געפאלן פאר ר׳ דוד׳לס פיס אין א יללה: „א-ללא אכברו א-ללא אכברו!״ (דער גרויסער ג-ט). ר׳ דוד׳ל האט זיך א רוק געטאן פון ארט אז דער גוי זאל איהם נישט אנרירן און מטמא זיין. דער אלטער אראבער האט זיך דאן אויפגע-הויבן פון דער ערד און האט אין א געשטיקטן קול פון טרערן אנגעהויבן דערצעהלן:

„פאר אייניגע וואכן צוריק האט זיך מיין זוהן אריבערגעקליבן וואוינען אין חצר וואס נעבן דעם קבר פון שמעון הצדיק. נעכטן פארנאכט ווען ער האט געפאשעט זיינע שאף אויפן גראז פון יענעם באדן און איז אריבער נעבן די טיר פון דער מערה, האט ער

זיך אויסגעגליטשט און איז אריינגעפאלן אין א טיפן בור. א גאנצע נאכט האט מען פאר די ליכט פון לאמפן און לאמטערנעס זיך באמיהט איהם ארויסנעמען פון דארט, אבער אן ערפאלג. מען האט אראפגעלאזט א שטריק אין בור און ער האט זיך שוין וויפיל מאל אנגעבונדן אין שטריק אבער ווי נאר ער איז ארויפגעקומען ביזן עפנונג פון בור אויבן האט ער זיך צוריק אראפגעקייקלט אונטן. יעצט ליגט ער אונטן אין בור צובײלט און פארגאסן מיט בלוט און דער שאטן פון טויט שוועבט איבער זיין קאפ. „חאכים איל יאהוד״ (אידישער חכם) – צויאמערט זיך דער אראבער פון דאסניי – נאר דו קענסט העלפן! איך האב דיר נישט איינמאל געזעהן אין דעם מנין וואס האט געדאוונט אין דער מערה און דיין תפלה קען געוויס העלפן״.

„זאג איהם – האט ר׳ דוד׳ל זיך געווענדעט צו ר׳ פנחס אליעזר׳ן אז ער זאל זאגן דעם אראבער -דאס ער זאל גיין צום בור און זאגן דארט צו זיין זוהן, אז ער זאל נעמען אויף זיך אין א שבועה דאס ער וועט מער נישט שטערן דאס אנצינדן דעם נר תמיד אין שמעון הצדיק׳ס מערה און אז ער וועט מער קיינמאל נישט שלעכטס טאן א אידן, און צו דערצו זאל ער נעמען אויף זיך צו זארגן זיינע אלע יאהרן פאר די ריינקייט פון דער מערה און דעם גאנצן שטח וואס דערנעבן און ער זאל שטרענג אפהיטן אז עס זאל נישט פארשוועבט ווערן דער דאזיגער הייליגער ארט״.

דער אלטער אראבער איז ווידער אמאל געפאלן פאר ר׳ דוד׳לס פיס, און קושנדיג די ראנדן פון זיין זשוביצע האט ער ווידער אויס־געשריגן: „א־ללא אכבר, חכימא הדא״! (דער גרויסער ג־ט און דער איז זיין חכם). ער האט זיך דאן שנעל אויפגעהויבן און נאכן פארנויגן זיך ווי געהעריג פאר ר׳ דוד׳לען איז ער געלאפן אין איין אטעם צום בור וואס נעבן שמעון הצדיק׳ס מערה. ער האט זיך אראפגעבויגן איבערן בור און האט אריינגעשריגן אלעס וואס ר׳ דוד׳ל האט איהם באפוילן צו זאגן זיין זוהן.

דער זוהן האט מיט זיינע לעצטע כחות געשאקלט מיטן קאפ און געמאכט צייכנס מיט די הענט אז ער נעמט אלעס אויף זיך. די שטריק איז ווידער אמאל אראפגעלאזן געווארן ביז אונטן און צום

וואונדער פון גאנצן אראבישן נאראד וואס איז דארט פארזאמלט געווען, איז דער אריינגעפאלענער ביז אייניגע מינוטן געווען אינדרויסן פון בור. מען האט איהם אפגעמינטערט און פארבאנדאזשירט זיינע וואונדן.

די פרויען פון דער פאמיליע האבן גלייך צוגעגרייט א גרויסן שטרויענעם קויש וועלכן זיי האבן אנגעפילט מיט די בעסטע פרוכט און גרינס – א מתנה פארן אידישן חכם. דער זוהן איז דאן געפירט געווארן דורך זיין טאטן, צוזאמען מיטן געשאנק, צו ר' דוד'לען אין שטוב, איהם אפצודאנקען פאר דעם רעטונג.

ר' דוד'ל איז אבער אין דעם מאמענט אין שטוב נישט געווען. ער איז דאן געווען אין מקוה, צו מטהר זיין זיך צוליבן ספק טאמער האט דער אראבער איהם אנגערירט. דער געשאנק איז איבערגעגעבן געווארן צו די בני בית און זיי זענען געבעטן געווארן איבערצוגעבן דעם דאנק צום רבין. דער אריינגעפאלענער האט דערביי געבעטן צו איבערגעבן דעם רבין אז ער האט אויף זיך גענומען אין א שבועה אויסצופאלגן אלעס וואס ער האט איהם באפוילן.

## רוח הקדש —
## פון די גמרא

דער טאג איז געווען א טאג פון קדוש השם אין ירושלים. אלע אראבער פון דער אלטער שטאט און אלע דערפער ארום האבן די מעשה געהערט און א פחד פון ג־ט איז געפאלן אויף זיי.

די דריי יונגעלייט ר' נחום, ר' מיכאל און ר' פנחס אליעזר, וועלכע האבן דאס אלעס בייגעוואוינט אין דאזיגן טאג ביי זייער רבין, האבן זיך נישט געקענט אפוואונדערן פון דער געשעהניש. זיי האבן דא געזעהן אפענע רוח הקודש ביים רבין, ווייל ווי אזוי האט ער דאס געוואוסט אזוי צו וואר אז דער אריינגעפאלענער אראבער איז גראד יעניגער, וועלבער האט צובראכן די שמן־לאמפן פון דעם נר תמיד אין שמעון הצדיק'ס מערה? אויך האבן זיי יעצט דערקענט אז דער רבי וואס האט אויפגעכאפט דעם רוף פון דעם

„כלים פאריכטער" האט עס אויסגעוואָרט אז יענער זאל באלד קומען, זיך קלאפן אין זיין טיר.

האבן זיי, די יונגעלייט, אלזא זוכה געווען צו בייוואוינען אזא מופת, אבער זיי האבן נישט געוואגט צו פרעגן דארויף זייער רבין. ר' דוד'ל אליין, ווען ער איז צוריקגעקומען פון מקוה, האט אויך נישט גערעדט דערפון מיט זיי, כאטש וואס ער האט באמערקט ווי געשלאגן אין שטוינונג זיי זענען. ער האט זיך געזעצט ביים טיש און האט טועם געווען פון די פירות וואס דער אראבער האט געברייינגט אין געשאנק. דאן האט ער זיי מכבד געווען צו עסן פון די פירות און האט געזאגט: „אויך אין פירות, באזונדערס אין פירות פון ארץ ישראל, געפינען זיך צומאל גרויסע נשמות וואס ווארטן אויף זייער תיקון, און עס איז נישטא נאך אזא תיקון ווי ווען אידן עסן דערפון און מאכן אויף זיי א ברכה מיט כוונה".

די יונגעלייט האבן פארזוכט פון די פירות און געבענטשט אויף זיי מיט גרויס כוונה. דאן האבן זיי זיך געזעגנט מיט ר' דוד'ל און זענען אהיים געגאנגען פול מיט באגייסטערונג.

צו מנחה־צייט זענען זיי ווידער געקומען צו ר' דוד'לען, ווייל כאטש זיי האבן זיך היינטיגן טאג אזוי פיל אנגעזעהן און אזוי פיל געלערנט ביי זייער רבין, האבן זיי דאך נישט געקענט מוותר זיין אויף א מנחה־דאווענען מיטן רבין אין א ערב ראש חודש און בפרט אין ערב ראש חודש אלול.

נאך מנחה איז ר' דוד'ל צוגעגאנגען צום ספרים־שראנק, האט ארויסגענומען פון דארט א גמרא תענית, האט זיך געזעצט ביים טיש און ר' נחום און ר' מיכאל און ר' פנחס אליעזר ארום איהם. ער האט אויפגעעפנט אין דף כ"ג עמוד ב' און האט פאר זיי פארגעזאגט וואס דארט ווערט דערצעהלט:

ר' מני דער זוהן פון ר' יונה איז פארפאלגט געווען דורך די מענטשן פון נשיא'ס הויז, איז ער אוועק און האט זיך אויסגעשפרייט אויף זיין פאטערס קבר (ר' יונה וועמען די גמרא שילדערט דארט אלעס גרויסער הייליגער מאן) און האט געזאגט: „טאטע, טאטע, די מענטשן פון נשיא, זענען מיר מצער". אין א טאג זענען פארבייגעפארן דעם נשיא'ס מענטשן אויף זייערע פערד דעם קבר

פון ר׳ יונה׳ן. זענען די פיס פון די פערד צוגעשמידט געווארן צו דער ערד און זיי האבן זיך נישט געקענט רירן פון ארט. ערשט ווען זיי האבן געגומען אויף זיך נישט צו מצער זיין מער זיין זוהן ר׳ מני, האבן זיך די פערד גערירט פון ארט.

„ליכא מידי דלא רמיזא באורייתא״ — עס איז נישטא א זאך וואס זאל נישט זיין מרומז אין דער תורה, יעצט וועט אייך אלעס לייכטער זיין צו פארשטיין״ — האט ר׳ דוד׳ל אויסגעפירט און איז געגאנגען זיך צוגרייטן צו תפלת מעריב.

„איז דען פאראן א גרעסערע רוח הקודש ווי דאס — האט ר׳ נחום זיך געווענדעט צו זיינע חברים אהיים גייענדיג נאך תפלת מעריב — איז יעדער איינער זוכה דערצו צו געפינען דאס פאסיקע אין חז״ל געגנוי אין דעם מאמענט ווען ער נויטיגט זיך דערין? דאס איז דער אמת׳ער מופת״.

דער נר תמיד אין די מערה פון שמעון הצדיק האט ווידער געברענט. ר׳ מעשיל׳ס ערליכער און געטרייער זוהן, ר׳ מענדל, האט מער נישט געוואוסט פון קיין שטערונג אין זיין הייליגע ארבעט פון מקיים זיין דעם רצון פון זיין פאטער. דער אראבישער שכן וואס האט איהם פריער געשטערט האט יעצט געהיט אויף איהם און אויפן נר תמיד ווי די אויג פון זיין קאפ. אויך האט ער טריי געהיט אויף זיין צוזאג און געזארגט פאר די ריינקייט פון דער מערה און דעם שטח אינדרויסן און ער האט שטרענג אכטונג געגעבן אז דער דאזיגער מקום קדוש זאל נישט פארשוועכט ווערן.

אויך די אפשטאמלונג פון דאזיגן אראבער וואס וואוינען דארט דערנעבן, האבן ביז היינטיגן טאג, אויך אין דער צייט ווען אידן האבן נישט געהאט קיין צוטריט צו דער מערה, אפגעהיט די ריינ־קייט פון ארט, זאגנדיג אז די מורא פון אידישן חכם וואס האט באשטראפט זייער פאטער ליגט נאך אויף זיי.

# די פארשוואונדענע וואונדער סוכה

## א לויב אויף א סוכה.

אין די סוכות טעג פון יאר תרע״ה, האט זיך גארנישט געלאזט פילן דער יום טוב פרייד אין ירושלים, די ערשטע וועלט מלחמה האט זיך דאן געפירט אין גרויס שטארקייט, דער צושטאנד אין ארץ ישראל איז געווען שוידערליך און אונטערטרעגליך. א הונגער געשווילאכט׳ס האט געהערשט אין גאנצן לאנד, און פיל זענען דערפון אומגעקומען. די טיפוס עפידעמיע וואס האט צוליב דעם אויסגעבראכן צוזאמען מיט נאך קרענק, האבן געמאכט מענטשן פאלן ווי פליגן.

אין די אנגעצויגענע טעג, איז נישט געווען קיין פלאץ צורעדן, וועגן טאג טעגליכע קלייניקייטן, וואס אין געווענטליכע טעג האט עס פארנומען דעם גאנצן קאפ. יעדע הארץ איז געווען פארביטערט, און יעדער קאפ פארוויטאגט, כדי צוברענגען א שטיקל ברויט, פאר די הונגעריגע הויז געזינד, אין די ישיבות און שולן האט מען געמערט צו מתפלל זיין און תהילים זאגן, מיט א געבעט ביי השי״ת ער זאל זיך דערבארעמען אויף די איבערגעבליבענע פון זיין פאלק, און ער זאל רעטן דיי הייליגע שטאט פון דעם שווערן לאסט פון פיין און צרות, וואס איז אראפ אויף איר.

פונדעסטוועגן האט עפעס פאסירט, וואס מען האט נישט געקענט רוהיג דורכלאזן.

וואס איז געשען?

ווען מען האט אנגעהויבן אויפצושטעלן סוכות, גלייך נאך יום כיפור, האט מען זיך דערוואוסט אז די באוואוסטע וואונדער סוכה פון צדיק רבי מאטאלע טברסקי איז פארשוואונדן.

די פראכטפולע סוכה, וואס ירושלים האט איר גלייכן נישט געזען

איז פארשוואונדן, און דער צדיק איז געבליבן זיצן אין א פשוט׳ע סוכה.

א צייט פון צען יאר האבן די ירושלים׳ער אידן זיך צוגעוואוינט צו זען רבי מאטאלע׳ס וואונדער סוכה, וואס איז געווארן ווי א חן־פערל אין די הייליגע שטאט. פלוצלונג איז זי צוגענומען געווארן, און עס איז נישט געבליבן פון איר קיין פוס טריט.

א חן פון העכערע וועלטן איז געווען אויסגעגאסן אויף די סוכה, און דאס האט פארוואונדערט אלע וואס האבן איר געזען, ספרדים און אשכנזים, פרושים און חסידים. דער ירושלים׳ער רב, רבי שמואל סאלאנט איז אמאל אויסגעקומען צו דורכגיין די סוכה הושענא רבה. כאטש וואס ער איז בלינד געווען און עס נישט געזען, האט ער זיך אפגעשטעלט און געזאגט צו זיין משמש רבי אלי׳ מרדכי אייזנשטיין: „איך שפיר דא א ריח פון גן־עדן״.

דער צדיק רבי חיים ישעי׳ הכהן, דער מחבר פון ספר „מסגרת השולחן״, איז אמאל חוה״מ סוכות אריבער דערנעבן די סוכה, ווען ער איז געגאנגען אין שול מיט די ארבעת המינים אין די האנט. האט ער אוועקגעלייגט די ארבעה מינים פון זיין האנט, צוגעגאנגען צו די ברעטער פון סוכה און זיי געקושט, בדחילו ורחימו.

דער ירושלים׳ער רבי, רבי דוד׳ל בידרמאן, וועלכער פלעגט באזוכן רבי מאטאלען חוה״מ סוכות, האט זיך אמאל זייער צופייערט ביי זיינעם א באזוך, און ער האט זיך אנגערופן צו די חסידים וואס האבן אים באגלייט: „אה, די אושפיזין עילאין זענען דא, א הויכע סוכה איז דאס, מעין סוכה של מעלה״...

וואס איז געווען די עקסטערמקייט פון די סוכה? מיט וואס האט זיך ארויסגעוויזן איר ספעציעלע פראכט, וואס האט צוגעברענגט א פרייד און א הייליגער געפיל, אויף די אלע וואס האבן איר געזען? מען דערציילט אז ווען דער צדיק רבי מאטאלע איז ארויף פון רוסלאנד קיין ארץ ישראל, האט ער מיטגעברענגט מיט זיך די סוכה ברעטער, וואס ער האט באקומען בירושה פון זיינע הייליגע עלטערן, די טשערנאבלער צדיקים. א העכערע הימלישע שיינקייט האט געשפיגלט פון אירע ווענט, און א הייליגער גייסט האט ארומגענומען ווער עס איז אריין צווישן אירע ווענט.

אנדערע ווידער האבן געזאגט, אז די ברעטער וואס זענען געווען אויסגעקריצט מיט וואונדערליכע קונסט ווערק, רבי מאטאלעס

אייגענע ארבעט, דאס האט אזוי באוואונדערט, ווייל ווירקליך איז רבי מאטאלעס ווערק געווען אויסגעצייכנט מיט וואונדערליכע צייכנונגען און קונסטליכע פארמען זענען געווען אויסגעקריצט. די וועלכע האבן געוואוסט אין סוד, האבן געזאגט אז אין די צייכענונגען איז פאראן צירופים פון אותיות און העכערע יחודים, וואס די פשוט׳ע געווענטליכע אויג איז נישט מסוגל עס צופארשטיין. אין די סוכה האט ער צוזאמענגעברענגט וואונדערליכע צירופים, אזוי אז אין די אויסקריצונגען זענען געווען מעורב צוזאמען רמז מיט פשט.

זיבן אויסערגעוועהנליכע ברעטער האט רבי מאטאלע געברענגט מיט זיך ווען ער איז ארויף קיין ארץ ישראל. אין די זיבן ברעטער איז געווען איינגעלייגט א גאנצע בילד פון הוילע קדושה. זיי זענען אריבער צו אים בירושה פון זיינע אלטערן און עלטערנס עלטערן, נאך פון רבי נחום גאון (דער פאטער פון רבי ארי׳ לייב אוסטר צר), וועלכער האט געלערנט חברותא מיט הייליגן בעש״ט זיע״א. דער גאון רבי נחום האט עס איבערגעגעבן פאר זיין זון רבי צבי. נאך אים האט עס גע׳ירש׳נט זיין זון דער באוואוסטער צדיק, דער טשערנאבלער מגיד רבי נחום, דער מחבר פון ספר ״מאירת עיניים׳ , וועלכער איז געווען א תלמיד פון הייליגן בעש״ט. פון אים האט עס גע׳ירשנ׳ט זיין זון רבי מרדכי פון טשערנאבל. דאן איז עס אריבער צו זיין זון רבי יוחנן פון רחמסטריוווקה, דער פאטער פון רבי מאטאלען וואס האט דאס געברענגט קיין ירושלים.

די זיבן ברעטער, וועלכע האבן זוכה געווען צו זיין אין די סוכה, פון וועלט צדיקים, זיי האבן געשאפט די מזרח וואנט אין ר׳ מאטאלע׳ס סוכה, אין ירושלים, אויף יעדע איינע איז געווען אויפגעשריבן איינע פון די ספירות פון נסתר, ווי: חסד, גבורה, תפארת, נצח, הוד, יסוד, מלכות. לויט ווי מען דערציילט, האט דאס ר׳ נחום גאונ׳ס זון אויפגעשריבן. ר׳ מאטאלע האט צוגעגעבן פארשידינע קליינע סימנים, וועלכע מען האט נישט געקענט ליינען, נאר מיט א פארגרעסער גלאז, אבער וואס די סימנים האבן געמיינט האט קיינער נישט געוואוסט.

אמאל איז דער מקובל ר׳ חיים שאול דוויק, אריין אין די סוכה, ער האט געקוקט אויף די אותיות מיט די סימנים, וועלכע זענען געווען אויסגעקריצט, דאן האט ער זיך אנגערופן: ״עס איז באלויכטן געווארן

## די שושלת פון טשערנאבל



א אלטע בילד פון געשטאלט פון הייליגן
מגיד רבי אהרן פון טשערנאבל





הרה״צ רבי יוחנן טברסקי שליט״א דער
פארזעצער פון שושלת אין די טעג

די פארזעצער פון די חסידות אין אונזערע צייט: הרה״צ רבי נחום׳טשע טברסקי, און זיין
ברודער רבי דוד׳טשע נעבן ״קבר רחל״. צווישן זיי זעט מען הגאון רבי שמשון אהרן
פולנסקי דער טעפליקער רב

די מזרח זייט״. די אנוועזנדע האבן דערפון פארשטאנען אז גרויסע סודות זענען דא אויסגעקריצט.

טראץ דעם אלעס, ווען עס איז אנגעקומען דער יאר תרע״ה, מיט אירע אלע גרויזאמקייט, איז נעלם געווארן די סוכה, און ר׳ מאטאלע איז געזעצן אין א געוויינליכע סוכה.

## די חסידים זוכן.

דער וואונדער איז גרויס געווען, און טראץ די שווערע טעג, האט מען געזען ווי די ירושלים׳ער אידן שטייען גרופענווייז, און ביי אלעמען איז די זעלבע פראגע: ״דעם רבינ׳ס סוכה, וואו איז זי אהינגעקומען? דעם רבי׳ן אליין האבן אפילו זיינע נאנסטע נישט געוואלט פרעגן, דעריבער האבן זיי זיך געווענדעט צו ר׳ חיים הערש פעסטער (אייזנבאך), וועלכע איז געווען באוואוסט, פאר איינער פון די שטובלייט, אין רבי׳נס הויז. אבער אנשטאט צו ענטפערן, האט ר׳ חיים הערש פארצויגן מיט די אקסלען, זיך אויסגעדרייט און אוועק. דער אופן ארויסדרייען זיך האט נאך מער פארשטארקט די באהעלטעניש ארום די סוכה.

דערווייל איז עריבער דער יום־טוב סוכות, ווי אויך שמחת תורה און אסרו חג, אבער די חסידים׳ס און ירושלים׳ער אידנ׳ס וואונדער, וואו די סוכה איז פארשוואונדן – איז נישט אריבער.

דער חסיד ר׳ מאיר אייכלר, פון ר׳ מאטאלע׳ס צוגעקניפטע חסידים האט זיך געפונען אין א טאג צווישן מנחה און מעריב, ווען דער עולם האט גערעדט וועגן די סוכה, האט עס אים זייער נישט געשמעקט, און ווילנדיג זיי אריבערפירן אויף א אנדער שמועס, האט ער זיך אנגערופן צו זיי:

„איך מוז אייך דערציילן די מעשה, וואס איך האב אליין געהערט פון רבי׳ן, וואס ער האט דערצעלט אין נאמען פון זיין זיידן, דער צדיק רבי מרדכי פון טשערנאבל (דער זון פון גרויסן ר׳ נחום, געלעבט תק״ל-תקצ״ח).

אין יאר תקנ״ח, ווען אין חדש חשון, איז דער צדיק ר׳ נחום גערופן געווארן אין ישיבה של מעלה, איז פארטונקלט געווארן דער הימל אין שטעטל. די זון האט נישט געלייכט אין גאנצן

אומגעגנד, ביז ענדע שבעה. די גאנצע צייט האט מען אויך נישט געקענט זען די שיין פון די לבנה מיט די שטערן, דורך די גראבע וואלקענעס וואס האבן באדעקט דעם הימל. גאנץ טשערנאבל האט געטרויערט, אפילו די גוים זענען ארומגעגאנגען פארטרויערט יענע גאנצע וואך.

די שטעטלישע איינוואוינער האבן זיך אנגעהויבן אביסל צושטארקן, נאר דאן ווען עס איז זיי אנגעקומען די ידיעה, אז אין שטאט גרייט זיך צוקומען דער באוואוסטער גאון און קדוש, רבי שניאור זלמן פון ליאדי, דער בעל ה„תניא'' און שו''ע. ער איז געקומען טרייסטן ר' נחום זצ''ל'ס זון, רבי מרדכי און די גאנצע משפחה.

ווען עס איז אנגעקומען די צייט וואס דער גרויסער צדיק האט געדארפט אנקומען, זענען אים אלע ארויס מקבל פנים זיין. די שטעטל איז אויסגעליידיגט געווארן פון אירע איינוואוינער. מענער פרויען און קינדער, זענען ארויס אנטקעגן דעם צדיק, וואס זיין געזיכט האט געלויכטן ווי בליטשענדע דימאנטן, און פרעכטיגע שטראלן האבן געשטראלט פון אים. טויזנטער מענטשן האבן זיך געשטופט אין די הויפט גאס פון ר' מנחם נחום'ס הויז, ביז צום ארייגאנג פון שטאט, כדי צוזען זיין פנים. אבער צו אלעמענס פארוואונדערונג, האט קיינער נישט געקענט אויסשטעקן די האנט צום "שלום" נעמען, וועגן די מורא און שרעק וואס זיינע פייערדיגע אויגן האט געווארפן אויף די אנוועזנדע.

דער „רב'' – ווי אלע האבן אים גערופן – איז אריין אין ר' מרדכי'ס שטוב, ער האט געטרייסט די אבלים, און ער האט זיי דערצעלט די פאלגענדע פאסירונג: מיין לערער און רבי, דער גרויסער מעזריטשער מגיד, האט אמאל געזאגט פאר זיינע תלמידים, אז ער האט די מעגליכקייט צו שיינקען פאר איינעם פון זיינע תלמידים א גאר הויכע נשמה. נאר ער ווייסט נישט, ווער פון זיינע תלמידים וועט דערצו זוכה זיין.

ווען דער צדיק רבי אהרן הגדול פון קארלין איז נסתלק געווארן, האט דער מגיד באפוילן זיין תלמיד רבי מנחם נחום פון טשערנאבל, צו פארן אין קארלין, אויפן ציון פון ר' אהרן, און אים

זאגן אין נאמען פון זיין רבי'ן, דער מעזריטשער מגיד, אז אזוי ווי ר' אהרן האט איבערגעלאזט א קליינע יתומה, וועלכע הייסט חי' שרה, און אזוי ווי צו ר' נחום'ען וועט געבארן ווערן א קינד, מיט א גאר הויכע נשמה, דארף מען זיי חתונה מאכן איינער צום צווייטן.

רבי נחום איז געגאנגען אין קארלין, לויט זיין רבי'נס באפעל, דאן איז ער צוריק קיין מעזריטש און פון דארט איז ער צוריק געפארן צו זיך אין דער היים. אין א יאר ארום איז אים געבארן א קינד,וועלכן ער האט א נאמען געגעבן, מרדכי, ער האט שפעטער טאקע חתונה געהאט מיט חי' שרה. זיי האבן געהאט דריי זין: רבי אהרן פון טשערנאבל, רבי משה פון קרעסטשאב, און רבי יעקב ישראל פון טשערקאס, ווי אויך האבן זיי געהאט איין טאכטער.

די תנאים פון רבי מרדכי מיט די יתומה - האט דער „רב" פארגעזעצט צו ערצעלן - איז פארגעקומען אין דעם מגיד'ס הויז. עס האבן אנטייל גענומען אין איר די גאנצע „חבריא הקדושה". דער מגיד האט מכבד געווען רבי מנחם מענדל פון וויטעבסק, דער מחבר פון „פרי הארץ", מיטן ליינען די „תנאים". ווען רבי מנחם מענדל איז צוגעקומען צו די ווערטער: „חי' שרה בת רבי אהרן העומד מצד בתו הכלה", איז ער פלוצלונג אוועקגע־פאלן אין א חלשות, און מען האט אים נישט געקענט דערמינטערן ביז דער מגיד האט געלייגט זיין האנט אויף זיין אקסל, און אים געזאגט: „אזוי האסטו זיך דערשראקן? צו האסטו נאך קיינמאל נישט געזען רבי אהרנ'ען וואס דו האסט אזוי אויפגעציטערט?"

ווי דער מגיד האט אפגעזאגט די ווערטער, איז רבי מענדל געקומען צו זיך, און ער האט געענטפערט: מורי ורבי! איך בין דערציטערט געווארן, ווייל איך האב געזען רבי אהרנ'ען אנגעטאן אין שניי ווייסע קליידער, און בליטשקען ווי הערליכע דימאנטן, לויט ווי איך האב בקבלה, גיבט מען עס נאר פאר איינעם אדער צוויי אין א דור, און איך האב קיינמאל נישט געוואוסט, ווי ווייט גרייכט רבי אהרנ'ס גרויסקייט.

דער „רב" האט געענדיגט מיט טרייסט רייד, און ביז א קורצע צייט האט ער פארלאזן די שטאט.

דאס אלעס האט רבי מאיר אייכלר דערציילט פאר די חסידים, וואס

האבן גערעדט וועגן רבינ'ס סוכה. ר' מאיר האט זיכער געהאט דערביי א כוונה, ווען ער האט דערצעלט די מעשה, און אפשר האט ער געוואלט דערציילן ר' מאטאלע'ס גרויסער יחוס, אז ער האט זיכער געוואוסט וואס צוטאן מיט די סוכה, אבער די חסידים האט ער מיט דעם נישט באגנוגנט, ביז איינער האט געסטארעט און זיך אנגערופן: „וואס אינטרעסירט אונז יעצט מעשיות, מיר ווילן וויסן וואס עס איז געשען מיט דעם רבי'נס סוכה, און אוואו איז דאס אהין געקומען?"

רבי מאיר, וואס האט ווייזט אויס יא געוואוסט עפעס וועגן די סוכה, האט זיך אנגערופן: „איך קען אייך בארוהיגן מיט איין זאך, דעם רבי'נס סוכה ווערט נישט צוגעג'גנב'עט, און עס קען נישט פארלארן גיין. איך האב א אויפווייזנדער פאקט דערצו. אין עשרת ימי תשובה פון יאר תר"ע, איז פארלארן געווארן דער זיבעטער ברעט פון די סוכה, וואס אויף איר איז געווען אויסגעקריצט די ספירה „מלכות". די חסידים האבן פיל געזוכט דעם ברעט און עס נישט געפונען. זעלבסט פארשטענדליך אז דאס האט פארשאפט די חסידים גרויס עגמת נפש. זענען זיי געקומען עס דערצעלן פאר'ן רבי'ן, האט זיך דער רבי אנגערופן: „בארוהיגט זיך מיינע טייערע, נאך „יסוד" קומט די ספירה „מלכות"...

ווי דען קען עס אנדערש זיין?...

גלייך אויפמארגן, ווי דער רבי האט געזאגט די ווערטער האט מען געטראפן די ברעט, און אזוי ווי קיין איינער האט נישט געוואוסט ווי עס איז נעלם געווארן, אזוי האט קיינער נישט געוואוסט ווי מען האט עס געטראפן. „אויב אזוי רבותי – האט רבי מאיר געענדיגט זיינע רייד צו די יונגע לייט – „איר דארפט נישט זארגן פאר דעם רבי'נס סוכה".

אבער הרה"ח רבי דוד וויינגארטן, וועלכער איז געזעצן צווישן די וואס האבן זיך איינגעהערט, האט נישט געלאזט זיך רבי מאיר'ן ארויסדריייען פון דעם ענין, און ער האט זיך אנגערופן: „מיר וועלן אנעמען אז עס איז נישטא וואס צו זארגן, אבער פון יעדנספאל, וואו איז דעם רבי'נס סוכה פארשוואונדן? סוכות איז שוין אריבער, און די סוכה איז נישט געפונען געווארן, עס איז זיכער עפעס דערין, וואס מיר דארפן לערנען דערפון".

הרה"ח רבי מענדל פקשר, וועלכער איז פונקט דורכגעגאנגען דעם פלאץ און געזען ווי די יונגע לייט דריקן צו צו די וואנט זיין מחותן

די שושלת פון קארלין סטאלין



הגה"ק רבי ישראל, "דער פראנקפורטער"
באוואוסט מיט נאמען דער "ינוקא"



זיין זון הרה"צ רבי אברהם אלימלך



און זיין זון הרה"צ רבי יוחנן

ר׳ מאיר אייכלר, האט ער באשלאסן צו ענטפערן אויף זיין פלאץ: „אויב איר ווילט דוקא וויסן, די אורזאך פון די פארשוואונדענע סוכה, אט דא גייט ר׳ חיים יוסף גוטליב, ער וועט זיכער וויסן אייך צו דערצעהלן דעם אמת״. די יונגע־לייט האבן גלייך אפגעלאזן ר׳ מאיר׳ן און זיך געווענדעט צו רבי חיים יוסף׳ן. אבער אויך ער האט נישט געהאט קיין ענטפער אויף די מוטשענדע פראגע.

דערווייל לויפן אריבער די טעג, עס האט זיך שוין געענדיגט דער חודש תשרי. צוויי וואכן פון חודש חשון זענען שוין אויך פאריבער. די וועלט מלחמה בושעוועט נאך אלץ מיט איר שטארקער פארכט. אויף דעם האריזאנט באווייזט זיך נאך נישט איר ענדע, אין קעגנטייל, מער און מער לענדער פון דער וועלט שליסן זיך איין אין איר. די ירושלים׳ער אידן קניען אונטער די שווערע לאסט, שטיצן זיך אן אויף בעטן רחמים פון זייער פאטער אין הימל.

## א מעשה פון חז״ל

י״א חשון, דער יארצייט פון צדיק, ר׳ נחום פון טשערנאביל, זענען זיך צוזאמענגעקומען חסידים און בעלי־בתים צו א סעודת מצוה, אין ר׳ מאטאלעס בית מדרש, ווי ער פלעגט זיך יעדן יאר פירן, צווישן די אנוועזנדע זענען אויך געווען: דער רבי ר׳ דוד׳ל בידרמן, און דער מקובל הגה״ק רבי יום־טוב ידיד הלוי.

אין מיטן דער סעודה, האט ר׳ מאטאלע גערעט, אין חסידות און ער האט דערמאנט די פינעף אין צוואנציג מאמרים אין תורה, פון הייליגן בעש״ט, וואס זענען דערמאנט אין ספר פון רבי מנחם נחום „מאור עינים״. דאן האט ער דערמאנט די פערצן חידושים וואס זענען דערמאנט אין ספר, אין נאמען פון מעזריטשער מגיד, ער האט געענדיגט מיט א סיום אויף די מסכת סוכה, וואס ער האט אנגעהויבן ערב יום כפור. מיט הייליגע ציטער האט דער קהל זיך צוגעהערט צו דעם רבי׳נס שטים. ווי ער ענדיגט די רייד פון מסכה סוכה: „טוב לצדיק טוב לשכנו כמו שנאמר אמרו צדיק כי טוב, כי פרי מעלליהם יאכלו״ (עס איז גוט פאר׳ן צדיק, און גוט פאר זיין שכן,
ווי עס שטייט: לויבט דעם צדיק, אז זיינע מעשים זיינען גוט, ווייל די פרוכט פון זייערע מעשים וועלן זיי עסן).

א ערנסטקייט האט זיך אויף אלעמען אויסגעגאסן, ווייל זיי האבן געשפירט, אז די רייד איז געזאגט געווארן, אין די פאסיגע מינוט.



החסיד רבי מאיר אייכלר



החסיד רבי דוד ווייגגארטן



החסיד רבי מענדל פאקשער (דער צווייטער לינקס) אין א שיעור משניות אין שול פון "כולל שומרי החומות". רבי מענדל איז געווען באוואוסט אין ירושלים אלץ בקי אין די ששה סדרי משנה, פונקטליך מיט זייער לשון, דעריבער זיצט ער פון זייט אן א ספר דער מגיד שיעור איז רבי עמרם וואלנשטיין

פאר'ן בענטשן, האט רבי מאטאלע, נישט ווי זיין שטייגער, אנגעהויבן צודערצעלן די מעשה וואס ווערט געברענגט אין חז"ל (סנהדרין מ"ד ברש"י):

„עס איז געווען א אידישער שטייער מאנער איז געשטארבן. און אין דעם זעלבן טאג, איז אויך נפטר געווארן א חשוב'ער מענטש, און מען האט זיך אפגעגעבן מיט זיין מיטה. די נאנטע פון דעם שטייער מאנער האבן ארויסגענומען די מיטה פון שטייער מאנער נאך זיינע. האבן זיי באפאלן פיינט, האבן זיי אפגעלאזט די מיטות און אנטלאפן. עס איז דארט געווען איין תלמיד, וואס איז געבליבן זיצן ביי די מיטה פון זיין רבי'ן. נאך א שטיקל צייט האבן זיך די חשוב'ע שטאט לייט אומגעקערט צו באערדיגן דעם חכם, האט זיך זיי איבערגעביטן זיין מיטה מיט די מיטה פון דעם שטייער מאנער. דער תלמיד האט געשריגן אבער עס האט נישט געהאלפן, און די נאנטע פון שטייער מאנער האבן באגראבן דעם חכם. דער תלמיד האט זייער געוויינט, וואס פארא זינד האט צוגעברענגט ער זאל באגראבן ווערן מיט שאנד, און פארוואס האט דער רשע זוכה געווען צו באגראבן ווערן מיט אזא גרויס כבוד. האט זיך זיין רבי באוויזן צו אים אין חלום און האט אים געזאגט, האב נישט קיין צער, קום וועל איך דיר ווייזן מיין כבוד אין גן־עדן, מיט גרויס כבוד, און קום וועל איך דיר ווייזן יענעם מענטש אין גיהנום, און א אקן פון טיר פון גיהנום דרייט זיך אויף זיין אויער. אבער איין מאל האב איך געהערט רעדן בייז אויף א תלמיד חכם און איך האב נישט מוחה געווען, דעריבער בין איך באשטראפט געווארן, און דער רשע האט אמאל געמאכט א סעודה פארן שר פון שטאט, און ער איז נישט געקומען, איז דער שר פון שטאט נישט געקומען, האט ער עס צוטיילט פאר ארעמע־לייט, איז דאס געווען זיין שכר".

דער רבי האט געענדיגט זיין ערצעלונג, און געבענטשט ברכת המזון. קיין איינער פון די אנוועזנדע האט נישט פארשטאנען דעם רבי'נס מיין מיט די מעשה, און וועלכע פארבינדונג האט די מעשה מיט'ן יארצייט פון זיין זיידן.

אבער שוין אויפצומארגן האבן אלע ירושלים'ער אידן זיך דערוואוסט ר' מאטאלע'ס כוונה, מיט דערציילן די מעשה.

אין יענע צייט פון די ערשטע וועלט מלחמה, איז אין ירושלים אויסגעוואקסן א פראסטער פארשוין וועלכן מען האט גערופן: „לייבקה ביאליסטוקר", וועלכער האט זיך פארקויפט פארן טייוול, און איז געווארן א מסור, ער האט גע'מסור'ט פאר די טערקישע הערשאפט, אויף יונגע לייט, וועלכע דרייען זיך ארויס פון די רעגירונג, וואס האבן זיי געוואלט מעבליזירן. די וואס האבן זיך געקענט ארויסדרייען פון די טערקישע ג'ערדענמים, פלעגט ער ענטפלעקן און זיי איבערגעבן. צענדליגער יונגעלייט זענען דורך אים איבערגעגעבן געווארן. פיל פון זיי זענען פארשיקט געווארן אין מלחמה פראנט, און האבן זיך נישט אומגעקערט, איבערלאזנדיג די פרויען אלמנות אדער עגונות. מען קען זיך דעריבער פארשטעלן דעם פחד וואס האט אנגעכאפט די ירושלים'ער אידן פון דעם מסור. נאך מער פון אלץ, האט ער געקענט יעדן געסל און ארייננגאנג פון ירושלים. עס איז נישט געוועזן קיין באהאלטעניש וואו מען האט זיך געקענט באהאלטן פון אים.

די ביאליסטוקער קינדער, וועלכע האבן געוואוינט אין אלט שטאט און זיי האבן אים נאך געקענט פון זייער שטאט, האבן דערצעלט פארשידענע זאכן, וואס האט אים צוגעברענגט צו אזא פראסטקייט. אנדערע האבן דערצעלט אז זיין מוטער פלעגט געהן אין גאס מיט די אנטבלויזטע האר. אנדערע ווידער האבן געזאגט אז ביי זיי אין הויז פלעגט מען לאכן פון די פרויען וואס פלעגן גיין, אויסער די שטאט, אכטונג געבן ווען דער גוי מעלקט די מילאך פון די בהמות - ווי דער דין. דער אויפירונג באגלייט מיט ליצנות, האט צוגעברענגט צו אזא „תכשיט".

אין אטאג, ווען לייבקה איז זיך געזעצן צו זיין הנאה, נעבן די „קישלה" (פאליציי סטאנציע) ביים יפו'ער טויער, אין אלט שטאט, און געטרונקען געמיטליך א גלאז קאווע, צוזאמען מיט א גרופע אראבער, איז ער פלוצלונג געפאלן פון בענקל און געשטארבן. די הערשאפט, וואס לייבקה איז נאנט געוועזן צו זיי, האט באפוילן אים צו מאכן א גרויסע קעניגליכע לויה, און פארבאטן די אידן צו עפענען דעם טאג זייערע געשעפטן.

אין דעם טאג איז אין ירושלים נפטר געווארן איינער פון די צדיקים נסתרים, וועלכן מען האט גערופן, רבי ברוך פינטשיק, פון די שטאט וויטצען אין הונגארן. דער דארטיגער רב, דער גאון רבי ישעיה

זילבערשטיין, האט מעיד געווען אויף אים, אז ער איז ריין פון זינד, ווי א איינאריגער קינד.

לויט די דאמאלסטיגע, טערקישע געזעצן, האט מען געלאזט מאכן לוויות, נאר איין שעה אין טאג. - אלע לוויות וועלכע האבן געדארפט פארקומען אין דעם טאג, האבן געמוזט זיין אין די איין שעה, כדי צופארמיידן אפטע צוזאמענקומען, וועלכע איז נישט געוואונטשן אין א מלחמה צושטאנד. דערמיט איז אויסגעקומען, אז די לוויה פון רבי ברוך'ן, און להבדיל די לוויה פון דעם מסור, האט געדארפט פארקומען אין די זעלבע שעה.

מען איז געגאנגען פרעגן איינעם פון די חכמי־ירושלים, און ער האט גע'פסק'נט, אז מען טאר נישט מאכן דיביידע לוויות אין די זעלבע צייט. עס איז בעסער צו מוותר זיין אויף ר' ברוך'ס כבוד, כדי מען זאל אויסמיידן ביידע לוויות זאלן זיך נישט צוזאמענטרעפן. די לוויה פון דעם באהאלטענעם צדיק איז פארגעקומען אין שוץ פון די נאכט פינסטערקייט, ווען נאר צען מענטשן, פון די „חברא קדישא" גיבן זיך אפ מיט אים, אן קיין הספדים. און די לוויה פון דעם מסור, דער רשע איז פארגעקומען מיט גרויס כבוד.

ווען די ירושלים'ער אידן האבן גערעדט וועגן די טראגישע טרויעריגע טאג געשעעניש, איז פון מויל צו אויער אריבער די מעשה וואס ר' מאטאלע האט נעכטן דערצעלט ביי זיין הייליגן טיש, און עס איז געווען פאר אלעמען א וואונדער.

צוויי וואכן שפעטער, ביי א ראש־חדש סעודה, האט ר' מאטאלע ערקלערט די ענטשיידונג צו די צוויי לוויות, וועלכע ער האט געמיינט; פאר א שטיק צייט צוריק האט די טורקישע רעגירונג, ארויסגעגעבן א באפעל, וועלכע פארבאט צוטראגן א נפטר, מיט די הענט, נאר אויף א וואגן. איז דאן ארויס דער מקובל ר' נחמן אנג'ל (פון די הויפט מכוונים אין די ישיבה „בית־אל") אין אלע שולן פון שטאט, אפגעהאלטן דעם ליינען, און האט געבעטן ביי די שול מענטשן זיי זאלן טאן אלץ וואס נאר מעגליך, כדי צו מבטל זיין די גזירה. אין זיין וועג האט ער אויך איינגעטראטן אין די שול וואס ר' ברוך האט געדאווענט. ווען ער האט געוואלט אנהויבן צו רעדן, איז אויפגעשפרונגען איינער א מחוצף און אים פארשעמט צווישן אלעמען. ר' ברוך, וועלכער איז געווען שטארק פארטראכט אין זיינע געדאנקען, האט נישט געהערט די רייד,

און ער האט נישט מוחה געווען אויפן בזיון פון א תלמיד חכם. כאטש ווען ער האט זיך שפעטער דערפון דערוואוסט, האט אים זייער געארט וואס ער איז געווען א אונס און נישט מוחה געווען אויפן בזיון פון תלמיד חכם, אבער עס איז שוין געווען צו שפעט. ער האט די געטאנענע נישט געקענט צוריקערן.

עס האט אמאל פאסירט, אין מלחמה צייט, ווען עס איז געווען א שטרענגער מאנגל אין האלץ צו הייצן. אין א טאג האט ערשיינט א גרופע סאלדאטן, צונומען די סוכה פון „הכנסת־אורחים" שול, און צוגענומען די האלץ, מיטן אויסרייד אז די מיליטער דארף די האלץ צו הייצן און קאכן. די ארעמע לייט האט זייער וויי געטאן, זיי וועלן נישט האבן וואו צו דערכאפן די הארץ און וואו צו עסן יום־טוב. לייב ביאליסטוק'ער האט דאס דערהערט. האט זיך עפעס דערוועקט אין איהם דער אידישער פינטל אין זיין זינדיגע נשמה. גלייך איז ער געלאפן צום פחה, און געפאדערט מען זאל אומקערן די צוגערויבטע סוכה ברעטער. זיין השתדלות האט געהאלפן, די ברעטער זענען צוריקגעקערט געווארן, צו די פרייד פון די ירושלים'ער ארעמע לייט.

דאס האט פאסירט מיט די צוויי לוויות – האט ר' מאטאלע געענדיגט ווינע רייד. – דער צדיק נסתר איז אפגעקומען זיין זינד דורך די באשיידענע לוויה וואס מען האט אים אפגעריכט; און פון צווייטן זייט, דער רשע האט באקומען זיין לוין פאר די מצווה וואס ער האט געטאן, אויף דער וועלט, און האט זוכה געווען צו א בכבוד'יגע לוויה.

ווי אויבן געזאגט – האט ר' מאטאלע דערציילט די מעשה ביי סעודת ראש־חודש. ווען די חסידים האבן געהערט ווי דער רבי דערציילט וועגן א סוכה, האבן זיי זיך דערמאנט אז די פארבארגעניש ארום די סוכה איז נאך אלץ נישט ענדעקט געווארן. די חסידים האבן געזען, אז דער רבי געפינט זיך יעצט אין א צופרידענעם שטאנד, האט איינער פון די חסידים, ר' הערש'ל עקשטיין, זיך געשטארקט און געפרעגט:

„אפשר וועט דער רבי אונז אויסזאגן וואוהין איז פארשוואונדן געווארן דעם יאהר זיין וואונדערליכע סוכה?"

א שטילקייט האט געהערשט צווישן די טיש זיצנדע. ר' מאטאלע האט הארציג געשמייכלט, און אריינגעזאגט אפאר ווערטער אין אויער פון רבי'ן ר' דוד'ל בידרמאן, וועלכער איז געזעצן נעבן אים, אבער וואס

האט קיינער נישט דערהערט. אינצווישן האט דער חסיד רבי חיים יהודה פערלמאן דערלאנגט מים אחרונים. מען האט געבענטשט. און די ענטשיידונג וועגן די סוכה איז אלץ געבליבן פארבארגן.

## ווידער א סעודת הילולא.

טראץ דער טראגישער מלחמה מצב און שרעקליכער מאנגל, האבן די ירושלים'ער אידן נישט מוותר געווען יענעם יאר אויף די חנוכה־ליכט. טראץ די הונגער, דארשט און קרענק, האט אין יעדן אידישן פענסטער און טיר, געצאנקט די דאזיגע ליכט, און אריינגעבראכט א פונק פון האפנונג אין די אידישע הערצער, אז הקב"ה וועט זיכער אינגיכן שיקן זיין הילף, און טאן נסים, ווי ער האט געמאכט פאר אונזערע עלטערן, אין יענער צייט, אין די טעג.

פון מאל צו מאל זענען זיך די חסידים צוזאמענגעקומען, אין די חנוכה טעג, אויף א פריינדשאפט סעודה לכבוד חנוכה. מען האט דערלאנגט גראבע ברויט, און אויף וואסער פון בור האט מען געטרונקען „לחיים". אין די סעודות האט מען ווידער איבערגערעט וועגן דעם רבינ'ס פארשוואונדענע סוכה.

ו' טבת, דער יארצייט־טאג פון רבי יחזקאל הלברשטאם, שינווע'ר רב, דער זון פון צאנזער רב, דער בעל „דברי חיים", האט ר' שלמה ראטה, פון די הויפטן פון כולל „שומרי החומות", געמאכט א באשיידענע סוכה ביי זיך אין הויז. מיט פיל שוועריקייט איז אים אנגעקומען צו צוזאמענעמען אפאר שטיקלאך ברויט און אביסל געטראנק, פאר'ן עילוי נשמה פון צדיק.

אפאר חסידים זענען געזעצן, גערעט אין חסידות און דערציילט מעשיות וועגן דעם גאון און קדוש. אין די סעודה איז ענטפלעקט געווארן דער פארבארגעניש פון דעם רבינ'ס פארלארן געגאנגענע סוכה. און עס איז ענדעקט געווארן די מינדספארשטענדעניש.

אין ירושלים האט געוואוינט דער צדיק און מקובל רבי יום־טוב ידיד הלוי. ער איז געבארן אין ארם צובא, אין סורי'. אנגעקומען אין א"י אין יאר תר"ן, און ער האט בעשטימט זיין וואוינונג נעבן די דירה וואס ר' מאטאלע האט שפעטער געוואוינט. צווישן ביידע האט געהערשט א שטרענגע ליבשאפט.



הרה״צ רבי ישעי׳ זילבערשטיין פון ווייטצען
דער מחבר פון ספר ״משנה למלך״



הרה״צ רבי יוסף ידיד הלוי,
דער הויפט פון די חכמי החלבים

ר' יום־טוב ידיד פלעגט זיך פירן יעדן יאר סוכות צו בענטשן אויף ר' מאטאלע'ס אתרוג, אין ר' מאטאלע'ס סוכה. ווען ער פלעגט אריינקומען אין די סוכה און זאגן דעם סדר אושפיזין, פלעגן די ווענט פון סוכה ציטערן פון זיין ברענענדיגע התלהבות.

די פריינדשאפט און הערע פון ר' יום־טוב צו ר' מאטאלען, האט זיך ארויסגעוויזן אין פארשידענע צייטן.

אין ירושלים האט דאן געוואוינט א איד מיטן נאמען דניאל פרחי. ער איז אויך געקומען פון ארם צובא. אין זיין יוגנט האט ער זיך אפגעשיידט פון פאלק, און איז געגאנגען אויף שלעכטע וועגן. אזוי איז אריבער אויף אים זיינע מערסטע יארן. דאן האט אים באפאלן א תשובה געדאנק, וועלכע ער האט נישט אפגעלאזט. ער האט פארלאזט זיין געבורט'ס שטאט ארם צובא, און געקומען קיין ירושלים, מיט א פעסטער באשלוס, צו ענדערן זיין לעבנ'ס וועג און זיין א ערליכער איד.

אין ירושלים האט ער זיך דערמאנט אין רבי יו"ט ידיד הלוי, וועלכער האט אים נאך געקענט פון ארם צובא. דניאל איז געגאנגען צו אים אין הויז, און אים געבעטן, ער זאל אים לערנען דער וועג פון תשובה, און אים געבן א תיקון פאר זיין נפש, כדי צו פארגיבן זיינע פארגאנגענע זינד.

רבי יו"ט האט אויסגעהערט זיין ביטע און אים געזאגט: איך קען דיר לערנען דעם דרך החיים, ווי עס שטייט אין תורה און שו"ע. דו דארפסט אויספירן אלץ וואס איך וועל דיר לערנען – מיט דיין גאנצן הארץ, וועסטו דאן האבן די מעגליכקייט ארויפגיין העכער און העכער, ביז דיין קאפ וועט גרייכן אין הימל, אזוי ווי די חז"ל זאגן, אז א אמת'ער בעל־תשובה שטייט העכער ווי א צדיק. אבער א תיקון אויף דיינע פריערדיגע זינד, דאס דארפסטו בעטן פון מיין שכן, דער צדיק ר' מאטאלע טברסקי, וואס אויף אים רוהט רוח הקודש, און נאר אזא מענטש, איז מסוגל צו געבן א תיקון, אויף די פארגאנגנהייט".

ר' יו"ט האט דעם מענטשן נישט געגעבן צייט אפילו אפאר מינוט. ער האט אים גלייך אנגענומען ביי זיין האנט, אים אריינגעפירט צו ר' מאטאלע'ן, און אים פארגעשטעלט פאר אים מיט די רייד: „דער מענטש וויל פאריכטן וואס ער האט קאליע געמאכט אין זיינע לעבנ'ס יארן, און ער וויל א תיקון פאר זיין נשמה".

ר' מאטאלע האט אויפגעהויבן זיינע אויגן, און געלייגט זיין בליק

אויף דניאל׳ן, וועלכער איז געשטאנען, צובראכן און דערנידערט. ער האט געקוקט אויף אים נאך און נאך, דאן האט ער געזאגט:

„דער תיקון אויף דעם וואס דו האסט קאליע געמאכט מיט מעשה, איז דו זאלסט פאסטן יעדן ערב ראש־חודש; און אויף דיינע זינד מיט רייד, דארפסטו זיין אויף א גאנצן ליל שישי און לערנען אגאנצע נאכט. אויב עס איז דיר נישט מעגליך צו זיין אויף ביינאכט, זאלסטו זאגן שבת, דעם גאנצן תהילים. און דאס וואס דו האסט קאליע געמאכט מיט די מחשבה, דארפסטו געבן צדקה פאר א חשוב׳ן ארעמאן, וועלכער זיצט טאג און נאכט און לערנט, און שיידט זיך אפ פון אלע הנאות פון עולם הזה, נאר פאר אזא ארעמאן זאלסטו געבן צדקה. ווען דו וועסט אלץ אויספירן, וועט עס זיין א תיקון אויף אלע זינד״...

רבי מאטאלע האט געענדיגט זיינע רייד, ווען פון דניאל פרחי׳ס אויגן גיסן טייכן טרערן. עס האט זיך אים געדוכט, ווי ר׳ מאטאלע נעמט אים ארויס זיין נשמה, וואשט עס און רייבט עס אים גוט אויס, ביז עס ווערט צוריק ריין. פאר ער האט פארלאזט די הויז האט ער מיט א געשטיקטע פון טרערן שטימע, זיך אנגערופן: „דער רבי האט ארייגעגעבן אין מיר א נייע נשמה״.

ווען ער איז געשטאנען ביים שוועל, האט ער זיך ווידער געווענדעט צום רבי׳ן, און אים געפרעגט: „אפשר וועט דער רבי מיר קענען צו וויסן טאן, ווער איז דער מענטש אין ירושלים, וואס ער איז א ארעמאן וואס הארוועט אין תורה און איז אפגעשיידט פון אלע וועלטישע תענוגות״.

„א גרויסע זאך האסטו געפרעגט״ – האט אים ר׳ מאטאלע געענטפערט – אבער דאס קען איך דיר נישט זאגן. דו מוזט זיך צוריקערן צו ר׳ יום־טוב ידיד׳ן, וואס וועט דיר זיכער קענען אנווייזן אויף איינעם. וואס ר׳ יום־טוב האט אים געענטפערט, איז נישט באוואוסט געווארן. אבער מענטשן וועלכע האבן געקענט דעם בעל תשובה פרחי, פלעגן דערציילן, אז יעדן ערב שבת, פלעגט ער ארייינטראגן א שיינעם סכום, צום ירושלים׳ער צדיק, רבי בן־ציון, רבי הערש מיכל׳ס.

רבי מאטאלע׳ס אנהענגער און חסידים, וועלכע האבן געוואוסט רבי יום־טוב ידיד׳ס גרויסקייט, פלעגן זיך זייער דערנענטערן צו אים. צו די סעודה וואס ר׳ שלמה ראטה האט געמאכט ביים יומא דהילולא פון שינוער רב, האט מען אים אויך איינגעלאדנט, צווישן די ירושלים׳ער גדולים.

נאכדעם וואס זיי האבן „דערכאפט די הארץ" איז ר' יום־טוב אויפגעשטאנען און דערציילט די גרויסקייט פון שינווער רב, וועלכער האט צוויי מאל באזוכט ארץ ישראל, און זיך באפריינדעט מיט אלע צדיקים נסתרים פון ירושלים, און ביז היינט דערמאנען זיי נאך זיין נאמען מיט גרויס באגייסטערונג. ביים ענדע האט ער איבערגעזאגט א ווארט וואס ער האט געהערט, פון איינעם פון די ספרדישע חכמים, וועלכער האט עס געהערט פון שינווער רב, ר' יחזקאל אליין: אז אלע מצוות איז אנטקעגן א געוויסן אבר פון גוף, אויסער די מצווה פון סוכה, וועלכע נעמט ארום אלע איברים. דעריבער דארף מען זיין זייער אפגעהיטן מיט איר הייליגקייט.

אויך האט ער פארגעזעצט צו דערצעלן, אז אין טלית און תפילין זעקל פון שינווער רב, פלעגט זיך שטענדיג געפינען חסידי'שע ספרים, צווישן זיי דער „ליקוטי תורה" פון ר' מרדכי פון טשערנאבל (ר' מאטאלע'ס זיידע). ר' יום־טוב האט יעצט ענטפלעקט, אז עס איז שוין א לאנגע צייט, וואס די חכמים פון „בית א־ל" פייניגן זיך זייער אין הונגער, דעריבער פארט ער מארגן אין זיין געבורטס שטאט ארם צובא, צו בעטן פון זיינע תלמידים זיי זאלן שטיצן זיין ישיבה, און ראטעווען אירע לערנער'ס. איך האב גענומען ערלויבעניש – דערצעלט ר' יום־טוב – פון מיין הארצנ'ס פריינד, ר' מאטאלע. ווען איך האב זיך געזעגנט מיט אים האט ער מיר געזאגט: „צוויי יאר האסטו געליטן הונגער. איך ווינטש דיר זיבן זאטע יארן".

(שפעטער איז עס געווען א וואונדער: ר' יום־טוב האט געלעבט זיבן יאר אין ארם צובא, און איז דארט נפטר געווארן.)

רעדנדיג אזוי פון איין זאך אין צווייטן, און ווייל די חסידים האבן דערמאנט דא וועגן דעם ענין פון סוכות, האבן זיי זיך ווידער דערמאנט אין זייער רבינ'ס סוכה, און זיך פארטאן דערמיט. דערווייל האט זיך דעענדיגט די סעודה. רבי חיים יהודה פערלמאן האט געברענגט ווייך צום בענטשן, און רבי יום־טוב איז מכובד געווארן צו בענטשן, ווייל אויפמארגן האט ער גערארפט ארויספארן פון די הייליגע לאנד.

נאכן ענדיגן בענטשן, האט זיך פלוצלינג אויפגעהויבן דער אלטער חסיד, רבי ישראל מאיר גוטליב, און אויסגערופן, אז ער וויל זאגן איינצעלנע ווערטער.

„רבותי" – האט ר' מאיר אנגעהויבן „די סעודה וואס מיר פראווען

דא, איז אייגנטליך, פאר מיר א סעודת הודאה, ווען נישט אונזער דערדריקטע לאגע, אין די טעג, וואלט איך געדארפט אליין צוגרייטן פאר די חסידים א גרויסע סעודה. פאר עטליכע מאנאטן צוריק, איז מיין אייניקל שלמה'לע איינגעפאלן, און די דאקטורים האבן אים גענצליך מייאש געווען. אבער, ברוך השם אויף די גרויסע חסדים וואס ער טוט מיט אונז, איז דער קינד גענצליך געזונט געווארן. דא פיל איך א הייליגן פליכט, אייך צו דערצעלן ווי אזוי עס איז פארגעקומען, און די גרויסקייט פון אונזער רבי'ן ר' מאטאלע".

א שטילקייט איז אריבער צווישן די טיש זיצנדע. ר' מאיר האט אנגעהויבן צו דערצעלן:

„די דאקטורים האבן פעסטגעשטעלט, אז כדי צו ראטעווען דעם לעבן פון קינד, מוז מען אים מאכן עטליכע מאל אין טאג, ווארעמע בעדער, אבער פון וואו נעמט מען א טראפן נפט, אדער א שפענדל האלץ, אין אזעלכע אומרוהיגע טעג? אין מיין ענגשאפט האב איך זיך געווענדעט צום רבי'ן, און אים דערציילט דעם גאנצן צושטאנד. דער רבי האט גלייך, נישט ווארטנדיג א מינוט, מיר צוגעפירט צום פלאץ, וואו עס איז געלעגן זיין וואונדערליכע סוכה, און מיר געזאגט: „אייל זיך צו, ישראל מאיר, נעם די אלע סוכה ברעטער, און ווארעם אן וואסער טאג טעגליך, זאלסט ראטעווען דיין אייניקל פון טויט"...

רבי ישראל מאיר קרעכצט און חלש'ט שיעור פון זיינע צוהצטע געפילן. ער זעצט פאר מיט ציטער: „צום אנהויב בין איך זייער דערשראקן געווארן. אבער דער רבי האט מיר באפוילן בגזירת רב, און נישט האבנדיג קיין ברירה, האב איך געטאן ווי ער האט מיר באפוילן, איך מיט מיין זון, האבן מיט פארזיכטיקייט אראפגענומען די „שמות" פון די ברעטער, ווען דער רבי שטייט די גאנצע צייט נעבן אונז און יאגט אונז אונטער אין אונזער ארבעט. דאן האבן מיר פארברענט די האלץ, און צוגעגרייט ווארעמע בעדער פארן קינד, און געראטעוועט זיין לעבן"...

די אנוועזנדע זענען געבליבן דערציטערט און ערשטוינט, נישט קענענדיג דעם מויל עפענען. שוין א לאנגע צייט וואס זיי מוטשען זיך צו ווינסן וואס האט פאסירט מיט זייער רבינ'ס סוכה, און עס פארנעמט זיי א טייל פון זייער מחשבה, דא האבן זיי זיך פלוצלונג דערוואוסט, פון מויל פון בעל מעשה, ווי אזוי זייער רבי האט אוועקגעגעבן צו

פאברענען זיין וואונדער סוכה, כדי צו ראטעווען דעם לעבן פון א אידיש קינד.

דער חסיד רבי שאול יצחק פריינד, האט דערהערנדיג די רייד, זיך דערמאנט אין א מעשה, און מיט ברענענדיג געפיל האט ער דערציילט:

„אין יאר תרס״ח איז אנגעקומען אין ירושלים, דער גביר רבי העשיל גניחובסקי פון בארדיטשוב, וועלכער האט זיך אפגעגעבן מיט קויפן מיוחס׳דיגע תשמישי קדושה. ווען ער האט געהערט פון רבינ׳ס אויסערגעוויינליכע סוכה האט ער געוואלט אים געבן דערפאר א ריזיגער סכום געלט, וואס דער רבי מיט זיין הויז געזינד וואלטן געקענט דערמיט זיך שפייזן זייער גאנצן לעבן. אבער דער רבי האט אפילו נישט געוואלט הערן דערפון״.

„און יעצט״ – האט ר׳ שאול יצחק געענדיגט – „ווען עס איז צוגעקומען צום רבי׳ן, א מצוה פון ספק פיקוח נפש, האט ער קיין מינוט נישט געצווייפלט, און גלייך איבערגעגעבן זיינע טייערע ברעטער צו ראטעווען״.

„קוקט, וועט איר זען, ווי גרויס איז די ליבשאפט פון רבי׳ן צו א מצוה אין איר צייט״...

# תפלות
# אויף די
# מקומות הקדושים



# עצירת גשמים

## נעבן דעם כותל המערבי.

עס זענען געקומען צרות אויף כלל ישראל און געמאכט פארגעסן די פריוואט זארגן. –

– די חדשים חשון כסלו זענען שוין אריבער. מען האלט שוין אין אינמיטן טבת. אבער דער הימל האט זיך פארהאלטן, און קיין רעגן אין ירושלים איז נישטא. די ערד איז פארטריקנט און צושפאלטן, די זון באקט ווי אין תמוז. דער מענטש און אויך די בהמות, שרייען צו וואסער. אנשטעקיגע קרענק באפאלן דעם ישוב. די טיפוס אפידעמיע בושוועט מיט איר גאנצע קראפט, און פיל פאלן פון דעם.

די אראבער ברענגען אויף זייערע פערד, קריגלען וואסער פון די ברונעמ׳ס וואס איז ארום מקום מקדש, און פאדערן פאר יעדן טראפן וואסער, געפעפערטע פרייזן. יעדן אינדערפרי שטייען די ירושלים׳ער פרויען אין רייע, צוקריגן א בלעך וואסער, ווען די זון שטראלן באקן דעם קאפ. די לייד איז אומטערטרעגליך.

דער ירושלים׳ער רב, דער גאון רבי שמואל סאלאנטער, האט איינגעלאדנט די גאונים, די חברים פון זיין בית־דין, מיט נאך גדולים פון שטאט ביי זיך אין הויז, כדי צו קלערן א עצה, ווי אזוי צו צורייסן די שלעכטע גזירה.

אין די אסיפה האט מען באשלאסן צו באשטימען דעם טעג פון ערב ראש־חודש שבט, פאר א פאסט טאג פון תשובה און תפילה, און שרייען צום אויבערשטן. אין דעם טאג זאלן זיך אויך צונויפקלייבן אלע תלמוד־תורה אינגלאך ביים „כותל מערבי״, בעטן ביי ה׳, ער זאל גיך שיקן ברכה רעגן.

מען האט געלאזט וויסן אין אלע טיילן פון שטאט, אויסרופן פון



די ירושלים׳ער אידן אויפן וועג צום כותל המערבי



א גרופע מתפללים ערב ראש חודש נעבן די כותל המערבי

די רבנים און בתי־דין, און אויף דער נאכט, פארן פאסט טאג האט דער בית־דין שמש אויסגערופן מיט זיין דונער שטימע, אין אלע ברעגעס פון שטאט, וועגן דעם פאסט טאג און די תפילות.

אין די מיטאג שטונדן, זענען אלע שולן אין ירושלים, אשכנזים און ספרדים, פרושים און חסידים, געפאקט געווען מיט מתפללים, וועלכע האבן נישט אויפגעהערט צו זאגן תהילים און סליחות.

נאך מיטאג, איז די אלטע שטאט ליידיג געווארן. מענער און פרויען האבן געשטראמט צו דעם „כותל מערבי". טויזנטער האבן באדעקט דעם גאניק וואס איז נעבן כותל, אויך די אלע דערנעבנדיגע ארייגאנגען, זענען שווארץ געווען פון מענטשן קעפ. די זון פון אויבן האט געגליט אויף די קעפ, וועלכע זענען געווען געווענדעט צום הימל.

עס איז געווען א שוידערליכע, צוטרייסלדיגע בילד. אלע תלמוד תורה קינדער פון ירושלים, זענען געגאנגען אין שורות, צוזאמען מיט זייערע מלמדים צום ריכטונג פון „כותל המערבי". יעדער קינד האט געהאלטן א תהילים אונטער זיין ארעם. דער שליח פון ר' שמואל סאלאנטער האט געדונערט מיט זיין ריזיגע שטים, און אויסגערופן מען זאל מאכן פלאץ פאר די תינוקות של בית רבן, זיי זאלן קענען שטיין הארט ביים „כותל המערבי". מיט ווילן און מיט כח, האט יעדער איינער זיי געמאכט פריי דעם וועג.

דער שטאט מגיד, רבי נטע וויס, איז צוגעגאנגען צום עמוד, איבערגעדעקט מיט זיין טלית, נעבן אים שטייען דעם בריסק'ער רב'ס באוואוסטע בעלי תקיעות, מיט שופרות אין האנט. רבי נטע פאנגט אן צוזאגן תהילים פסוק בפסוק, און דער גאנצער קהל זאגט מיט אים. נאך יעדן פרק זאגט מען דעם „יהי רצון" און שלש עשרה מידות. דער שופר בלאזן פון די ספרדים מיט די אשכנזים דערציטערן. ווען מען האט געענדיגט תהילים האט רבי נטע, מיט זיינע טרערן שטיקנדע שטים, אנגעהויבן צוזאגן די סליחה: „א־ל נא רפא נא תחלואי גפן פוריה". דער גאנצער עולם זאגט נאך מיט צובראכענע הערצער, און טרערנדיגע אויגן.

נאך די סליחות גייט ארויף ר' נטע אויף א הויכער באנק, צו רעדן מוסר רייד, און בעט אין נאמען פון די רבנים, יעדער איינער זאל זיך באטראכטן זיינע מעשים און זיך אומקערן מיט א תשובה שלימה.

ווען ר' נטע איז נאך געשטאנען אינמיטן זיינע רייד און מעורר

געוועזן דאס פאלק צו געוויינערײ און יאמערייען, איז צווישן דעם קהל געווארן א שטופעניש; אויסרופונגען „מאכט פלאץ... מאכט פלאץ... פאר'ן לובלינער רב״, לאזן זיך הערן.

דאס איז געוועזן דער פארכטיגער הייליגער גאון, רבי שניאור זלמן פון לובלין, דער מחבר פון ספר „תורת חסד״, וועלכער איז אין זיינע לעצטע יארן ארויף קיין ירושלים. דורך די גאנצע צייט וואס ער האט געוואוינט אין ירושלים, איז ער געזעצן פארמאכט אין זיין צימער, און זיך אפגעגעבן מיט תורה און עבודה. יעצט האט ער צום ערשטוינונג פון די שטוב מענטשן, אויסגעדריקט זיין ווילן צו גיין דאווענען מנחה און ליינען „ויחל״ צום „כותל המערבי״, טראץ וואס ער האט געפאסט, און איז געוועזן שטארק אפגעשוואכט.

נאך גרעסער איז געוועזן די איבערראשונג, פאר די הויז מענטשן, ווען ארויסגייענדיג, האט ער זיך אנגעטאן זיין ווינטער הוט, וועלכע איז געוועזן געמאכט פון א דיקן פעל. אזוי איז ער געגאנגען צום „כותל המערבי״, טראץ די שטארקע היץ...

די אראבער פון „באטראק״ שוק, וועלכע זענען געזעצן אויף דער ערד, פון ביידע זייטן פון וועג, און האבן גערויכערט די „נרגילות״, ווי זייער שטייגער, ווען זיי האבן דערזען דעם אלטן גאון גייט דורך צום ריכטונג פון „כותל המערבי״, צובעטן אויף רעגן, האבן זיי זיך אויפגעשטעלט לכבוד אים און זיך געבוקט, ווען זיי זאגן איינער צום אנדערן: „הדא איחכים אל איכביר אל יהוד״, - דער איז א גרויסער אידישער חכם, און זיכער אין זיין זכות וועלן מיר שוין האבן רעגן.

רבי נטע ווייס, וועלכער איז געשטאנען אויבן, אויף די בימה, האט געזען ווי דער לובלינער דערנענטערט זיך, האט ער וועגן דעם מורא, וואס האט אים ארומגענומען פון שר התורה, נישט געקענט פארזעצן זיינע רייד. ער האט גיך געענדיגט רעדן, אין מיטן זיינע ווערטער, און האט אראפגענידערט פון באנק. דאן האט ער געוויזן דעם חזן, מען האט געדאוונט מנחה, מיט ריזיגע התלהבות און מיט מורא'דיגע טייכן טרערן.

ווען דער חזן איז צוגעקומען צו די ברכה „ברך עלינו״ און דערמאנט די ווערטער „ותן טל ומטר לברכה״ (גיב אונז טוי און רעגן פאר א ברכה), האבן די ספרדישע תשב״ר קינדער אנגעהויבן גאר הויך, אלע אין איין קול צוזאגן: „ותן טל ומטר לברכה״, „ותן טל ומטר



מענער פרווען און קינדער צו די תפילה





טוריסטן און באזוכער דאמאלס ביים כותל המערבי

לברכה״... צו זיי האבן זיך פון זיך אליין מצרף געווען די אשכנזישע קינדער, פון אלע תלמוד תורה׳ס. ארום דרייסיג מאל האבן די קינדער איבערגעאנגען אויף דעם פסוק, מיט א רירנדיגער, שרייענדיגער קול. די קינדער האבן געשריגן, די גרויסע האבן געוויינט, און עס האט זיך געדוכט אזו אויך די שטיינער וויינען מיט מיט זיי. מיט שוועריקייט איז די מלמדים אנגעקומען שטיל מאכן די קינדער, כדי דער חזן זאל קענען ענדיגן די ברכה. דער ״אמן געשריי פון די אנוועזנדע, האט געשניטן די לופט, און איז ארויף ביז צום הימל.

נאך מעריב, האט זיך דער עולם געכומען צושפרייטן, יעדער צו זיין הויז. אויך דער לובלינער איז געגאנגען טריט ביי טריט, אין די וועג צו זיין הויז, צוזאמען מיט פיל מענטשן, וועלכע האבן אים באגלייט טריט נאך טריט. ווען זיי האבן זיך געפונען אויבן אויפן בארג פון ״בתי מחסה״, האט זיך דער הימל פארדעקט מיט שווארצע וואלקענעס. א ריזיגער דונער האט דורכגעטרייסלט די לופט. ביז אייניגע סעקונדן האט זיך ארויסגעלאזט א גאס רעגן. די עפענונגען פון הימל האבן זיך ברייט צועפנט.

״א גוט חודש, רבי, א גוט חודש, רבי״, האט דער עולם געשאלט מיט פרייד, ווען זיי זענען אנגעקומען, דורכגעווייקט ביז דיביינער, ביים ארייננגאנג פון די הויז פון לובלינ׳ער רב. מיט האנד דריקן און קושן זיין האנט פלאך, האבן זיי זיך געזעגנט פון אים, לויפנדיג זוכן שוץ פון שטארקן רעגן, וועלכע האט געפלייצט אויפן פנים, און אויסגעלייזט די אויסגעטריקנטע ערד. די בורות, וועלכע זענען שוין עטליכע חדשים געשטאנען ליידיג, זענען גאנץ גיך אנגעפילט געווארן, און די ירושלים׳ער אידן האבן געזאגט שירה צו הקב״ה.

## די תפילה פון קינד:

קיינער פון די מענטשן, האט פארשטייט זיך נישט געמערקט אז ר׳ זאב חברונ׳ער – דער ירושלים׳ער באוואוסטער חסד מענטש – וואס האט זיך קיינמאל נישט אפגעשיידט פון ציבור, האט זיך נישט מיט־געטיילט אין די ריזן תפילה נעבן ״כותל המערבי״, אייגנטליך איז דען מעגליך געווען צו זעהן, ווער עס געפינט זיך און ווער נישט? צווישן אזא אויסערגעוויינליכער ריזן קהל. אויסער דעם, האט עס נישט

געקענט ברעגגען זיך צו וואנדערן, ווייל א גרויסער טייל פון די אידן אין ירושלים, זענען ארויס זיך אויסבעטן ביים ציון פון „אור החיים״, וואס אויפן הר הזיתים, דעריבער האבן נישט אלע געקענט אנטייל נעמען אין די תפילה, ביים „כותל מערבי״.

איינער, וועלכער האט יא געפילט אין ר׳ וועלוול׳ס אפוועזנהייט, איז געווען זיין שכן, רבי מאטיל וועלכער האט געוואוינט, אין די אידישע גאס, אין די אלטע שטאט.

רבי מאטיל טראפ, איז געווען א פשוט׳ער איד, „פון א גאנץ יאר״, ער איז געבארן אין די קארפאטן בערג, זיין פאטער, איז זיינע אלע יארן געווען א פויער, אין א פארשטויסענעם דארף ווען ער איז אלט געווען פיר יאר איז ער פאר׳יתומ׳ט געווארן פון זיין פאטער, זיין מוטער האט זיך ערנערט זייער ענג, פון איר ארעמע שטיקל ברויט, האט זי אפגעשניטן, כדי צו קענען צאלן, פאר א מלמד, וועלכער האט געלערנט מיטן קינד חומש און אנהויב גמרא, ווען דעם מלמד האט זיך געמאכט א צווייטע שטעלע, האט ער איבערגעלאזט דעם דארף מיט דעם קינד. דער קינד איז אזוי אויפגעוואקסן, נישט קענענדיג לערנען, נאר א „עין יעקב״. און „שבט מוסר״ מטט „עברי טייטש״. אבער פון קליינוויז אן איז זיין יראה געווען מער ווי זיין חכמה.

בחור׳ווייז, איז ער ארויפגעקומען מיט זיין אלטע מוטער קיין ארץ ישראל און זיך באזעצט אין יפו, דא האט ער חתונה געהאט מיט א פרומע, יראת שמים׳דיגע פרוי, ער האט זיך געשפייזט, דורך אויסקריצן מצבות, אין בית הקברות פון יפו. רבי מאטיל האט ערליך געארבעט, ער איז געווען זייער אפגעהיטן, פון רעדן דברים בטלים, לשון הרע אדער רכילות. און געדינט ה׳ מיט אמונה פשוטה, רוהיג און צופרידן, ביז עס האט פאסירט, וואס ר׳ מאטיל פלעגט זיך פארמיידן דאס צודערצעלן, און עס האט אים ארויסגענומען פון זיין רוהיגקייט.

אין די שטאט יפו, איז געשטארבן איינער פון די כופרים, און פארשווערער פון אידישקייט. ווען די משפחה האט באשטעלט ביי אים אויסקריצן א מצבה, מיט כבוד טיטלען, האט ער זיך אנטזאגט פון צו מאכן די ארבעט, די קנאות זיינע, האט אים צוגעברענגט צו פארלירן זיין פרנסה, דער ועד העיר, האט אים אנטזאגט פון זיין שטעלע, און ער איז געצוואונגען געווען צו גיין קיין ירושלים.

דער רבי מאטיל האט געהאט א איינציג קינד, א פינעף יעריגער,



הג"ר שאול חיים הלוי הורביץ פון דוברובנא
דער גרינדער פון ישיבה און ת"ת "מאה שערים"



דער חדר פון ת"ת און ישיבת "מאה שערים"

וועלכער מען האט גערופן פייטל. ער האט געלערנט אין תלמוד תורה „מאה שערים'', וואס איז אין די טעג אויסגעשטעלט געווארן, דורך דעם גאון, רבי חיים שאול פון דוברוונא, און זיינע מלמדים, האבן געזאגט, אז ער וואקסט א גרויסער ביי אידן.

## היץ פון יראת שמים

פייטל, איז אזוי ווי פיל קינדער פון חדר אין די טעג, קראנק געווארן אויף טיפוס, ווען עס איז געקומען דער באשטימטער פאסט־טאג, האט ר' מאטיל זיך געאיילט צו די „כותל המערבי'', כדי אויסצוגיסן זיין הארץ, און אויסבעטן א רפואה פאר זיין קראנקער קינד, צווישן אלע קראנקע אידישע קינדער. זיין פרוי, די צדקנית, האט אויך געוואלט גיין צום כותל, אבער וואס זאל זי טאן, מיט איר קראנקער קינד? אים אליין איבערלאזן, אין אזא שווערן צושטאנד, איז אומעגליך.

די פרוי איז אריין צום שכן, וועלכער האט שטענדיג געזוכט צוטאן חסד מיט יעדן, ר' וועלוול חברונ'ער, און אים געבעטן, ער זאל איר טאן א חסד, און בלייבן מיטן קינד א קורצע צייט. ר' וועלוול האט ווי זיין שטייגער, גלייך צוגעשטימט, ער האט גענומען א תהילים, זיך געזעצט נעבן קינד'ס בעטל, און זיין מויל האט נישט אויפגעהערט צו שעפצען מזמורים פון תהילים און תפילות, פארן קינד און רעגן, פאר די באשעפעניש און געוואוקסן.

ר' וועלוול פלעגט דערציילן מיט ערשטוינונג, דאס אין די צייט וואס ער איז געזעצן, ביים קליינעם פייטל'ס בעטל, האט זיך דער קינד ערוואכט פאר א קליינע צייט פון זיין שלאף, מיט זיין האנד האט ער צוגעהאלטן דעם קאפל, עס זאל נישט אראפפאלן אויף דער ערד, און מיט זיינע אלע כוחות האט ער זיך אנגעשטרענגט שטיל צובעטן:

„רבונו של עולם, גיב אונז שוין רעגן... גיב אונז רעגן... אונזער בור פון די וואסער איז אינגאנצן אויסגעליידיגט. מיין מאמע וויינט, אויך איך וויין. פארוואס האבן אונז אזוי ווייניג וואסער זיך צו וואשן די הענט? איך בעט דיר, שיק אונז רעגן, וועל איך זיך קענען אפגיסן מיינע הענט מיט פיל וואסער''...

די תפילה, וואס א פינעף יעריגער קינד, האט פון שלאף געבעטן, איז זיכער ארויף אין הימל, און זיך מצטרף געווען צו די תפילות פון אלע אידן.

ווען ר׳ וועלוול חברונ׳ער האט איבערדערצעלט זיין רבין, ר׳ מאשיל גלבשטיין פון ירושלים, דעם קינד׳ס ווערטער, האט זיך ר׳ מעשיל אנגערופן: „די רייד פון קינד, זענען נישט געזאגט געווארן פון קראנקייט היץ, נאר פון היץ פון יראת שמים, וואס זיין פאטער און מוטער פלאנצן שטענדיג אין אים אריין״...

פייטל איז אלט געווען אינגאנצן פינעף יאר, און ער ווייסט צו מדקדק זיין אין הענט אפגיסן ווי א דערוואקסענער. אבער עס איז נישט קיין וואונדער, ווייל פון ווען ער איז אכט טאג געווארן, האט זיין פאטער נישט פארפעלט קיין איין טאג, אפצוגיסן זיינע הענט אינדערפרי.

דער קינד איז טאקע אויפגעוואקסן א חשוב׳ער יונגערמאן, א באוואוסטער תלמיד חכם, און ירא שמים. דער ירושלים׳ער רבי, ר׳ אלעזר מענדל, וואס אלע האבן געוואוסט, אז יעדער באוועגונג זיינע איז הייליג, און עס רוט אויף אים רוח הקדש, פלעגט אויפשטיין פאר דעם יונגערמאן.

מען פלעגט דערציילן אז דער רבי האז זיך אמאל אנגערופן וועגן אים: „דער יונגערמאן פארמאגט ריינע אויגן״... – א קורצער ווארט, וועלכע זאגט פיל.

# אידן אין מערת המכפלה

## אידן פון ירושלים קיין חברון:

די אסכרה מגיפה, וועלכע האט פלוצלונג ערשיינט אין ירושלים, און זיך צושפרייט מיט א שנעלקייט ביז חברון און אירע פארשטעט, האט געמאכט פאלן פיל פון די אידישע קינדערלאך. די דאקטורים האבן געמאכט וואס זיי האבן געקענט, אבער עס האט גאר נישט אויפגעטאן.

די גדולי התורה, האבן זיך געווענדעט צו די מקובלים פון יענעם דור, זיי זאלן אויסגעפינען די סיבה צו די מגיפה, און דער רעטונגס וועג דערפון, דורך א שאלת חלום. די מקובלים האבן אזוי געטאן, און אין די תשובה וואס זיי האבן ערהאלטן איז געזאגט געווארן: „די עלטערן וועלן פארמיידן די קינדערס פלאג". די וואס האבן פארשטאנען אין נסתר, האבן דאס נאכגעטראכט און זיי האבן געזאגט אז דער מיינונג דערפון איז, מען זאל פארן אין מערת המכפלה, זיך אויסלייגן אויף די קברים פון די אבות אברהם, יצחק און יעקב אין חברון, זיך איינבעטן פאר זיי אויף די קינדער, און אין זייער זכות וועלן די אידישע קינדער געראטעוועט ווערן פון די מגיפה.

די תשובה איז טאקע געווען א קלארע, אבער מען האט עס נישט געקענט אויספירן, ווייל אלע יארן האט מען נישט געלאזט ארייין גיין אידן אין די מערה. די גדולי ירושלים האבן עס צוויסן געטאן פאר דעם חברונ'ער רב, רבי חיים חזקיה מדיני, מחבר פון „שדי חמד", און ער האט צוגעהאלפן עס זאל קומען די ישועה פאר די פארפלאגטע אידן. ער האט געשיקט רופן דעם טיכטיגן עסקן, רבי שמעון הויזמן, און צוזאמען האבן זיי אויסגעארבעט א פלאן ווי צו ארייינגיין אין די מערה, דערט בעטן פאר די אידן.

רבי שמעון איז געווען באוואוסט, אלץ איינער פון די געטרייסטע



דער חברונ׳ער רב. ר׳ חיים חזקי׳ מדיני
ד׳ער מחבר פון ״שדה חמד״



קברי אבות אין חברון — דער בנין אויף די מערת המכפלה



דער הויפט ארייגאנג צו די מערת המכפלה דא האט מען נישט ערלויבט די אידן ארייינגייין



די צווייטע אריינגאנג צום בנין,
די אידן זענען דא ערלויבט געווארן ארויפצוגיין נאר 7 טרעפ

און איבערגעגעבנדיגסטע עסקנים, פון אשכנזי'שן ישוב אין חברון. ער אליין איז געווען פון די מכובדים פון שטאט, א רייכער סוחר, וועלכער האט געהאט געקניפטע פארבינדונגען מיט די אראבישע שעכים און אפאנדים, מיט די בדואי'נער פון די דערנעבנדיגע דערפער און פון די טורקישע רעגירונגס מענטשן. ער פלעגט איינמאנען די רעגירונגס שטייער פון די תבואה פון די דארטיגע פויערן, און פעלד אייגנטימערס. ער פלעגט אראפגעבן די באשטימטע סומע פאר די רעגי־רונג, ווען פאר אים איז געבליבן געוויסע פראצענטן. רייטנדיג אויף זיין פערד, פלעגט רבי שמעון דורכגיין פון איין דארף אין צווייטן, איינצומאנען די שטייערן. מיט פריינדליכקייט און שטרענגקייט פלעגט ער טאן זיין פאך, ביז אויך די אראבער האבן אים געשעצט און געערט, פאר זיין שטאלץ און ערליכקייט.

## ערב יום כיפור

די שוועריקייט ארייננצוגיין אין די מערה, איז פאר אלעמען געווען באוואוסט. ר' שמעון האט פארשטאנען אז ער מוז אויסגעפינען א גאר געלונגענער שפיצל, ווי זיך צו קליגן איבער די מוסלעמינער, און טרעפן א וועג פאר אייניגע אידן ארייננגיין אין די מערה. איינער פון די היטער'ס פון די מערה איז געלעגן אין ר' שמעון'ס האנט. ער האט געליגן פון ר' שמעונ'ען א ריזיגע סומע. ווען די באשטימטע צייט איז געקומען, האט ער נישט געהאט אפצוגעבן. צוויי דריי מאל האט ער זיך געווענדעט צו ר' שמעונ'ען ער זאל אים אפשטופן דער באצאלונג'ס צייט און ר' שמעון האט אים דאס צוליב געטאן.

יעצט – האט זיך רבי שמעון געטראכט – איז געקומען די צייט איינמאנען מיין חוב, איך וועל בעטן פון אראבישן שומר מיינע געלט, און מען וועט זען וואס ער וועט מיר ענטפערן.

נאך אין דעם זעלבן טאג, האט ער זיך געווענדעט צו דעם אראבער'ס הויז, און מיט שטרענגקייט געפאדערט, ער זאל אים שוין אפגעבן דעם גאנצן סכום. דער אראבער האט נישט געפונען זיינע הענט און פיס. אן קיין ווערטער אין זיין מויל, האט ער געקוקט צו ר' שמעונ'ען מיט צושראקענע אויגן, מיט א געבעט, ער זאל ווידער אפשטופן די צייט פון באצאלונג.

דאן האט זיך ר' שמעון אנגערופן צו אים מיט א שטילער שטים, ווי מען ראמט איין א סוד: דו ווייסט אז דיין לעבן איז יעצט מיינע הענט. לויט די רעגירונגס געזעצן קען איך דיר ארעסטירן אין טורמע אויף דיין גאנצער לעבן. אבער ווייל איך בין א איד, וועל איך דיר נישט צוברענגען קיין שלעכטס, מיט א תנאי אז דו וועסט אויספירן מיין געבעט, אויב דו וועסט אויספירן מיין בקשה, בין איך דיר מוחל דעם גאנצן חוב. און איך וועל דיר מער נישט מאנען קיין איין פרוטה.

„וואס?!'' – האט דער אראבער ארויסגעשפרונגען – „כדי זיך צובאפרייען פון מיין חוב, וועל איך טאן אלץ וואס נאר מעגליך, חכם שמעון''.

מיר מוזן אריין אין מערת המכפלה, האט אים ר' שמעון געזאגט, „ווען דו זאלסט טרעפן דעם וועג, אייניגע אידן זאלן קענען אריינגיין, בין איך די געגנצליך מוחל דעם חוב''...

דערהערנדיג דעם פארשלאג, איז ער דערציטערט געווארן. ער האט געוואוסט אז ער לאזט זיך אריין אין א הארבע סכנה, ווען מען וועט זיך דערוויסן אז ער האט אריינגעלאזט אידן אין מערת המכפלה, ווען מען זאל זיי כאפן ביים האנט, וועט ער נישט ארויסגיין לעבעדיג פון דעם פלאץ. אבער פון די צווייטע זייט, האט אים זייער געצויגן צו פטור ווערן פון דעם חוב, וועלכער דריקט אויף אים שוין עטליכע יאר. מיט א הארץ פול מיט ציטער האט ער צוגעשטימט צו רבי שמעון'ס פארשלאג, אבער אלס זיכערקייט האט ער אויסגענומען אז נאר צווי זאלן אריינגיין, אנגעטאן אין אראבישע קליידער, קיינער זאל נישט קענען דערקענען אז זיי זענען אידן. אויסער דעם זאלן זיי גיך ענדיגן זייערע תפילות.

רבי שמעון האט נישט האבנדיג קיין אנדער ברירה, צוגעשטימט צו דעם אראבער'ס תנאים. לויט ר' שמעון'ס פארלאנג, האבן זיי באשטימט די אידן זאלן אריינגיין די נאכט פון ערב יום כיפור.

דריי טעג פאר די באשטימטע צייט, האט דער אראבער געשיקט זאגן ר' שמעון'ען אז אלץ איז שוין צוגעגרייט. ר' שמעון מיט פארכט און ציטער, האט אנגעהויבן זיך צוגרייטן אריין גיין אין מערת המכפלה. די גאנצע צייט האט ער געפאסט, זיך פיל גע'טובל'ט אין א כשר'ע מקוה, און נישט אויפגעהערט צו בעטן און זאגן תהילים, אז הקב''ה זאל

באגליקן זיין וועג, און עס זאל נישט צוקומען קיין שטרויכלונג דורך אים, וועגן די קליינע קינדער.

קיינער האט נישט געוואוסט פון דעם איינגעשטעלטן פלאן. אויך פאר זיין הויז געזינד האט ר׳ שמעון גארנישט דערציילט וועגן דעם. אויסער פאר איינעם האט ר׳ שמעון אויסגעגאסן זיין הארץ, פאר זיין רבי׳ן, דער אדא׳ער רב, רבי מרדכי אלעזר וועבער, א תלמיד פון צאנזער רב, און מחבר פון די באוואוסטע ספרים אויף סדר קדשים. רבי שמעון איז געווען פון די איבערגעגעבנסטע פריינד פון רבי מרדכי אלעזר. ער האט אים איבערדערציילט די גאנצע מעשה, און אים פארגעלייגט דעם פלאן: אין די נאכט פון ערב יום כיפור, וועט אל עראפי צוזאמענעמען אלע היטערס פון די מערה, אין זיין גרויסן וויין־גארטן, ער וועט זיי מכבד זיין מיט די בעסטע וויינען. אל עראפי׳ס צוויי זין וועלן זיי אויפנעמען. אל עראפי אליין וועט היטן די מערה, און די צייט וועט ער אויסניצן, כדי אריינגיין און מתפלל זיין. רבי שמעון האט אויך געלאזט וויסן דעם אדאע׳ר רב, אז אל עראפי האט זיי שוין געשיקט איינלאדענען צו דעם פארוויילונג, און זיי האבן זיך זייער געפרייט אויף דעם געלעגנהייט צו פארוויילן די צייט, און זיך אנטרונקען אנשטאט צוזיצן און זיך לאנגווייליגן גאנצע שטונדן.

ווען דער אדאע׳ר רב האט דערהערט רבי שמעון׳ס פלאן, האט ער זיך זייער צופייערט, און זייענדיג – אין זיינע לעצטע יארן – א בעל יסורים, און א שוואכער מענטש (זע זיין ספר „ערך דל״) האט ער גע׳חלשט און עס האט גענומען אלאנגע צייט ביז מען האט אים דערמינטערט. אבער ווי נאר ער האט זיך ערוואכט, האט ער געבעטן פון רבי שמעון, ער זאל אים אויך מצרף זיין צו די הייליגע ארבעט, און צוליב דעם האט ער אים צוגעזאגט, אז ער וועט געענדיגט באגליקן מיט דעם פלאן, און אלע ברכות פון דער תורה וועלן קומען אויף זיין קאפ. רבי שמעון האט זעלבסטפארשטענדליך גלייך צוגעשטימט, אז דער אדא׳ער רב זאל זיין זיין שותף, צוזאמען זאלן זיי אריינגיין אין מערת המכפלה, צובעטן רחמים, פאר די אידישע קינדער. ער האט זיך פארענטפערט, אז ער האט נישט גלייך אליין עס פארגעשלאגן פארן רב, ווייל ער האט אים נישט געוואלט אריינברענגען אין סכנה.

## די קינדער נעבן זייערע עלטערן:

די נאכט פון ערב יום כיפור, פאר חצות, האבן זיך שטיל געשארט, דריי שאטנ׳ס אין די געדרייטע שטעגן, וועלכע האבן געפירט צו די מערת המכפלה. דער ערשטער האט זיך געשארט דער אראבישער שומר אל עראפי, נאך אים ר׳ שמעון, אנגעטאן ווי א אראבישער געבווירענער, נאך אים דער אדא׳ער רב, פארשטעלט פאר א אראבישער פלאך.

שטיל שווייגנדיג, מיט געמאסטענע טריט, ווען זייערע אלע גלידער ציטערן פון שרעק, זענען די דריי אריינגעטראטן אין טונקאלער קארידאר, - וואס א אידישע פוס האט דא נישט געטראטן הונדערטער יארן. - דער אראבער איז געגאנגען פארויס און זיי באלויכטן דעם וועג מיט א קליינעם לאמטערנע. פון דעם קארידאר זענען זיי אריין אין א ריזיגער זאל, וואס זיינע ווענט זענען געווען באצירט מיט רויטער סאמעט געוועבט מיט גאלדענע און זילבערנע פאדים.

„דא איז דער קבר פון איבראהים" (אברהם אבינו), האט דער אראבער אריינגערוימט. זיי האבן זיך גלייך אראפגעזעצט אויף דער ערד, און גענומען מיט פייערדיגע התלהבות זאגן תהילים. פון דארט זענען זיי אריין אין א צווייטן זאל וואס איז אויך געווען אין גאנצן באצירט. אין זייט פון דעם זאל האבן זיי געזען א גרויסער לאך, אין דערמיט האט אראפגעהאנגען א גרויסע מנורה, וועלכע האט באלויכטן די טונקלקייט אינווייניג אין דער אינווייניגסטער מערה.

„דא אונטן" - האט אנגעוויזן אל עראפי - „איז דער קבר פון יצחק". דא האבן זיי ווייטער פארגעזעצט, מיט הייליגער און ברענענדיגער התלהבות, זייער תפילה.

ווען זיי האבן געהאלטן אין מיטן מתפלל זיין, האבן זיי פלוצלונג בײדע דערפילט א מורא׳דיגע פארכט, א שרעק און ציטערניש וואס זיי האבן קיינמאל דאס גלייכן נישט געפילט, האט זיי אנגעכאפט. זייערע גלידער האט זיך געשאקלט, ווי זיי וואלטן געשלעפט געווארן מיט א ריזיגער קראפט. רבי שמעון איז זייער דערשראקן געווארן. אבער דער אדאע׳ר רב האט אים גלייך איינגערוימט אין אויער: „פחד יצחק, פחד יצחק". דאן האבן ביידע אנגעהויבן צו מתפלל זיין און בעטן, עס זאל זיך אפשטעלן די מגיפה פון די אידישע קינדער. אין זכות פון יצחק



די כיפה אויפן פארמאכטן אריינגאנג אין בנין פון די מערה



איינע פון די געביידעס אין בנין, וואס די אראבער רופן עס מכלומר׳שט אלץ פלאץ וואו
די אבות רוהען

אבינו, וועלכער האט אויסגעשטרעקט זיין האלז צו די עקידה, זאלן אידישע קינדער קענען פארזעצן לערנען תורה.

ווען זיי זענען אנגעקומען צו די מערה פון יעקב אבינו, איז געווען פונקט האלבע נאכט. זיי האבן דארט געפראוועט תיקון חצות און געזאגט די סליחות פון ערב יום כיפור. אל עראפי איז זיך דערווייל איינגעשלאפן, און די צוויי מתפללים האבן פארגעזעצט זייער תפילה אונגעשטערט.

פלוצלונג האבן זיי דערהערט א רעש און מענטשליכע פוסטריט. דאס איז געווען דער שומר, וועלכער איז געקומען בייטן אל עראפי'ן. אין די לעצטע מינוט, איז נאך געלונגען פאר די צוויי צו אויפוועקן דעם שומר, זיך ארויסשארן פון א זייטיגער טיר, און זיי זענען אנגעקומען בשלום צו זייער הויז.

אבער אויפמארגן האט איינער פון די שומרים געטראפן דעם תהילים, אינווייניג אין די מערה, וואס אין די שרעק פון אנטלויפן, איז דאס אראפגעפאלן פון ר' שמעונ'ס הענט. עס איז גלייך ארויס דער קול, אז א איד האט באזוכט די מערה. אבער ר' שמעון האט ווידער געהאט מזל, עס איז אים געלונגען צו אפקויפן דעם תהילים פון דעם אראבער פאר פיל געלד, נאך איידער ער האט אנגעיאגט צו צושפרייטן דעם קלאנג, אין די גאנצע שטאט, און דערנעבנדיגע דערפער. דורך דעם האט ער פארמיידט א פרישע צרה.

רבי שמעון האט דערצעלט דעם אדא'ער רב, וועגן דעם תהילים וואס איז פארגעסן געווארן. האט אים דער רב געענטפערט: „איך האב דיר דאך אזוי געזאגט, אז אויב איך וועל דיר באגלייטן, וועסטו האבן א פולשטענדיג גליק".

די אידן פון ירושלים און חברון האבן געוואוסט, די ווארהייט, ווער עס האט באזוכט אין מערת המכפלה, און געבעטן ביי די קברים פון די אבות. זיי האבן עס אויך פאקטיש געפילט, פון דעם ערב יום כיפור האט זיך אפגעשטעלט די עפידעמיע, די אידיש קינדער אין זייער פלאץ, האבן געקענט לייכט אפאטעמען.

# דער מחילה בעטן

## דריי וואונדער:

דער ערשטער וואונדער: רבי איצל'עס זיבעציג יאר, זענען אים אריבער מיט צופרידנהייט, זיינע צוויי זין און דריי איידימס, וואס זענען געווען אויסגעצייכנט אין תורה און יראת שמים, האבן אים פארשאפט פיל נחת. ער אליין איז געווען שטענדיג פריילאך. זיין פנים האט געשטראלט פון גליק. ער פלעגט גריסן יעדן איינעם, מיט א פריינטליכער פנים. ווען ער האט געהאט פרייע צייט, פלעגט ער זיצן אין בית־מדרש, און לערנען שיעורים אין גמרא, און משניות, און חק לישראל און מסילת ישרים. צו דעם אלעס, איז ער אויך געווען אויסגעצייכנט אין גוטע מדות, א עניו און באשיידענער, שווער זיך אויפגערעגט און גרינג איבערגעבעטן, און פלעגט טאן חסד, מיט זיין קערפער און מיט זיין פארמעגן.

זיינע אלע טעג איז ער געווען א חבר אין חברה קדישא גחש"א, פון די פרושים. פיל יאר האט ער געדינט אלץ ראש הדגל. יעדע מצוה, וועלכע איז צוגעפאלן צו זיין האנט, האט ער געטאן מיט שלימות.

פלוצלונג, צום באדויערן פון זיין משפחה און בעקאנטע, איז זיין גאנצער אויסזען פארענדערט געווארן, זיין פנים איז פארעלטערט געווארן, זיינע באקן איז איינגעפאלן, זיין שטימונג איז פארטרויערט, און אינגאנצן דרייט ער זיך ארום מיט שטענדיגע שרעק, און מרה שחורה'דיג.

מען האט דערציילט, אז לעצטנס זעט מען אים וויינען יעמערליך, ביי יעדע תפלת שמונה עשרה. זיינע שטארקע קלעפ אויפן הארץ ביי „סלח לנו" לאזט זיך הערן אין גאנצן בית מדרש.

וועגן וואס וויינט ער? וואס האט פאסירט מיט דעם יונגן־אלטן

פרייליכן מיט לעבנס פרייד איד, וואס איז מיט איינמאל אלט געווארן? פארוואס לויפט ער ארום אגאנצן טאג צו אלע רבנים פון ירושלים, זיי זאלן אים געבן א תשובה אויף זיין גרויסן זינד? וואס פאר א גרויסע זינד האט געזינדיגט דער עלטערער איד, וואס די ירושלים'ער רבנים באוואונדערן זיין יראת שמים און הידור מצוות? ווייסט קיין מענטש.

אנדערע פרובן דאס ארויסציען פון ר' איצל'עס מויל אליין, אבער אנשטאט א ענטפער, הויבט ער אויף זיין קאפ צום הימל, פארמאכט זיינע אויגן, און זאגט מיט ציטער, מיט דעם ניגון פון „על חטא" פון יום כיפור: „תשובה... תשובה... ווי קומט מען צו דערצו?"...

דער צווייטער וואונדער: עשרת ימי תשובה תרכ"ו, אויף דעם בית הקברות אין די שטאט וואלוז'ין, וואס אין ליטע, האט זיך באוויזן צען תלמידי חכמים - א מנין, וואס נעמען ארום א נישט באוואוסטער קבר, זיי זאגן קאפיטלעאך תהילים. דאן נעמט דער הויפט פון די חבורה, ארויס פון זיין בוזעם א בריוו, וואס ביים אנהויב פון דעם שטייט געשריבן: „פעיה"ק ירושלים תובב"א". ער לייענט זיין אינהאלט, און אלע צוזאמען מיט איין שטים רופן אויס: „עס איז אים פארגעבן, עס איז אים פארגעבן, עס איז אים פארגעבן".

ווער ליגט אין דעם קבר, וואס די חכמים פון וואלוז'ין זענען געקומען מתפלל זיין אויף אים? ווער איז דער מענטש, וואס מען האט דריי מאל אים אויסגערופן, אז עס איז אים פארגעבן געווארן? ווייסט קיין מענטש נישט, איינער פון די לערנערס אין ישיבה, האט איינגעשטעלט צו פרעגן דעם רב מרן הנצי"ב, וואס לויט ווי מען זאגט, זענען זיי געגאנגען מתפלל זיין, לויט זיין באפעל. אבער ער האט אבסאלוט נישט געוואלט רעדן וועגן דעם ענין.

דער דריטער וואונדער: ג' חשון תרכ"ו, קומט פאר אין ירושלים א ריזן לויה, וועלכע גאנץ ירושלים, מענער פרויען און קינדער, האבן אנטייל גענומען, ווי נאר די לויה איז ארויס פון שער האשפות - אויפ'ן וועג צו הר־הזיתים, האבן עטליכע פון די באגלייטערס אראפגענומען דעם קערפער פון נפטר, פון די מיטה, אויף דער ערד.

א פארכטיגע און שרעקליכע מעשה! אזוי צווערנידערן א אידישער נפטר?! און נאך א נפטר וואס ר' שמואל סאלאנט און זיין בית־דין

האבן אויסגערופן אויף ביטול מלאכה, און גאנץ ירושלים אין שפיץ פון איר רב מיט זיין בית־דין האבן זיך משתתף געווען?! דער ריזיגער מענטש'ן מאסע, איז דערציטערט און שרעקליך ערשטוינט.

## דער נשיא פון ירושלים

ארום דרייסיג יאר האט ירושלים שטאלצירט מיט איר נישט געקרוינטן רב, דער גאון און קדוש, רבי יוסף זונדל, וועלכער איז ארויף געקומען פון די שטאט סאלאנט. זיין וואוינונג האט ער באשטימט אין א ענגן און ארעמער צימער, נעבן די „חורבה״. ווען ער איז אנגעקומען, האט מען אים גלייך איבערגעגעבן א „כתב רבנות״, אבער ער האט זיך אפגעזאגט דערפון, ווייל ער האט נישט געוואלט הנאה האבן פון זיין תורה. זיין פרוי האט געעפנט א געשעפט, אין וועלכע זי האט פארקויפט עסיג, און מיט דעם האט זי געשפייזט די הויז.

רבי יוסף זונדל, איז געווען פון די אויסדערוויילסטע תלמידים פון רבי חיים וואלוז'ינער. ער איז געווען זייער געהערט און געשעצט פון רבי עקיבא איגר, פויזנער רב, און באליבט אויף אלע גדולים ביי אידן, אין יענע צייט. דער פארזעצער פון רבי זונדל'ס וועג, זיין הייליגער תלמיד, רבי ישראל סאלאנטער, דער גרינדער פון „תנועת המוסר״, שרייבט אויף אים: „איך האב נישט געפונען א עובד ה׳, אזוי ווי מיין רבי און לערער רבי יוסף זונדל״.

פיל פיל מעשיות זענען ארומגעגאנגען צווישן די אידן פון סאלאנט, און שפעטער צווישן די אידן אין ירושלים, וועגן די גרויסקייט און הייליגקייט פון רבי יוסף זונדל.

ווען ער איז געווען א תלמיד אין וואלוז'ינער ישיבה, האבן זיינע חברים געמערקט, דורך א לאנגע צייט, ווי ער שפאנצירט יעדן אינדער־פרי, פארן דאווענען, אין גויאישן שוק, מיט א פארייכערטער פייפ אין זיין מויל. די חברים האבן זיך געוואונדערט אויף דעם מאדנעם שפאנציר פון מתמיד. די זאך איז אנגעקומען צו ר׳ חיים'ן, וועלכער האט גלייך געשיקט רופן רבי זונדל'ן און אים געפרעגט, צו איז ריכטיק די זאך.

„גערעכט איז די רייד פון מיינע חברים״, – האט ר׳ זונדל געענטפ־ערט פאר זיין רבי'ן – אבער אויך איך בין גערעכט. איך האב זיך דערוואוסט, אז עס איז פאראן אידן, וועלכע קויפן ברויט ביי גוים.



דער נצי"ב פון וואלאזין



דער הר הזיתים וואס דערהויבט זיך אנטקעגן דעם מקום מקדש

כדי זיי צו אויסמיידן פון שטרויכלונג פון „פת־עכו״ם״, דריי איך זיך יעדן אינדערפרי אין די גאס פון וואו די אויבנס זענען פאראן, איך גיי אריין אין יעדן אויוון, מיטן אויסרייד אז איך דארף פייער, צו אנצינדן מיין פייף. דערוויל ווארף איך אריין א שפענדל אין אויוון, און רעטע פיל פון שטרויכלונג.

א יאר נאך זיין חתונה, איז אים געבארן א זון. אבער ווען ער איז אלט געווארן פינעף טעג, מיטן אריינקום פון שבת, איז דער קינד געשטארבן. רבי זונדל האט באפוילן זיין פרוי צופארבארגן די זאך ביז נאך שבת. שבת זענען געקומען צו אים, ווי דער מנהג, פיל פון זיינע חברים אים צו ווינטשן מזל־טוב, ער האט יעדן אויפגענומען פריינדליך, ווי עס וואלט גארנישט פאסירט. נאר מיט ארויסגאנג פון שבת, האט ער געשיקט צו וויסן טאן דערפון זיין משפחה, און די חברא קדישא.

אין זיינע לעצטע יארן, וואס אין זיי איז ער אנערקענט געווארן אלץ נשיא און פירער פון שטאט, האט ער געוואוינט אין חצר פון די „חורבה״. דערנעבן האט געוואוינט א עלנטער עלטערער איד. ר׳ זונדל פלעגט טאן זיינע אלע באדערפענישן, און יעדע נאכט פלעגט ער אנשעפן וואסער פאר אים אין הויז. עס האט אמאל פאסירט, אז א פרוי, א מאמע פון קליינע קינדער, איז ערשט פריי געווארן צו קומען שעפן די וואסער שפעט ביינאכט, פונקט אין די צייט, ווען ר׳ זונדל האט געשעפט פאר זיין שכן. די פרוי, וועלכע האט אים נישט געקענט, האט געמיינט, אז זיכער איז ער דער וואסער טרעגער, און אים געבעטן ער זאל איר אנשעפן פינעף בלעכן וואסער. רבי זונדל האט זיך געאיילט צוטאן איר ווילן. אבער ווען ער האט געענדיגט און זי האט אים געוואלט באצאלן, האט ער זיך אפגעזאגט פון נעמען באצאלט, מיטן אויסרייד, אז יעצט איז ער נישט נויטיג אין געלט, ווען ער וועט איר א צווייטן מאל שעפן וואסער, וועט זי אים באצאלן, אויך פאר דעם מאל...

אמאל סוכות, האט מען אים געטראפן אין מיטן נאכט, ווען ער איז געשטאנען אין זיין סוכה, מיט די פיר מינים אין האנט, און געמאכט מיט דעם די נענועים, אזוי ווי ביי הלל. זיינע הויז געזינד האבן זיך זייער געוואונדערט דערויף. אבער ער האט זיי ערקלערט, אז אזוי ווי סאלדאטן, מאכן מאנע ווערס פאר זיי גייען ארויס צו די מלחמה, ווייל זיי ווילן זיין קלאר אין דעם, אזוי דארפן מיר זיך איינגעוואוינען אין עבודת הבורא, צוטאן די מצוות מיט א שטארקע פונקטליכקייט.

ווידער האט מען אים אמאל געטראפן, ווי ער קניט זיך און בוקט זיך, אזוי ווי ביי שמונה עשרה. ווען ער האט געמערקט דעם וואונדערן זיך פון די צוקוקער, האט ער זיי געזאגט, אז ער וויל זיך איינגעוואוינען צו בוקן ביי „מודים", וואס די חז"ל האבן באשטימט ביי דעם פונקטלי־כקייטן: „זקיף כחוויא", זיך אויסגלייכן ווי א שלאנג, א.ד.ג.

אויך האט מען דערצעלט אין ירושלים, אז ר' זונדל האט געהאט א כח, צו דערקענען, א כלי וואס מען האט געקויפט ביי א גוי, צו עס איז גע'טובל'ט, אדער נישט. ווען ער איז אמאל געפרעגט געווארן דערויף האט ער געענטפערט פשוט, אז ווער עס גיבט זיך אכטונג פון א פארבאטענע זעהונג, קען דאס גרינג ערייכן.

אין יאר תקצ"ז, ווען זיין טאכטער האט חתונה געהאט, מיט דעם קיידאנ'ער עילוי, רבי שמואל סאלאנט, דער שפעטערדיגער ירושלים'ער רב, איז נישט געווען קיין ברעג צו זיין פרייד. ער האט זיך אנגערופן: „נאר יעצט האב איך זוכה געווען אין מיין טייל ארץ ישראל". זיין איידעם ווען ער האט דערמאנט זיין שווער ר' זונדל'ן, פלעגט ער אים רופן מיטן טיטל „הקדוש". ער איז זיינע אלע יארן געווען זייער צוגעב־ונדן צו זיין שווער. עס ווערט דערצעלט אז ווען ר' שמואל האט אין יאר תר"ח, פארלאזט ירושלים, צוליב די ישיבה „עץ חיים", האט אים ר' זונדל אמאל אין א בריוו פון ירושלים - געשריבן, אז ער איז געווען דעם פריערדיגן דינסטיג ביים כותל און געבעטן פאר אים. ווען ר' שמואל איז צוריקגעקומען, האט ער דערצעלט, אז יענעם טאג, וואס זיין שווער האט דערמאנט, איז ער געווען שטערבליך קראנק, און געווען נויטיג אין גרויס רחמים.

## רבי זונדל'ס „חטאת נעורים"

ווען ר' זונדל איז אלט געווארן דריי און אכציג יאר, אייניגע טעג פאר זיין פטירה, האט ער געמאכט זיין „חשבון הנפש" פון ווען ער איז געקומען צום שכל, ביז צו יענעם טאג. נאכקלערנדיג האט ער זיך דערמאנט, אז פאר זעכציג יאר איז צוליב אים געטשעפעט געווארן א מענטש. אייגנטליך האט ער נאך דאמאלס אים געבעטן מחילה, און יענער האט אים מוחל געווען מיטן גאנצן הארצן, פונדעסטוועגן האט

ר׳ זונדל געהאלטן פאר א פליכט, צושטעלן א מנין אויף זיין קבר, און בעטן מחילה, פון זיינע ביינער.

וואס איז געשען פאר זעכציג יאר, וואס ר׳ זונדל איז ארויס פון זיין שטייגער, אז ער האט געהאט א ספק מחילה אין פיל יארן ארום?

דאס איז געווען אין וואלאז׳ין מוצאי שמחת תורה. איינער פון די גבאים פון ישיבה האט זיך אנגעטרונקען און ער איז ארויס פון די ראמען ביז ער איז צוגעקומען צו שלאגן. דעם ראש ישיבה ר׳ חיים האט זייער לייד געטאן, צוזען דעם גבאי איז אזא צושטאנד. דאן האט ר׳ זונדל פארגעלייגט, מען זאל נעמען דעם גבאי מיט כח און אים בינדן, ביז ער וועט זיך אויסניכטערן, כדי ער זאל נישט קומען צו שאנד צווישן אלעמען. די עצה איז אנגענומען געווארן. אבער ר׳ זונדל האט גלייך חרטה געהאט אויף זיין פארשלאג, און שוין אויף מארגן ווען דער גבאי האט זיך אויסגעניכטערט פון די וויין, האט ער אים געבעטן מחילה, און יענער האט אים מוחל געווען. יעצט ווען ער האט געמאכט זיין חשבון הנפש, פאר ער איז אוועק פון דער וועלט, האט ער זיך דערמאנט אין די מעשה, וואס האט פאסירט פאר זעכציג יאר צוריק, און וויסנדיג אז דער גבאי איז שוין נישט אויף דער וועלט, האט ער געשיקט א בריוו קיין וואלוז׳ין, מיט א ביטע, מען זאל פאראדרעבנען א מנין תלמידי חכמים זאלן ארויפגיין אויף דעם גבאי׳ס קבר, און אלץ שליחים זאלן זיי אויסרופן אין זיין נאמען, אז יוסף זונדל בן פעסע בעט מחילה פון דעם נפטר, און די צען זאלן אויסרופן מיטן פולן מויל דריי מאל: „עס איז אים פארגעבן, עס איז אים פארגעבן, עס איז אים פארגעבן״...

אזוי האט ר׳ זונדל תשובה געטאן אויף זיין „חטאת נעורים״. אבער ער האט זיך אלץ נישט באגנוגנט דערמיט. צוויי טעג פאר זיין פטירה, האט זיך זיין אייניקל ר׳ בנימין בייניש סאלאנט, א זון פון ר׳ שמואל סאלאנט, דערוואוסט, אז זיין זיידע, ר׳ יוסף זונדל האט געשריבן צוואה, מען זאל אים נישט טראגן אויף א מיטה, נאר מען זאל אים שלעפן אויף דער ערד, ביז צום בית החיים. די זאך האט זייער צולייד געטאן די גאנצע משפחה.

רבי בנימין בייניש איז ארויף צו זיין זיידן, און זיך געבעטן ביי אים, מיט ביטערע טרערן, ער זאל פארענדערן זיין צוואה. אבער ער האט דאס נישט געקענט אויספירן ביי אים. דאן זענען געקומען צו אים, זיין איידעם ר׳ שמואל סאלאנט אין באגלייטונג פון גאון ר׳ אליעזר

ברגמאן, וועלכער איז געווען גוט באפריינדעט מיט ר׳ זונדל׳ען. צוזאמען האבן זיי באקומען פון אים א צושטימונג, אויף א קליינעם ענדערונג, וואס ר׳ זונדל האט אליין געשריבן מיט זיין האנט־שריפט: „פון די טיר פון מיין הויז ביזן קליינעם טויער, וועלכער ווערט אנגערופן שער האשפות, זאל מען מיר טראגן אויף א מיטה. אבער פון דעם טויער ביזן הר הזיתים, זאל מען שלעפן מיין קערפער אויף דער ערד״...

דינסטיג, ג׳ חשון תרכ״ו, איז דער גאון און קדוש מיט שטורעם ארויף אויפן הימל. ווען די לוי׳ מיט אירע פילע באגלייטערס זענען אנגעקומען צום שער האשפות איז געפאלן אויף דעם פארזאמלונג א צוטומלונג און ערשוידערונג. קיין איינער פון די וואס האבן זיך אפגעגעבן מיטן היילגן קערפער, האט זיך נישט געקענט טרויען, צו אראפנידערן דעם אויסגעלייטערטער גוף אויף דער ערד, און אויספירן די צוואה פון נפטר, ביז אלע רבנים פון ירושלים האבן איינשטימיג באפוילן אז רבי איצל׳ע, דער עלטסטער פון די חברא קדישא לייט זאל אויספירן די רייד פון טויטן.

מיט געוואלדיגער געוויין, און פיל טרערן, וואס האבן דורכגעווייקט די תכריכים פון נפטר, און צום יאמערליכער קול פון גאנצער פארזאמל־ונג, וואס האט זיך געהערט ווי ווייט, האט ר׳ איצלע אויסגעפירט דעם ירושלים׳ער נשיא׳ס צוואה. דער גאון ר׳ מאיר אויערבאך פון קאליש, האט זיך נישט געקענט באהערשן, און אויסגעשריגן מיט א ריזן שטימע: „אהה, א ספר תורה איז אויף דער ערד, און איך וואו טו איך זיך אהין?!״...

## יישר כוחך רבי איצל׳ע:

רבי איצל׳ע האט טאקע אנגענומען דעם פסק פון די רבנים פון ירושלים, אבער די זאך האט אים פארשאפט טרויער און לייד אויף זיינע אלע טעג, און ביז צו זיין פטירה, האט ר׳ איצל׳ע געזוכט א תיקון פאר זיין נפש.

א יאר פאר זיין פטירה, האט ר׳ איצל׳ע צונויפגערופן זיינע חברים פון חברא קדישא צו א סעודת הודיה. פיל האבן זיך געוואונדערט, וואס איז פלוצלונג פאר א סעודה. און זיי האבן עס געפרובט צו פארבינדן מיט ר׳ איצל׳עס נערוויזקייט. ר׳ איצל׳ע איז נישט געווען קראנק, נישט געזעצן איינגעזעצט אין טורמע, און אויך נישט געמאכט א סיום

אויף ש״ס, וועגן וואס האט ער געמאכט א סעודה? – ווען זיי זענען געזעצן ביים טיש, האט ר׳ מאיר אניקשטר, פון די גבאים פון „עץ חיים״, דערצעלט וואס ר׳ איצל׳ע אליין האט אים דערצעלט, אז מיט צוויי טעג צוריק, האט זיך באוויזן צו ר׳ איצל׳ען אין חלום, ר׳ זונדל סאלאנטער, אנגעטאן אין גאנצן אין ווייסן. ער האט אים אויסגעשטרעקט זיין האנט און אים געזאגט: „יישר כוחך ר׳ איצל׳ע, וואס דו האסט געטאן מיין לעצטער ווילן״...

# דער ליטווישער אינגל פארט קיין מירון

## לעבעדיגע „מסילת ישרים" ספרים גייען זיך ארום:

אין איינע פון די געוועגנטליכע חשון טעג אין יאר תרס"ז, ווען דער צדיק ר' ידידיה הורודנער איז געקומען צום דאווענען שחרית אין די שול „תפארת ישראל" (ניסנ'ס שול), וואו ער פלעגט שטענדיג דאווענען מיטן „ותיקין" מנין, האט ער געבר'ענגט מיט זיך לעקאך און בראנפן. נאך דעם דאווענען האט ער אלעמען מכבד געווען מיט „לחיים". די דאווענערס האבן דערקענט אז אויף זיין פנים איז אויסגעגאסן שטראלן און פרייד פון א מצוה, פון מויל צו אויער איז אריבער די שמועה, אז נעכטן נאך מיטאג האט רבי ידידי' געטיילט פאר די תלמידים פון די תלמודי תורה אין ירושלים, ניס און זיסע שפייז.

וואס איז געשען מיט רבי ידידי'ן, וואס האט ער אויסגערופן פאר א יום טוב אין מיטן א פשוט'ן מיטוואך? און אין מיטן א געוועגנטליכער טאג מכבד געווען די שול מענטשן מיט משקה? די סיבה דערפון האט זיין משפחה און פריינד זיך דערוואוסט, ווען זיי האבן שוין געהאט זיך אנגעזעגנט מיט קיכל וואס זיין פרוי די עסקנ'טע האט געבאקן. וועגן דעם דארפן מיר צוריקגיין מיט זיבן יאר פריער, אין יאר תר"ס.

אין יענעם יאר, איז אנגעקומען אויף א באזוך אין א"י, ר' ידידי'ס שוואגערס זון, וועלכער האט זיך גערופן ר' עוזר ראזין, פון די שטאט ריגא אין לאטביע. דער ר' עוזר האט מיטגעברענגט מיט זיך זיין זון שמואל, אז זיין פעטער ר' ידידי' זאל אים אויפהאדעווען צו תורה און מעשים טובים, אזוי ווי איינער פון זיינע קינדער. ווען ער איז נאך געווען אין לאטביע האט ער איינערקענט, אז דער פלאץ פון דעם כשרונות באגאפטער וואונדער קינד, איז נאר צווישן די מויערן פון די

"תפארת ישראל" שול פאר די ריזינער חסידים וואס ר' ניסן באק האט אויפגעשטעלט



דער בנין פון דרויסן



אינווייניג אין שול

הייליגע שטאט, און ער וועט נישט טרעפן קיין בעסערע הויז, פאר זיין חינוך ווי די הויז פון זיין פעטער רבי ידידיה.

רבי ידידי' האט גלייך איינגעשטימט דערצו. דעם אינגל'ס פאטער עוזר ראזין, וועלכער איז באוואוסט געווען מיט זיין גרויסע רייכקייט, האט זיך צוריקגעקערט צו זיין געבורטס שטאט, נאכדעם וואס ער האט זיך פון אלעמען געזעגנט מיט דאנקס ווערטער און וואונטשן.

רבי ידידיה איז געווארן זייער צוגעבונדן צו דעם אינגל שמואל, ביז ער האט אים געפילט ווי א אייגן קינד. אזוי ווי מערסט'נס פון די ירושלים'ער קינדער, האט ר' עוזר אים אויך אריינגעגעבן אין די תלמוד תורה „עץ חיים". אויסער דעם האט ר' עוזר געדונגען פאר אים א פריוואט א מלמד, ער זאל אריינדרינגען אין אים תורה און יראת שמים. ר' ידידיה אליין האט אויך באשטימט א געוויסע שעה יעדן טאג, צו לערנען מיט דעם אינגל. מערסטנס פון די שעה האבן זיי געלערנט גמרא, און די לעצטע פערטל שעה, פאר זיי האבן געענדיגט דעם שיעור, האבן זיי געלערנט „מסילת ישרים".

רבי ידידי' האט געזען א ברכה אין דעם אינגל, וועלכער האט געפלייסט אין לערנען און איז פון טאג צו טאג געשטיגן אין תורה און יראת שמים. יעדע וואך האט שמואל געשריבן א בריוו צו זיינע עלטערן. דער עיקר פלעגט ער שרייבן חידושי תורה, וואס ער האט געהערט פון זיינע רבי'ס. צומאל פלעגט ער אויך צושרייבן אייגענע חידושים.

אין איינע פון די בריוו דערצעלט ער:

„נעכטן האב איך געענדיגט דעם ספר „מסילת ישרים". איך פיל אז איך בין איבערגעקערט געווארן צו א אנדער מענטש. היינט אין אוונט וועל איך ווידער אנהויבן דעם ספר פון אנהויב, צוזאמען מיט אונזער פעטער, מיין לערער און רבי ר' ידידיה. עס איז גוט איר זאלט וויסן, אז ווען ר' ידידי' לערנט מסילת ישרים גיסן זיינע אויגן טרערן. נעכטן האט ער מיר דערצעלט אז אין ירושלים גייען זיך ארום פיל צדיקים און נקיי הדעת, וועלכע זענען אין די בחינה פון „מסילת ישרים" ספרים, וועלכע גייען ארום לעבעדיג. הלואי זאל איך זוכה זיין צו זיין ווי איינער פון זיי"...

צוויי יאר, איז אלעס געווען ווי עס באדארף. שמואל איז געוואקסן אין תורה. רבי ידידי' מיט זיין משפחה האבן געקוואלן פון נחת. פלוצלונג

אין אראפ אויף שמואל'ן א בראך, וואס מען האט זיך נישט געראכטן. זיינע אויגן זענען קראנק געווארן אויף א נישט באוואוסטע מחלה, און זיין זעהונג איז שוואכער געווארן פון טאג צו טאג. די דאקטורים האבן קיינער נישט געקענט באשטימען, וואס פארא קרענק ער האט. אבער זיי האבן אלע באשטימט, אז אויב עס וועט פארזעצן ווייטער אין דעם אימפעט און די פארעם, וועט ער אין א קורצע צייט, געווצליך בלינד ווערן.

ר' ידידי' איז זייער צובראכן געווארן הערנדיג די רייד. ער האט אנגעהויבן ארומצוגיין פון איין דאקטער צום צווייטן. ער האט צוטיילט פיל געלט פאר צדקה, און מתפלל געווען מיט א צובראכן הארץ און מיט גרויס געוויין פאר די רפואה פון קינד, וואס זיין זעלע באגערט אזוי שטארק אין תורה. אבער זיין קרענק איז וואס אמאל שטארקער געווארן. די דאקטורים האבן אים פארבאטן צוקוקן אין א ספר. האבן די שיעורים אויך געמוזט וואס אמאל וויניגער ווערן, און אויך די בריוון צו זיינע עלטערן האט ער אלץ וויניגער געשריבן, כאטש ער האט געטאן אלץ וואס מעגליך, צו אויסבאהאלטן זיין צושטאנד פון זיינע עלטערן.

דער אומגליק וואס האט באפוילן דעם פרומער און ערליכער קינד, האט צובראכן די הערצער פון זיינע אלע באקאנטע. רבי ידידי'ס פרוי, וועלכע איז אויך געווען שטארק צוגעבונדן צום קינד, וואס זי האט געהאדעוועט די לעצטע יארן, האט נישט אפגעלאזט איר מאן. יעדן טאג האט זי אים געמוטשעט: „למען השם, ראטעווע דאס קינד; זיי מתפלל, ביז די הימלען וועלן געשפאלטן ווערן, און דיינע תפילות וועלן אנגענומען ווערן. מיר טארן נישט שווייגן. גיי ביי די צדיקים פון דור, זיי זאלן איינרייסן. גיי ביים ציון פון בריסק'ער רב, לאז גיסן טייכן טרערן פון דיינע אויגן. אפשר וועט מען פון הימל רחמנות האבן. אוי ווי איז אונז אויב זיינע עלטערן וועלן זיך דערוויסן זיין ריכטיגער צושטאנד".

וואס האט רבי ידידי' געטאן? יעדע נאכט איז ער אויפגעשטאנען צו חצות, און ביז אינדערפרי האט ער געוויינט מיט ביטערע טרערן, און געבעטן פארן אויבערשטן מיט אינגוויניגסטע געשריי, הקב"ה זאל רחמנות האבן אויף דעם קינד, וואס גארט צו אויפוואקסן א גאון און א קדוש, און ער זאל אים שיקן פון הימל א רפואה שלימה. אינדערפרי איז

רבי ידידי׳ געגאנגען צום כותל מערבי, דארט אויסגיסן זיין הארץ פארן רבונו של עולם, ער זאל זיך דערבארעמען איבערן קינד, און אים צוריק געבן די ליכט אין זיינע אויגן.

## דאס אומגליק איז געקומען.

אין איינע פון די לאנגע ווינטער נעכט, אין די הויז פון איינעם פון די גדולים פון ירושלים, זיצט ר׳ דוד לעבל, שמואל׳ס – וועלכער איז שוין יעצט באוואוסט געווען פאר א עילוי – פריוואט מלמד, און לערנט מיט אים אין מסכת חולין. פלוצלונג אינמיטן לערנען איז געשען דאס וואס מען האט זיך פאר דעם געשראקן די גאנצע צייט, עס זאל נישט קומען. אין שמואל׳ס אויגן האט געפלאצט א הויפט אדער, ער האט פארלארן זיין זעהונגס קראפט.

דאס האט פאסירט, ביי די ווערטער: „אנו על מי נסמוך, בואו ונסמוך על רבי שמעון״ (לו:) (אויף וועמען וועלן מיר זיך פארלאזן, קומט זיך פארלאזן אויף רבי שמעון), האט זיך פארלאשן די ליכט פון זיינע אויגן, און די ווערטער זענען געווען די לעצטע וואס ער האט געזען. דער קינד האט געהאט א שטארקן גייסט, און זעהענדיג זיין צושטאנד, האט ער נישט געשריגן און נישט געוויינט, נאר געבעטן ביי ר׳ דוד׳ן ער זאל פארזעצן דעם שיעור, און ער וועט אים נאכזאגן ווארט ביי ווארט.

רבי דוד׳ס פרוי, אסתר, זעהענדיג וואס האט פאסירט דעם קינד, האט איר ארומגענומען א מאדנער פחד, און זי איז ארויסגעלאפן און צונויפגערופן די שכנים פון ארום. איינער פון די שכנים, א מכובדיגער פערזאן, איז געלאפן צו די הויז פון אידישן פראפעסאר סוקמיינסקי, איינער פון די וועלט בארימטע מומחים אויף אויגן קרענק, וואס זיין נאמען איז אים פארויס געגאנגען נאך אין פולין. (עס ווערט דערצעלט, אז ער איז אמאל גערופן געווארן צום רוסישן צאר, כדי אים צו היילן זיינע אויגן. אינדערמיט איז אנגעקומען די צייט פון קריאת־שמע, האט דער פראפעסער אפגעלאזט דעם צאר, גענומען זיין טלית און תפילין און זיך געשטעלט דאווענען שחרית.) ער איז אנגעקומען אין לאנד לויטן פארלאנג פון בארון רוטשילד, וועלכער האט אים געשיקט צוהעלפן אין די אויגן קרענק, וואס האבן געבושעוועט דא. דער שכן

האט אים געבעטן ער זאל איינוויליגן צוקומען צום קינד און באטראכטן זיינע אויגן, אפשר וועט ער טרעפן א פונק פון רעטונג. אין איין אויגנבליק איז דער פראפעסער שוין געשטאנען ביי דעם קינד, און אים באטראכט, ער האט באשטימט, אז עס איז אבסאלוט נישט דער פלאץ צו אפערירן, ווייל די קלייניגקע אדערלאך, וואס אין קינד'ס אויג זענען זייער אפגעשוואכט געווארן, מען קען נישט מיט א אפעראציע, עס בייטן אדער ארויסנעמען – האט געזאגט פראפעסער סוקמיינסקי, אבער ער האט פארשריבן א רעצעפט, און צוגעגעבן מיט א ווי קרעכץ, אז עס איז דא א קליינער האפנונג, אז דעם קינד'ס אויגן זאל ווידער לייכטן, מען דארף בעטן ביי הקב"ה, ער זאל אים העלפן.

זיי האבן זיך איינגאנצן איבערגעגעבן פאר'ן קינד, זיך אפגעגעבן מיט זיינע מעדיצין יעדן טאג, אבער אן קיין רעזולטאט.

אין זיין גרויס ליידנשאפט, האט דער קינד געהאלטן אין איין וויינען, טאג און נאכט, און געבעטן ביי ה', א תפילה וואס ער אליין האט פארפאסט: ,,רבונו של עולם, וואס בעט איך דען פון דיר? צו דען בעט איך אויף זיך צו פארברייגגען? מיין גאנצער געבעט פון דיר איז נאר, אז איך זאל קענען קוקן אין די רייד פון די הייליגע חז"ל, און לערנען דיין תורה. איך בעט דיר! פאטער אין הימל, קער מיר צוריק די ליכט אין מיינע אויגן, באלייכט זיי מיט די ליכט פון דיין תורה"...

דער ירושלים'ער פעלדשער – דער האלבער דאקטער, רבי משה יולס, וואס האט זיך אפגעגעבן מיטן קינד יעדן טאג, און מיט אים רבי ידידי' און זיין פרוי, האבן געהערט שמואל'ס וויינען און תפילות, פלעגן זיי צוזאמען מיט אים גיסן טייכן טרערן אויף זיין ביטערער צושטאנד, עס האט זיך אלעמען געדוכט אז אויך די גמרא חולין, אין וועלכע דער קינד האט צום לעצטן געלערנט, וויינט ביטערליך, און עס העלפן זיי צו אויך די ווענט פון שטוב, וועלכע האבן געהערט דעם קינד'ס וויינען און בעטן.

## די צווי באלייכטערס אין חברון.

צוויי וואכן זענען אריבער. ר' משה יולס, וועלכער האט זיך שטארק אפגעגעבן מיטן אינגל, האט מורא געהאט פאר א גייסטיגע ווירקונג פון די קרענק, און ער האט פארגעלייגט רבי ידידי'ן, ער זאל אים שיקן

אויף א קורצע צייט אין חברון, דער וועטער זאל אים ווירקן צום גוטן, אמוויינינגסטן אויף זיין גייסטיגן צושטאנד, ער זאל זיך אביסל אויסטשו־כען, און נישט צוקומען ח"ו אינגאנצן צו מיואש ווערן. רבי ידידי' האט געהערט רבי משה'ס פארשלאג, און ער האט אים געשיקט צו די הויז פון זיין פריינד, הרה"ח רבי שמעון הויזמן, וועלכער איז געווען באוואוסט אין חברון און אויך אין גאנץ ארץ ישראל, פאר אמענטש וואס האט ליב צוטאן גוטס מיט יעדן איינעם.

אין יענע צייטן, האט דער אידישער ישוב אין חברון געבליט. צוויי אידישע גדולים, גאונים און צדיקים האבן דארט געוואוינט, דער אשכנזי'שער רב, דער מקובל רבי שמעון מנשה חייקין, און דער ספרדי'שער רב, דער וועלט בארימטער גאון רבי חיים חזקי' מדיני, פארפאסער פון „שדי חמד".

צווישן אט די צוויי צדיקים האט געהערשט א ריזיגע ליבשאפט, און פארשידינע פארבינדונגען האט זיך געוועבט צווישן זיי.

מען פלעגט דערצעלן, צ. ב. אז ביי האלבע נאכט פארלאזן זיי ביידע צוזאמען זייערע הייזער, און גייען אויף א געוויסער ריכטונג וואס איז פאר קיינעם נישט באוואוסט. זיי קערן זיך אום ערשט ווען די זון האלט שוין ביים שפראצן, כדי צו דאווענען ותיקין.

אנדערע פלעגן זאגן אז זיי גייען צוזאמען מתפלל זיין ביים די מערת המכפלה, אין די צייט, וואס לויט ווי חז"ל זאגן איז דאס א שעה פון רחמים צו ערוועקן זכות אבות. אנדערע פלעגן זאגן אז זיי גייען צום קבר פון „ראשית חכמה", און זענען מייחד הייליגע יחודים. אבער אויף זיכער האט קיינער נישט געקענט זאגן.

איין זאך האבן די חברונ'ער אידן געוואוסט צו דערצעלן, אן קיין שום ספק: אמאל איז ארויס א גזירה אויף די אידן פון קוקז – וואו דער „שדה חמד" איז געווען רב, פאר ער איז ארויף אין די הייליגע לאנד – אז אלע אידן מוזן זיך אפשערן די בערד מיט די פיאות. אין זייער ענגשאפט, האבן זיך די ראשי הקהל געווענדעט צו זייער גרויסן רב, און אים געבעטן ער זאל מתפלל זיין, די גזירה זאל בטל ווערן. אין זייער בריוו האבן זיי באטאנט אז די גזירה איז ארויס, לויט די פאדערונג פון די משכילים און די וואס האבן זיך אפגעטיילט פון וועג פון ציבור.

ווען דער „שדי חמד" האט דערהאלטן דעם בריוו, האט עס אים פארשאפט פיל ערגערניש, און ער האט עס דערצעלט פאר זיין פריינד

רבי שמעון מנשה. דאן זענען די צוויי צדיקים געגאנגען צום קבר פון „ראשית חכמה", דארט מתפלל געווען צו השי"ת, זאל זיך דערבארעמען איבער די אידן פון קוקז און מבטל זיין די גזירה. חסידים פון חברון האבן צוגעגעבן, אז זיי האבן געענדיגט זייער תפילה מיט דעם פזמון פון מוצאי שבת קודש: „פדה עמך מעזים, צאנך מיד גוזזים". א אנדייט אויף די גזירה פון שערן די בארד (גזיזה - שערן). אין אפאר טעג ארום, איז אנגעקומען א דאנק בריוו, פון די ראשי הקהל פון קווקז, אז די גזירה איז בטל געווארן.

אויסער די צוויי צדיקים און זייערע תלמידים, האבן זיך אויך געפונען א גרופע פון כלל טוערס אין תורה און חסד. צווישן זיי האט זיך אויסגעצייכנט רבי שמעון הויזמן, וועלכער איז געווען באוואוסט פאר א שטאלצער מענטש. אבער אויך ער זעהענדיג דעם צער פון בלינדן קינד, הערנדיג זיין טראגישן צושטאנד, און די פיין פון זיין אויפהאדעוועך, זיין פריינד רבי ידידי', איז זיין הארץ צובראכן געווארן אין אים, און נישט איינמאל האט ער געוויינט מיט ביטערע טרערן, זעהענדיג ווי דער אינגל דריקט צו די גמרא צו זיין שויס, און יאמערט אויף די פארלאשענע ליכט פון זיינע אויגן, און אז ער קען נישט מער לערנען תורה.

איינמאל זיצנדיג, איז רבי שמעון דורכגעלאפן א געדאנק. די צוויי צדיקים פון שטאט גייען יעדן טאג מתפלל זיין, צו מבטל זיין שלעכטע גזירות, פארוואס אויב אזוי זאל ער נישט אויסניצן די צייט, ווען די צוויי גייען צוזאמען אין זייער וועג, און צוברענגען דאן, דעם קינד צו זיי, זאלן זיי אנווינטשן, אין דעם צייט דעם קינד, עס קען אבער זיין אז זיי וועלן מקפיד זיין. אבער - האט ער זיך געטראכט - איך נעם זייער הקפדה אויף מיר, אבי צו אויסהיילן דעם צובראכענם קינד...

רבי שמעון האט געטראכט און געטאן, ער האט זיך אנגעהויבן ארומדרייען יעדע נאכט, פאר די הויז פון די צדיקים, דעם קינד'ס האנט אריינגעטאן אין זיין האנט. ביז איינמאל ווען ער איז געשטאנען פאר די הויז פון רבי שמעון מנשה, האט זיך געעפנט דער טויער פון חצר און אט דערזעט ער די צוויי גאונים און צדיקים גייען צו זייער וועג.

ציטערנדיג פון עהרן פארכט, און שרעק פון זייער הויכע פערזענליכקייט, אבער פעסט מיט זיין באשטימונג, האט זיך רבי שמעון דערנענטערט מיטן קינד צו זיי. ער האט אים אוועקגעשטעלט צווישן



די משפחה פונשדי חמד אין קאווקאז זענען זיך צוזאמענגעקומען נעמען אפשייד ברכה פון אים פאר זיין ארויפגאנג קיין א"י. אין די בילד זעט מען זיינע זין או איידעמ'ס וועלכע האבן אלע פארנומען רבנות אמטן, ווי אויך זיינע טעכטער און שניר מיטן צניעות'דיגן לבוש, און זיינע פיל אייניקלאך

די צוויי צדיקים, ער אליין האט געכאפט הענט און פיס, און אנטלאפן צו זיך אין הויז, כדי צופארמיידן ויכוחים...

ווי די צוויי צדיקים האבן באמערקט, וואס ר' שמעון האט דא געטאן, האבן זיי פארשטאנען, אז דער קינד נויטיגט זיך אין א הילף. זיי האבן אים ביידע אנגעכאפט ביים האנט. ר' שמעון מנשה האט אנגעהאלטן זיין רעכטע האנט, דער „שדי חמד" אין די לינקע האנט, דאן זענען זיי אלע דריי געגאנגען ווייטער.

די צוויי רבנים האבן גלייך געמערקט דעם קינד'ס אומגליק, און זיי האבן נישט געדארפט א ערקלערונג אין וואס דער אינגל נויטיגט נויטיגט זיך.

דער „שדי חמד" האט זיך געווענדעט צום קינד מיט א שאלה:

„מיין קינד, אפשר געדענקסטו, וואו האסטו געהאלטן ביים לערנען, ווען עס איז צוגענומען געווארן די ליכט פון דיינע אויגן?"

„אין גמרא חולין דף ל"ו" – האט שמואל גלייך געענטפערט.

„ביי וועלכע ווערטער?"

„אנו על מי נסמוך, בואו ונסמוך על דברי רבי שמעון" (אויף וועמען זאלן מיר זיך פארלאזן; קומט זיך פארלאזן אויף די רייד פון רבי שמעון בן יוחאי).

„אויב אזוי" – האבן זיך אנגערופן ביידע צדיקים – „האסטו זיך אויף וועמען צופארלאזן. פארלאז זיך אויף דעם תנא רבי שמעון, וואס אין זיין זכות וועסטו זיכער געהאלפן ווערן. דו דארפסט, מיין קינד, פארן אין מירון, אויף דעם קבר פון תנא, דארט מתפלל זיין, און השי"ת וועט העלפן".

אויף מארגן, האט רבי שמעון שוין צוריקגעברענגט שמואל'ן צו די הויז פון זיין פריינד, רבי ידידי', אין ירושלים. דער אינגל האט דערצעלט פאר רבי ידידי' אלץ וואס איז אריבער אויף אים די פריערדיגע נאכט, און ווי די צוויי צדיקים האבן אים געראטן צופארן קיין מירון, ווען זיי פארזיכערן אים, אז אין זכות פון הייליגן תנא, וועט ער זיכער געהאלפן ווערן.

## אויף דעם ציון פון רשב"י.

לאנג האט זיך געצויגן די וועג פון ירושלים קיין מירון, אין יענע

צייט. רייטנדיג אויף א אנגעזאטלטער אייזל, האט מען אסאך טעג געמוטשעט שפרינגען אויף גרויסע שטיינער און בערג, ביז מען איז אנגעקומען. ר׳ ידידי׳ האט אויף די אלע שטערונגען נישט געלייגט קיין אכט, ער האט זיך אויך נישט גערעכנט מיט זיין שוואכער געזונט צושטאנד, און איז גלייך ארויסגעפארן מיטן קינד, כדי צו מתפלל זיין אויף דעם ציון פון היילגן תנא.

ווען זיי זענען אנגעקומען אין מירון, ווי נאר זיי זענען אריבער דעם טויער, צום ציון פון רבי שמעון, האט זיי באהערשט א נייער גייסט. א טיפער געפיל פון זיכערקייט און רוהיגקייט, פרייד און התלהבות, האט זיי ארומגענומען. אלע תפילות וואס זיי האבן געוואוסט, און אלע ווערטער וואס זיי האבן געהאט אין זייער מויל, האבן זיי דארט אויסגעגאסן ווי וואסער, אויף דעם קבר פון רבי שמעון און געבעטן רחמים, פאר א גאנצע היילונג.

דרייצן טעג האבן זיי זיך געפונען אין די מערה, און ארויסצוגיין פון דארט, אפילו אויף א קורצע צייט. די טעג איז געווען פאר זיי אנגעצויגן פון ווארטן. טעג פון תפילה און הייליגקייט. דער יאוש וואס האט געהאט פארנומען זייער הארץ, איז פארשוואונדן. פון טאג צו טאג איז זיי צוגעקומען א עקסטרעמע געפיל, אז זייער הילף איז נאנט.

אין דעם פינעפטן טאג פון זייער דארט זיין איז געשען דער וואונדער, דאס איז געווען ווען זיי האבן געענדיגט דאווענען שחרית, דער קינד און זיין פעטער, האבן זיך געשטעלט זאגן תהילים לויט דעם סדר. רבי ידידי׳ לייענט יעדן ווארט, און דער קינד זאגט אים נאך. פלוצלונג האט שמואל אנגעהויבן צושרייען נישט מיט זיין קול: „פעטער! מיינע אויגן לייכטן ווידער, איך זע דיין שאטן. טייערער רבי, איך דערקען ווידער פארשידינע געגנשטאנדן״.

רבי ידידי׳ האט שיעור גע׳חלש׳ט פון באגייסטערונג, אבער ער האט זיך אנגעשטרענגט צו הערשן אויף זיינע געפילן און איינשטילן דעם קינד׳ס צושווידערונג.

פון טאג צו טאג, האבן זיינע אויגן מער געלויכטן, ביז צום דרייצנטן טאג, איז די ליכט פון זיינע אויגן גענצליך אומגעקערט געווארן.

צוזאמען זענען ארויס, די איינציגע צוויי לעבעדיגע וועזנס אין די מערה, אין א טאנץ, ווען זיי זינגען מיט התלהבות דעם פזמון וואס מען



די געביידע אויף דעם ציון פון רשב״י
און זיין זון רבי אלעזר



די עלי' קיין מירון פאר הונדערט יאר צוריק



די תפילה נעבן דעם הייליגן ציון







די שמחה פון די ״חאלאקע״, דעם ערשטן מאל אפשערן אוריטע קינדער און זיי לאזן די
פיאות, ל״ג בעומר אין חצר פון די מערה




א פאן איף ל"ג בעומר, מיט די ליד פון די פיאות, וואס עס האט אויסגעשטעלט ר' אליהו נחום פרוש, פון די ירושלימ'ער פיינע אידן און געדרוקט געווארן דורך די השתדלות פון הרה"ח ר' מאיר כהן שליט"א

די וואס האבן געהיט טרייהייט צו מירון,
און פלעגן אפט פארן צום ציון פון רשב"י



דער חסיד ר׳ יונה לעבל



רבי בערל זילבערמאן דער נאמן
פון די מקומות הקדושים



הצדיק רבי אברהם׳לע שטרינגהארץ



רבי ראובן שפנייער,
דער אויפטו מענטש



רבי יוסף חיים זאנענפעלד׳ס אויפגאנג קיין מירון אין יאר תרפ״ג, צוזאמען מיט א גרופע
פון זיין משפחה און באקאנטע, אונטערן ציון פון ר׳ יוחנן הסנדלר זעט זיך אן ר׳ יוסף
חיים׳ס געשטאלט, אויבן שטייען זיין איידעם הרה״ח ר׳ מענדל פרידמאן און זיין אייניקל ר׳
מנחם שיינבערגער

פירט זיך צוזינגען אין דעם דאזיגן הייליגן פלאץ: „תורתו מגן לנו, היא מאירת עינינו, הוא ימליץ טוב בעדינו, אדונינו בר יוחאי"... (זיין תורה שיצט אונז, זי באלייכט אונזערע אויגן. ער זאל טראגן א גוטן זכות אויף אונז, אונזער האר בר יוחאי...).

אין זיין גרויס באגייסטערונג, האט רבי ידידי' צוגעגעבן צו דעם אנגענומענעם פזמון, די ווערטער, מיט דעם זעלבן ניגון: „אנו על מי נסמוך", און שמואל האט קעגן אים געענטפערט: „בואו ונסמוך על רבי שמעון בן יוחאי"...

נאך פופצן טעג, האבן רבי ידידי' און שמואל זיך אומגעקערט קיין ירושלים. אויפן וועג האבן זיי נאך אנגעיאגט צו זיין אין טברי', און אריינכאפן א ברכה פון די צדיקים דארט, דער רב פון שטאט דער גאון און צדיק רבי משה קלירס, און פון הגה"צ רבי מרדכי חיים סלונים (רבי מאטל דיין) אויף אים האבן זיי פיל געהערט אין ירושלים.

אין דעם זעלבן טאג וואס ער איז אנגעקומען קיין ירושלים, האט ער פארטיילט זיסע שפייז און ניס פאר אלע תלמוד תורה קינדער.



רבי אשר זעליג מרגליות אין א הייליגן טאנץ לכבוד דעם ג-טליכן תנא



דער טבריע'ר רב — הגה"צ רבי משה קליערס
פון רעכטס הרה"צ ר' נח וויינבערג דער פאטער פון סלאנימער רבי שליט"א
פון לינקס הרה"צ ר' מתתי' סנדברג פון די גרינדער פון ישיבת "אור תורה" אין טברי'



הגה"צ רבי מרדכי חיים סלונים (ר' מאטל דיין)



ר׳ משה קלירס (דער דריטער אין מיטן) און רבי מאטל דיין (פון רעכטס) אין ישיבת ״אור
תורה״ אין טבריי׳

# אין פיין
# פון
# ירושלים



# דער קאמף קעגן מיסיאן

## די אנטדעקטע מצבה

ר' זעליג בריסק איז געווען אויפגענומען פון דער „חברא קדישא" אין ירושלים צו האלטן ריין די מצבות פון די קברים אויפן הר הזיתים און צו אפווישן פון צייט צו צייט דעם שטויב וואס קלייבט זיך אן אויף זיי. אין איינעם פון די חנוכה־טעג אין יאהר תרצ"ג האט ר' זעליג, עוסק'נדיג זיך אין זיין ארבעט אויפן הר הזיתים, געפונען א אומבאקאנטע מצבה אין איינע פון די חלקות אין חלקת הנביאים. ער ווישט אפ די מצבה מיטן דראטענעם בארשט וואס אין זיין האנט, דאן גריבעלט ער מיט זיינע פינגער אין דעם איינגעגעסענעם שריפט, ביז די אותיות דערקענען זיך שוין. ער לייענט: „פ"נ שמש כולל ורשא הקדוש מו"ה מאיר ב"ר גדליה מאפט שנהרג עקה"ש ביום כ"א תמוז תרמ"ג" – דא ליגט באהאלטן דער שמש פון כולל ווארשא דער קדוש מו"ה מאיר ב"ר גדליה וועלכער איז דערמארדעט געווארן אויף קדוש השם אין טאג כ"א תמוז יאהר תרמ"ג.

א איד איז אומגעקומען אויף קדוש השם אין ירושלים אין יאהר תרמ"ג ? – שטוינט ר' זעליג – און איך האב דערפון קיינמאל נישט געהערט, עס איז מן הסתם א טעות דא געפאלן. אבער די זאך לאזט איהם נישט צורוה און ער זוכט אוואו צו דערגיין עטוואס וועגן דעם. ארום צוויי וואכן דערנאך טרעפט ער זיין פריינד הרה"ח ר' יעקב געלבשטיין, פון די אנפירער פון דער „חברא קדישא", און ער דערצעהלט איהם וועגן זיין אנטדעקונג.

ר' יעקב געלבשטיין איז פאר דעם א לענגערע צייט שווער קראנק געווען און ער איז א שיינע פאר חדשים צוגעשמידט געווען צו זיין בעט. אין זיין קראנקהייט האט ער געהאט באשלאסן אפצו־



הרה״ח רבי יעקב געלבשטיין, פון די הויפט פון
״חברא קדישא״ גחש״א ירושלים



שנת תרמ״ג לפ״ק

תמוז

כב

די פארצייכנונג אין בוך פון ח״ק הכללית אין ירושלים
וועגן די מצבה פון רבי מאיר פון אפט



ר׳ יקותיאל בה״ר יצחק קליין ז״ל
א ירושלים׳ער געבארענער, דער קברן און
קריצער פון מצבות אויפן הר הזיתים פון די
חסידים



ר׳ יוסף בה״ר אליהו דנקר ז״ל פון לוצקין
געבארן אין ירושלים תר״ח; נפטר געווארן
ו׳ ניסן תרפ״ז. דער היטער פון די קברי צדיקים
און זיך אפגעגעבן מיט גונז זיין דארט די ״שמות״



ר׳ צבי בה״ר מרדכי שניצר ז״ל
דער קברן און קריצער פון מצבות פון די אשכנזי׳ישע עדה
נפטר געווארן ט״ז סיון תרס״א

קברנים אין ירושלים דאן

לאזן זיין ארבעט אין דער „חברא קדישא" ווען ער וועט געזונט ווערן. אבער ווען עס האט איהם באזוכט דער גרייז גראער ירושלימ־ער רב, דער גאון ר' יוסף חיים זאנענפעלד, האט ער איהם געבעטן נישט אפצולאזן זיין הייליגע ארבעט און ער האט איהם, ווי זיין שטייגער, געזאגט א רמז פון א פסוק אז ער דארף פארזעצן זיין אויפגאבע אין דער „חברא קדישא". „ויעמידה ליעקב לחק" – האט ר' יוסף חיים געזאגט – אין דעם פסוק איז דא א רמז אז ר' יעקב דארף ווייטער אנגיין מיט זיין ארבעט אין „חק" וואס די ראשי תיבות דערפון איז „חברא קדישא". ר' יעקב האט דאס דעם ירושלמ־ער רב פארשפראכן. אונצווישן איז ר' יוסף חיים זאנענפעלד נפטר געווארן, אין י"ט אדר ב' תרצ"ב, און ר' יעקב געלבשטיין האט זיין הבטחה געהאלטן און ער האט צוריקגעקערט צו זיין הייליגע ארבעט.

יעצט הערט ר' יעקב פון ר' זעליג'ס מויל וועגן דער אנטדעק־טער מצבה און איהר אויפשריפט. עס דוכט זיך איהם, זאגט איהם ר' יעקב, אז ער האט אמאל געהערט וועגן דעם פון ר' בנציון שפירא, דער זוהן פון הגה"צ ר' צבי מיכל דער מחבר פון ספר „ציץ הקודש", און ער ראט איהם אריבערצוגיין צו איהם וועט ער קענען וויסן גענוי דעם ספור פון דעם וואס ליגט באהאלטן אונטער דער דערמאנטער מצבה.

ר' זעליג איז נאך אין זעלבן טאג געווען ביי ר' בנציון שפירא אין שטוב, און יענער האט איהם דערצעהלט אלעס וואס ער האט געהערט דערויף פון זיין פאטער דער צדיק ר' צבי מיכל.

דאס איז געשעהן אין איינע פון די מערכות וועלכע די רבנים אין ירושלים האבן פארפירט קעגן דעם מיסיאן, אין זיינע אפטערע פארזוכן אריינצוכאפן אין זיין טמא'דיג בעץ ארעמע אידן אין ארץ ישראל. אין יאהר תר"מ איז אין ארץ ישראל אנגעקומען צום דאזיגן צוועק א משומד מיטן נאמען מאקס פרידלענדער, וועלכער האט שוין פריער געפראוווט זיין כח ביי אידן אין רוסלאנד און עס האט זיך איהם נישט איינגעגעבן. ער האט דא אין לאנד אפגעקויפט דעם באדן פון דער קאלאניע „הר טוב" אויפן וועג וואס פירט פון לאנד־צענטער קיין ירושלים, מיטן ציל צו באזעצן אידן דארט און באשעפ־

טיגן זיי אין פעלד־ארבעט. אין אנפאנג איז עס איהם געלונגען אויס־צובאהאלטן זיינע אמת'ע מיסיאנערישע צילן, אבער באלד נאך איהם איז אנגעקומען אין ארץ ישראל א איד א נגיד און א חסיד מיטן נאמען ר' מאיר אפטער, וועלכער האט געקענט פרידלענדער'ן און זיינע טמא'דיגע צילן נאך פון חוץ לארץ. אט דער ר' מאיר איז דירעקט אהערגעקומען צו ווארנען די אידן אין ירושלים פארן דאזיגן נידערטרעכטיגן משומד.

אין געוואלדיגער מסירות נפש איז ר' מאיר ארויפגעקומען אין ארץ ישראל. ער האט איבערגעלאזן אין חוץ לארץ זיינע ווייט פארשפרייטע געשעפטן, זיין פארצווייגטע פאמיליע, און ער איז דא געווען דער שמש פון כולל ווארשא. כדי צו דא פון דערנאהנטן קענען מעורר זיין און פירן א קאמף קעגן דעם משומד פרידלענדער.

ר' מאיר איז דערשיינען פאר די רבנים אין ירושלים און ער האט זיי דערצעהלט אלעס וואס ער ווייסט וועגן דאזיגן משומד. ווען די רבנים האבן זיך איבערצייגט אין דעם אמת פון זיינע רייד, האבן זיי באנייט דעם שטרענגן איסור פון די פריערדיגע גדולים אין ירושלים אויפן מיסיאן און אויף יעדערן וואס קומט אין באריר מיט איהם, אויך אויף די קאלאניסטן אין הר טוב. זיי האבן אויסגערופן אז דער וואס וועט עובר זיין אויפן דאזיגן איסור וועט מען זיינע קינדער נישט מל זיין און זיינע געשטארבענע וועט מען צו קבורה נישט ברייגנען. דאס איז געווען דער איינציגער וואפן וואס די רבנים האבן פארמאגט קעגן די שוואכע כאראקטערס וועלכע האבן זיך געלאזט איבעררעדן פון מיסיאן פאר א טאג ארבעט.

אין איינעם א טאג איז לא עלינו אוועק פון דער וועלט א קינד פון די קאלאניסטן אין הר טוב. די „חברא קדישא" האט לויט דעם בפירוש'ן פארבאט פון די רבנים, נישט געוואלט ברייגנען דעם געש־טארבענעם קינד צו קבר ישראל. דאס האט ארויסגערופן א גרויסער שטורעם ביי די צורייצטע און צוהעצעטע קאלאניסקן אין הר טוב, און זיי האבן זיך אראפגעלאזט אין זייערע מאסן אין ירושלים. זיי זענען געקומען אין רציחה'שן צארן אין „חורבת ר' יהודה החסיד", זוכנדיג דעם ירושלימ'ער רב, ר' שמואל סאלאנט, איהם צו שלאגן. אבער די ירושלימ'ער אידן האבן געכאפט זייער

גרייז גראען שוואכן רב און האבן איהם אויסבאהאלטן אין א פאר־בארגענעם ארט, און זיי אליין זענען ארויס אין זייערע מאסן צו פארטיידיגן זיין כבוד. עס איז אויסגעבראכן א שרעקליך געשלעג צווישן די צוויי מחנות, און אין רעזולטאט דערפון איז דערמארדעט געווארן דער קדוש ר׳ מאיר פון אפט, דער שמש פון כולל ווארשא, וועלכער זיין גאנצער ארויפקום אין ירושלים איז געווען בלויז פאר דעם צוועק פון פארפירן א קאמף קעגן דעם מיסיאן.

## די ירושלימער גדולים אין קאמף

די מלחמה קעגן מיסיאן און מיסיאנערן האט א פארגאנגענהייט און א לאנגע גרויסע היסטאריע, אזוי לאנג ווי דער מיסיאן עקזיס־טירט אין לאנד, און דאס מיינט אויך ווי לאנג עס עקזיסטירט דער אידישער ישוב אין לאנד בכלל, ווייל ווי נאר עס האט זיך אנגעהויבן באנייען דער אידישער ישוב אין הייליגן לאנד און אידן האבן געגנו־מען קומען און באזעצן זיך דא, אזוי באלד האבן די נשמות־פאנגער אנגעהויבן טעטיג זיין צווישן זיי. און אין די זעלבע מאסשטאבן וואס דער אידישער ישוב איז געוואקסן און געשטיגן איז אויך זייער טעטיגקייט געשטיגן.

אין יאהר תק״פ, ווען אין ירושלים האבן זיך געפונען אין סך הכל זיבן הונדערט אידן, ספרדים און אשכנזים, פרושים און חסידים, און בלויז פינף שולן זענען געווען פאר אלע געמיינדעס אין דער גאנצער שטאט, איז שוין דאמאלס אנגעקומען אין ירושלים דער ערשטער משומד וואס האט געזוכט צו פאנגען נפשות פארן קריסט־נטום. ד״ר וואלף האט ער געהייסן און זיין אידישער נאמען איז געווען יוסף הלוי. באלד ווי ער איז אנגעקומען האט ער זיך באהעפט צו די קאראימער, האפנדיג אז ער וועט זיי באאיינפלוסן אריבערצו־גיין צו זיין גלויבן. דריי משפחות פון קאראימער האבן זיך דאמאלס געפונען אין ירושלים און זיי האבן געהאט איין שול. אין אנהויב האבן זיי געמיינט אז דער ד״ר וואלף איז א זייעריגער, אבער ווען זיי האבן איהם דערקענט האבן זיי איהם אין פאראכטונג אפגעטריבן פון זיך. דער דאזיגער משומד האט געשטאמט פון איינע פון די

חשוב׳ע אידישע משפחות אין דייטשלאנד און ער האט געהאט א ידיעה אין תורה, וועלכע ער האט אויסגעניצט פאר זיינע טמא׳דיגע ויכוחים. עס איז באזונדערס באוואוסט א שארפער ויכוח וואס דער דאזיגער משומד האט פארפירט מיטן גאון ר׳ מענדל פון שקלאוו, פון די תלמידי הגר״א זצ״ל. דאס איז געווען פון די ערשטע מערכות און די קעמף קעגן דעם מיסיאן. דער משומד איז ארויס בבושת פנים פון דאזיגער משומד האט פארפירט מיטן גאון ר׳ מענדל פון שקלאוו, פון די תלמידי הגר״א זצ״ל. דאס איז געווען פון די ערשטע מערכות און טעטיגקייט פון מיסיאן כמעט נישט קענטיג און נישטיג געווען. געלט מיטלען זענען צו זיין דיספאזיציע נישט געשטאנען, אויך האט ער נישט געהאט קיין פאליטישע אונטערשטיצונג מצד אויסערליכע פאקטארן, און זיין טעטיגקייט איז אנגעגאנגען אין א פיינטליכער אטמאספער פון די איינוואוינער און אויך פון דער טערקישער רעגי־רונג, וועלכע האט געקוקט מיט א ביסל א פארדעכטיג אויג אויפן מיסיאן. אויך איז נישט געשטאנען אין שפיץ פון מיסיאן א מענטש וואס זאל שטיצן זיין טעטיגקייט. איז דעריבער ביז יאהר ת״ר האט דער מיסיאן כמעט קיין ממשות׳דיגן אנהאלט נישט געהאט אין לאנד. די מיסיאנערן האבן זיך פון מאל צו מאל געטוישט, דער איז ארויס און דער איז געקומען, אבער זייער השפעה איז נישט אנזעה־וודיג געווען.

א גרונדליכער ווענדונג צום שלעכטן איז געפאלן אין יאהר ת״ר, ווען פארשידענע רעגירונגען אין אייראפע האבן אנגעהויבן נעמען אינטערעס אין דער דאזיגער „שליחות מצוה״. זיי האבן גענומען אונטערשטיצן און דערמוטיגן דעם מיסיאן פאליטיש און פינאנסיש, זיי האבן צוגעשטעלט גרויסע געלט סומעס פארן דאזיגן צוועק און זיי האבן ארויסגעשיקט זייערע בעסטע און דרייסטע שליחים צו פרעדיגן זייער לערע אין ארץ ישראל. די טעטיגקייט פון מיסיאן וואס איז ביז איצט געווען בלויז א צייטווייליגע און לויט דער פערזענליכער איניציאטיוו פון דער מיסיאנער אדער יענעם, איז יעצט אריבער אויף קעניגליכע רעלסן אין פארנעם און מאסשטאבן, און האט מיטאמאל באקומען אן ערנסטן שוואונג.

די דאזיגע פאראינטערעסירונג מצד די אויסערליכע רעגירונגען

איז פארשטייט זיך נישט געווען „לשם מצווה״. דער ענין מיסיאן האט געדינט אלס מאסקע פאר דעם פאליטישן געראנגל צווישן די דאמאלסדיגע גרויס־מאכטן, וועלכע האבן געוואלט אריינדרינגען זייער השפעה אין ארץ ישראל און סיריע וואס זענען געווען אונטער דער מאכט פון טערקיי, „דער קראנקער מענטש״ אין אייראפע (אזוי האט מען דאן אנגערופן די טערקישע מלוכה צוליב איהר שוואכן פאליטישן צושטאנד).

## די מיסיאן שפיטאל אין ירושלים

אין יאהר תקצ״ח איז אין לאנדאן פארגעקומען א קאנפערענץ פון דאמאלסדיגע פינף גרויסמאכטן: ענגלאנד, עסטרייך, רוסלאנד, פרייסן און פראנקרייך. צווישן די איבעריגעס האבן זיי אויך באהאנדלט דעם ענין פון אידישן צוריקקער קיין ארץ ישראל. אויסדריקנדיג די האפנונג אז „דורכדעם וועלן די אידן חוזר למוטב זיין״. אפילו די רוסן האבן דערצו איינגעשטימט דאמאלס, און אין זייער מעמאראנדום צו דער קאנפערענץ שענקען זיי זייער פולע אונטערשטיצונג „צו דער שטרעבונג פון די אידן אומצוקערן זיך צו די שטאט פון שלמה׳ן, כדי צו העלפן קריסטיזירן דעם דאזיגן שווער זינדיג פאלק״. אויך די פרייסן און די ענגלאנדער זענען אין דער הינזיכט נישט אונטערשטעליג געווען, און זיי האבן פארעפנטליכט פארשידענע קריסטיזירליכע דערקלערונגען אין פארשידנארטיגע אויסדרוק־פארמען, וואס דאס ענליכס ביי זיי איז געווען דאס ארויסדרוקן דעם באדארף אויפצושטעלן א קאטוילישע העגמאניע אין ירושלים. אבער דער אמת׳ער מיין איז געווען איינצושאפן זיך השפעה און פרעסטיזש, יעדער מאכט פאר זיך, נאר זיי האבן עס פארשטעלט אונטער א פרום קריסטליך מאנטל פון א מכלומר׳שטע „תקון הנשמה״ פון די אידן.

איניגע יאהרן האבן די דאזיגע מדינות זיך נישט געקענט פארגלייכן צווישן זיך וועגן דעם פערזאן וואס זאל שטיין אין שפיץ פון דער דאזיגער קאטוילישער העגמאניע. יעדער מדינה האט געוואלט אז דער העגמאן זאל זיין איהרער א בירגער, ביז די גאנצע

זאך האט געהאלטן צו נישט צו ווערן. ענדע איז באשלאסן געווארן אויפצונעמען אלס ערשטן בישאף דעם משומד מיכאל שלמה אלעק־סאנדער. א גרויסע סומע איז באשטימט געווארן דורך די אייראפע־אישע רעגירונגען פאר זיין געהאלט און די שפייזן פון זיין ארבעט. די טערקן האבן נישט געוואלט געבן דעם „פירמאן" (ערלויבעניש) דערויף, ווייל זיי האבן געשפירט אז אונטער דעם אלעס ליגט באהאלטן א טענדענץ פון השפעה און אונטערגראבונג אונטער זייער הערשאפט. די דאזיגע קאטוילישע העגמאניע איז אבער ענדליך אויפגעשטעלט געווארן אן די ערלויבעניש פון דער טערקי־שער רעגירונג און אויך אין איהר אפענער קעגנערשאפט.

דער דאזיגער משומד וועלכער האט געשטאמט פון דער אידישער קהלה פליימוט וואס אין ענגלאנד, און וועלכער האט זיך בארימט אז ער האט א תעודה אלס שוחט פון דעם ראש הרבנים פון ענגלאנד הרה"ג ר' שלמה הערשל ז"ל, איז אנגעקומען אין ארץ ישראל אין יאהר תר"ב און ער האט זיך באלד גענומען צו זיין ארבעט צו פארשפרייטן קריסטנטום, אין ירושלים דער עיקר און שפעטער אויך אין אנדערע שטעט. צווישן די פארשידענע מדינות איז אנגעגאנגען א פארמעסט ווער וועט מעהר געלט קענען צו־שטעלן פאר די ארבעט פון דעם משומד. אט דער אלעקסאנדער איז געווען דער ערשטער וואס האט אנטוויקלט א אויסגערעכנט גע־פלאנטע מיסיאנערישע טעטיגקייט, און עס האט זיך איהם אין אנהויב ווירקליך איינגעגעבן צו אויפברייננגען א גרויסע שמד־באוועגונג. פיל יונגטליכע האבן זייער גלויבן געטוישט אונטער זיין גרויסע השפעה און צוליב זיין געלט וואס ער האט מיט א ברייטע האנט געשאטן. א שמד־מגיפה איז צום ערשטן מאל אויסגעבראכן אין ירושלים אין אזעלכע מאסשטאבן וואס זי האט קיינמאל נישט געוואוסט.

א שווער וואפן האט דער דאזיגער משומד פארמאגט, דאס איז געווען דער מיסיאן־שפיטאל וואס איז אויפגעשטעלט געווארן א יאהר צוויי פאר זיין קומען. נאר עס איז געווען פארנאכלעסיגט, איז עס דעריבער געווען ליידיג און איינפלוס־לאז, ער אבער האט עס ווי געהעריג איינגעשטעלט און אריינגעפירט דערין פיל פארבעסע־

רונגען. ער האט אראפגעברייינגט גרויסע דאקטוירים און האט עררייכט טייערע מעדיצינען. די דאזיגע דאקטוירים האבן מיט זייערע גלאטע צונגען געוואוסט צו ציען הערצער צו זיך. מעדיצינען האט מען באקומען אין שפיטאל אומזיסט אדער פאר העלפט פרייז. מען האט דארט מקפיד געווען אויף כשר פלייש און אויף אנדערע מצוות, אפילו מהודר׳דיגע טלית קטן׳ס האט מען די קראנקע אנגע־טאן. אזוי נאך זענען נפשות תמימות אריינגעכאפט געווארן אין מיסיאן־נעץ, ווייל האנט ביי האנט מיט דער מעדעצינישער באהאנ־דלונג זענען די פאציענטן געקארמעט געווארן מיט שיין אייגעג־בונדענע ,,ברית חדשה״ – ביכער און אנדערע מיסיאנערישע שריפטן, וועלכע זענען געדרוקט געווען אין אלע שפראכן וואס זענען אנגעגאנגען אין אידישן ישוב. א סאך האבן די דאזיגע ביכער אין האנט גענומען בלויז אויף ,,צו כאפן א בליק״ אין זיי אדער אפילו אויף צו אויסרוימען, אבער דערווייל זענען זיי ,,הציץ ונפגע״ געווען און דאס האט זיי געפירט צו שמד. די ספרי המינים זענען פון דארט אריינגעדרונגען אין פיל אידישע הייזער און האבן פארגיפ־טעט אומוויסנדע יוגנטליכע הערצער. אזוי איז דער מיסיאן־שפיטאל פארוואנדלט געווארן אין א מעכטיג וואפן וואס האט באדראט מיט זיין געפאר דעם אידישן ישוב וועלכער האט נאר וואס זיין ערשטע שריט געמאכט אין זיין אויפקום אין הייליגן לאנד.

די רבנים און מנהיגים פון אידישן ישוב אין ירושלים, אשכנזים ווי ספרדים זענען זיך צוזאמענגעקומען צו א באראטונג, און זיי האבן פארעפנטליכט א שטרענגע ווארנונג צום פאלק מיט א הארבן איסור און חרם, נישט צו קומען אין בארירונג מיטן מיסיאן און מיסיאן־שפיטאל. אויפן דאזיגן רוף זענען אונטערגעשריבן געווען אלע אשכנזי׳שע און ספרד׳ישע גדולים אין ארץ ישראל. זיי האבן זיך נישט בלויז אונטערגעשריבן נאר האבן געטאן אלץ וואס אין זייער האנט אז זייערע רייד זאלן ווירקליך אויסגעפירט ווערן. מאנכע פון זיי זענען לאנגע שעה׳ן אליין געשטאנען ביי די טויערן פון מיסיאן־שפיטאל און האבן דערקלערט פאר די וואס האבן געוואלט דארט אריינגיין, די הארבקייט פון דעם איסור אריבערצוטרעטן דעם שוועל פון דאזיגן שפיטאל.




דער נוסח פון ערשטן איסור וועגן די שפיטעלער פון מיסיאן וועלכע איז באנייט געווארן און פארעפנטליכט געווארן אין יאר תרע"ח

עס איז דערצעהלט אויפן דאמאלסדיגן הויפט רב אין ירושלים, ר׳ חיים אברהם גאגין, אז ער איז אין זיינע לעצטע לעבנס טעג שווער קראנק געווארן, און בלויז די דאקטוירים פון מיסיאן און זיין אפטייק האבן פארמאגט די הייל־מיטלען צו ראטעווען זיין לעבן, און איינער פון די דאזיגע דאקטוירים האט איהם פארזיכערט צו אויס־היילן ביז דריי טעג, מיט די הילף פון די נייסטע מעדיצינען וואס אין זיין האנט. אבער ר׳ חיים אברהם האט דערפון נישט געוואלט הערן און ער האט געזאגט: „בעסער מיר צו שטארבן פון ג־ט׳ס האנט און נישט עובר זיין אויף די רייד פון מיינע חברים!״ דער אלטער הויפט־רב איז אפגעלעגן דריי חדשים צייט אויף זיין קראנקן־בעט נישט קענענדיג זיך רירן פון ארט, און ער איז אוועק פון דער וועלט נישט וועלנדיג אנקומען צו מעדיצינישע הילף פון מיסיאן.

די רבנים אין ירושלים האבן זיך דערמיט נישט באגנוגנט. זיי האבן אלארמירט די אידישע אנפירער אין אייראפע צו שיקן מעדי־צינישע הילף צום ישוב אין ארץ ישראל. דער ערשטער וואס האט דעם דאזיגן רוף אויפגענומען איז געווען דער שר משה מאנטעפיארי, וועלכער האט באלד ארויסגעשיקט א דאקטער און מעדיצינען נאך ירושלים. אין דעם בריוו וואס ער שרייבט צו די חכמי ירושלים אין ראש חודש אדר יאהר תר״ג, שטייט צווישן די איבעריגעס ווי פאלגענד:

„... ווען איך האב געהערט אז עס האט אייך געטראפן די האנט פון די מחבלים אין כרם ה׳ און מענטשן זענען ארייגעלאפן אין דעם נעץ וואס איז זיי אונטערגעלייגט געווארן דורך די וואס שיסן פיילן און שליידער־שטיינער אויף ג־ט׳ס פאלק און זיין תורה, האט מיין הארץ אויפגעציטערט און מיין אויג האט געטרערט אן אויפהער דערויף וואס מען האט פארלאזט דעם לעבנס שטאם, אונזער הייליגע תורה און אונזער פאטער און באשעפער דער ג־ט פון ישראל. אה, ביז ווען נאך וועלן אט די רשעים איינהילן די וועלט און איהרע איינוואוינער אין נאכט־פינסטערניש?! איך האב נישט גערוהט בייטאג און נישט געשלאפן ביינאכט, ביז עס איז מיטאמאל געקומען דער טאג וועלכן איך האב דערווארטעט, עס איז געקומען דער מענטש וועלכן איך האב געזוכט, דאס איז דער אויסדערוועהל־



דער ירושלימ׳ער רב ר׳ יוסף חיים זאנענפעלד, אין א באזוך אין ״הדסה״ שפיטאל ווען עס איז געגרינדעט געווארן אין ירושלים

פון אונטער אים שטייען הרב משה בלוי און דער מנהל ד״ר יסקי. ביי יעדן שפיטאל אויפשטעלן האט רבי יוסף חיים עס געזען אלץ א אפהאלט קעגן דעם היילונג פון די מיסיאן.

טער וועלכער האט זיך היינט פאר אייך געשטעלט, דער ג־ט׳ס פארכטיגער רופא כ״ה שמעון בן כ״ה נתן פרענקל פון דער קהלת קודש צעלץ וואס אין דער מדינה שלעזיע. אט איהם האט עס מיר דער אויבערשטער צוגעשיקט אז ער זאל גיין וואוינען אין ציון הר קדשנו און זאל היילן דארט אונזערע ארעמע ברידער אין זייערע פארשידענע קראנקהייטן. איהר מעגט יעצט פריידיג זיין, ירושלים־איינוואוינער, דען ער וועט דערלאנגען היילונג און מעדיצינען פאר יעדן וואס וועט צו איהם קומען. און מען וועט שוין נישט מעהר זאגן ביי אונז אין לאנד אז די בני ציון גייען בעטן היילונג ביי די צויבער־מאכער וואס פירן אראפ מיט זייער גלאטן צונג אידישע נפשות אין גרוב אריין. איך האב דעם דאזיגן רופא מיטגעגעבן אלערליי היילונגס מיטלען און באנדאזשן און ער וועט צוגרייטן בעט און רוה פאר די נידערגעשלאגענע, און אויך געלט האב איך איהם געגעבן אז ער זאל אמגיכסטן קענען צו אייך קומען, אוין געהאלט פאר זיין ארבעט וועל איך איהם צושטעלן אין די ערשטע דריי יאהר, פון דער ברכה מיט וועלכע השם יתברך האט מיר באשאנקען״...

## דער קאנסול פירט מיסיאנערישע פראפאגאנדע

דער דאזיגער שפיטאל אין שפיץ פון ד״ר פרענקל האט פיל גע־האלפן אפוועגדן און באשרענקען דעם איינפלוס פון מיסיאן־שפיטאל. אבער בעפאר עס האט זיך נאך איינגעשטילט די צרה פון מיסיאן־שפיטאל איז שוין אויסגעוואקסן א פרישע פרשה און א נייע מיסיאן־טעטיגקייט אין א פארם פון וועלן פראדוקטעוויזירן דעם אידישן ישוב, וואס שטאמט פון קריסטליכע מכלומר׳שטע ליבשאפט און רחמנות. אין צענטער פון אט דער נייער אויפשטורעמניש זענען דאס מאל געשטאנען דער צווייטער ענגלישער קאנסול אין ירושלים דזשעמס פיין און זיין פרוי, אויך זי א מיסיאנערן אין „איהר אייגע־נעם זכות״.

דער קאנסול פיין איז לויט זיינע רייד אדורכגענומען געווען מיט משיח׳ישע האפנונגען און ליבשאפט צום אידישן פאלק. ער האט מיטן „גאנצן הארצן״ און מיט אלע מיטלען געוואלט העלפן די אידן

וואס קערן זיך צוריק קיין ארץ ישראל. זיין פרוי איז געווען א טאכטער פון איינעם פון די גרעסטע מיסיאנערן וועלכע האט ארויסגעגעבן קעגן אידן און זייער תורה א בוך פון מיט שנאה און גיפט. די פרוי פיין איז אויך געקומען אין נאמען פון פריינדשאפט און ליבע צו אידן, אזוי ווי איהר מאן. אין יענע טעג האט אויסגעבראכן די מלחמה צווישן טערקיי און רוסלאנד, און די הילפס געלטער פון רוסלאנד האט אויפגעהערט קומען אין ירושלים. די ארעמקייט דא וואס איז אזוי אויך גרויס געווען, האט זיך יעצט גאר אונגעהויער פארברייטערט אזוי אז עס האט זיך שוין געגרעניצט מיט הונגער. דא זענען ערשיינען דאס פאר פאלק פיין מיט זייערע הילפס פלענער.

אין אנהויב האבן זיי באשעפטיגט פופציג אידן אין אפשטיינערן און באצוימען זייער באדן אין טאלביע. אנדערע זענען געשיקט געווארן אין ערטאס וואס נעבן בית לחם, דארט האט זיך געפונען א פארן פון א געוויסן משומד מיטן נאמען משולם, וועמען דער מיסיאן איז באהילפיג געווען, און זיי זענען דארט אנגענומען געווארן אויף ארבעט. אבער וויבאלד אז דער צאל פון די ארבעט־זוכערס איז געגאנגען און געשטיגן, האבן זיי אפגעקויפט נאך באדנס, צווישן די אויך דער באדן אוואו עס געפינט זיך היינט די שכונה „כרם אברהם״. דער צאל אידן וועלכע זענען אין די דאזיגע אונטערנעמונגען באשעפטיגט געווען האט דערגרייכט אין די הונדערטער.

די רבנים אין ירושלים האבן באלד באמערקט די מיסיאנערישע טענדענצן וואס זענען באהאלטן אונטער דער דאזיגער „רחמנות״־טעטיגקייט. נישט איינמאל זענען געקומען מיסיאנערן אין דער פארם און האבן געפרעדיגט קריסטנטום, פאר די ארעמע צוריק־געשטאנענע ארבעטער. די רבנים זענען דא ארויסגעטראטן אין א פרישן קאמף און האבן ארויסגעגעבן א הארבן איסור צו ארבעטן ביי דער פאר פאלק פיין. זיי האבן אויך געשטעלט ווך ביי שער יפו אפצוהאלטן דאס גיין צו זיי. צוזאמען דערמיט האבן זיי אויך געמאכט אנשטרענגונגען אפצוקויפן פעלדער און באדנס אין אנדערע ערטער, צו באשעפטיגן אידן אין ערד־ארבעט.

מיט דער הילף פון מאנטעפיארי האבן די רבנים זיך געווענדעט צום אויסערן מיניסטעריום אין לאנדאן און האבן געפאדערט די דעמיסיע



שער יפו אין יענע צייט. אידן אין זייער וועג צום כותל המערבי.

פון קאנסול פיין. דזשעמס פיין האט זיך אויך פארפלאנטערט אין זיינע באדנס געשעפטן און נישט זייענדיג גוט אריענטירט אין פינאנסן אנגעלעגנהייטן און אדמיניסטראציע, האבן איהם אנדערע אפגענארט און באשווינדלט. אויך די מיסיאנערישע געזעלשאפטן אין לאנדאן האבן זייער אונטערשטיצונג צו איהם באשרענקט. ער האט זיך אזוי פארפלאנטערט אין פינאנסן אז ער האט געהאלטן ביי באנקראט. ענדע איז ער אפגעזאגט געווארן פון זיין אמט און איז צוריקגערופן געווארן אין לאנדאן.

די מיסיאן־פורעניות האט זיך אויף א צייט איינגעשטילט, ביז עס האט זיך אין א שפעטערע תקופה ווידער באנייט מיטן אנקום פון משומד פרידלענדער, וועלכער האט אפגעקויפט דעם באדן פון הר טוב, און וואס ביי די געשיכטע איז אומגעקומען דער קדוש ר׳ מאיר אפטער, ווי עס איז שוין דערצעהלט געווארן.

דער קאנסול פיין דער מיסיאנער, זיין פרוי די גע׳שמעד׳טע, און איר פאטער מאקס קאול, זיינען נישט געווען פאר מונטיפיורי אומ־בעקאנטע פערזאנען. ווען מאקס קאול האט ארויסגעגעבן זיין פאר־דארבענער ספר „נתיבות עולם״, האט מונטיפיורי לויט די עצה פון די אידישע גדולים אין יענע צייט געלאזט פון זיין פארמעגן דינגען דעם באוואוסטן משכיל יצחק בער לעווינזאן, צו שרייבן דעם ספר „זרובבל״. מען דערציילט אז ווען דער פארפאסער פון „נתיבות עולם״ האט געלייענט דעם ספר, האט ער גלייך חרטה גיהאט אויף אלץ וואס ער האט געשריבן אין זיין אומווערדיגער ספר.

די אויפטוהונג פון מונטיפיורי איז געווען אין גלות. יעצט ווען ער האט זיך דערוואוסט אז מאקס קאול׳ס נוצרי׳שער איידים, דער קונסול פיין און זיין פרוי גיבן זיך אפ מיט מיסיאנערישע ארבעט אין די הייליגע לאנד, האט ער זיך געגן געשטעלט קעגן זיי מיט פעסטקייט, און ער איז זיי בייגעקומען. די ירושלימער גדולים האבן זייער געלויבט זייער גרויסער ברודער אין איינגלאנד, פאר זיין אויפטאן.

## מונטיפיורי׳ס פארשלאג ווערט אנגענומען

פאר אן ערך פון הונדערט און דרייסיג יאהר צוריק האט א משומד א שונא ישראל אין לאנדאן ארויסגעגעבן א אונווירדיג ספר

אין פינף חלקים מיטן נאמען „נתיבות עולם״. אין דאזיגן ספר האט דער משומד אויפגעבריינגט אלערליי נידערטרעכטיגע בלבולים אויף די תורה שבעל פה. אויפן אידישן פאלק און אויפן אידנטום, אין א שוידערהאפטן פארעם און א גרויליגע שנאת ישראל. דער ספר איז געדרוקט געווען אין העברעאיש און אויך אין ענגליש און דאס ענגלישע אידנטום האט זיך געפילט שווער געטראפן דערפון. עס איז צוזאמענגערופן געווארן א גרויסע אידישע פארזאמלונג וועגן דערויף אין לאנדאן, אין וועלכע עס האט אנטייל גענומען דער שר דער צדיק ר׳ משה מאנטעפיארי ז״ל. דער שר האט דאן געהאלטן ביים ארויספארן נאך דמשק צו פארטיידיגן די אידן קעגן די באַוואוסטע עלילת דם וואס איז דאמאלס דארט פארגעקומען, און פון דארטן האט ער געזאלט פארן אין רוסלאנד צו פארטיידיגן די אידן קעגן די שרעקליכע רדיפות פון פיינטליכן צאר ניקאליי דער ערשטער. איז באשלאסן געווארן אויף דער פארזאמלונג אז בעת ווען דער שר וועט ווײלן אין רוסלאנד, זאל ער אונטער דער באראטונג פון די חכמי ישראל דארט אויפזוכן א פאסיגן אידישן געלערנטער וואס זאל ארויסגעבן א רעאגירנדן ספר קעגן דעם ספר פון דעם צורר, אין וועלכן ער זאל אין א געהעריגן פארעם אפווארפן און צונישט מאכן די אלע נידערטרעכטיגע בלבולים וואס זענען דארט אויפגעבראכט געווארן און האבן געטראגן מיט זיך א געפאר פון באנייטע אידן־שנאה צווישן די פעלקער.

דער שר מאנטעפיארי האט זיין שליחות ריכטיג דערפילט און אלס רעזולטאט דערפון איז ערשיינען דער ספר „זרובבל״, וועלכער האט געדינט אלס אויפריכטיגע רעאגירונג צו דעם ספר פון צורר. נאך א פארלויף פון יאהרן האט זיך פארשפרייט א קלאנג צווישן אידן אז דער משומד, דער פערפאסער פון טמא׳דיגן ספר „נתיבות עולם״, האט חוזר בתשובה געווען.

אין יענער צייט האט באטראטן דעם רבנות־טראן אין דער שטאט האראדנע דער גאון ר׳ בנימין דיסקין זצ״ל (דער פאטער פון מאור הגולה פון בריסק ר׳ יהושע לייב דיסקין זצ״ל). דער רב האט געפירט די רבנות אין האראדנע אין גרויס עהרווירדיגקייט און נישט יעדערער האט געקענט און ערלויבט געווען צוצוקומען צום רב. די

מיטגלידער פון שטאט־בית־דין זענען שטענדיג געזעסן אין א פאדער־צימער אין זיין הויז און ביי יעדן שווערע שאלה און דין תורה פלעגן זיי אריינקומען צום מרא דאתרא אין אינווייניגסטן צימער, פרעגן זיין מיינונג, און זיין ווארט איז אנטשיידנד געווען פאר זיי ווי א ענטפער פון „אורים ותומים". קיינער האט נישט געקענט אריינקומען צום רב אינווייניג נאר דער וועלכער די דיינים פון בית דין האבן פארשטאנען אז ער נויטיגט זיך באזונדערס דעריין.

אין א טאג האט זיך אפגעשטעלט א וואגן פארן רב'ב שטוב און עס איז אראפגעשטיגן פון איהם א בכבוד'דיגע פרוי מיט אנזעהנס־פולן איינדרוק. זי איז אריינגעקומען אינווייניג און האט זיך פאר־געשטעלט פאר די בית דין־מיטגלידער אלס א נישט ארטיגע איינ־וואוינערן, זי וואוינט אין פרייסן (אין דייטשלאנד), האט זי געזאגט, און זי איז געקומען דא צום רב וועגן א ענין פון א באזונדערע וויכטיגקייט. דער רב אין דאן געזעסן ווי זיין שטייגער פאר א טיש פול מיט ספרים און די פרוי, וועלכע איז ערלויבט געווארן אריינ־צוקומען צו איהם, האט זיך געשטעלט אין צווייטן זייט טיש און האט מיט גרויס הכנעה געבעטן ערלויבעניש צו רעדן איהרע רייד פאר איהם.

## די פרוי דערציילט א מעשה

איהר וואוין־ארט איז אין דייטשלאנד, האט זי אנגעפאנגען, זי איז א טרייע אידישע טאכטער און זי פירט א עכט כשר'ן אידישן לעבן. זי האט איהם אין דער שטיל דערצעהלט אז זי איז עס די טאכטער פון דעם פון אלע אידן פעראכטעטן משומד, דער פער־פאסער פון גרוילהאפטן „נתיבות עולם", וועלכער איז גוט באקאנט געווען דעם רב. זי האט דערצעהלט פארן רב אז אלס יונגערמאן איז איהר פאטער געווען א מלמד דרדקי אין א שטעטל אין ליטע וואס פון דערפון האט ער געהאט פרנסה בדוחק. מיטאמאל האבן זיך גענומען פארשפרייטן קלאנגען אויף איהם אז ער פירט זיך גרינג־שעציג אין געוויסע זאכן פון אידישקייט, און עס איז געקומען דערצו אז טראץ וואס ער איז א באגאבטער מלמד געווען האבן

עלטערן אויפגעהערט שיקן זייערע קינדער לערנען ביי איהם. ער איז דאדורך געווארן ברויט־לאז און דאס ארעמקייט האט איהם געצוואונגען צו נעמען דעם וואנדער־שטעקן אין האנט און זיך לאזן אוואו די פיס וועלן טראגן.

עס זענען זיך פארלאפן אייניגע יאהרן און די משפחה האט אויפגעהערט באקומען בריוו פון איהם און מען האט נישט געוואוסט אוואו ער איז אהינגעקומען. עס זענען אנגעקומען קלאנגען אז ער געפינט זיך אין לאנדאן און אז ער האט זיך דארט אנגעשלאסן צו די מיסיאנערן און ער אליין האט זיך גע'שמד'ט. ווען עס איז דער־שיינען דער אויבנדערמאנטער אונווירדיג ספר קעגן אידנטום, איז קלאר געווארן פאר אלע אז דער נידערטרעכטיגער פערפאסער דערפון איז נישט קיין אנדערער ווי יענער געוועזענער מלמד. די פרוי פון דעם מומר וועלכע איז געבליבן א ארעמע עלנדע עגונה, האט דערוועקט דעם רחמנות פון באקאנטע און יענע האבן געזארגט פאר איהר, האבן צוזאמענגעשטעלט א סומע געלט און האבן איהר אויפגעשטעלט א שפייז־קראם, פון וועלכן זי האט זיך דערנעהרט. זייענדיג א באשיידענע ג־ט'ספארכטיגע פרוי האט זי געוואונען די סימפאטיע פון פיל בעלי בתים אין שטעטל, וועלבע זענען געווארן איהרע שטענדיגע קונדן און האבן איהר פיל געגעבן צו לייזן. איהר הצלחה איז געוואקסן און זי איז געווארן א פארמעגליכע פרוי. זי האט געפירט א אנשטענדיגע שטוב און איהר טאכטער - די פרוי וואס שטייט יעצט פארן רב - האט זי געגעבן א גוט אידישע דער־ציאונג. ווען זי איז דערוואקסן געווארן האט די מוטער פאר איהר גענומען א חתן א תורה־קענער און א מושלם במעלות. די יונגע פאר פאלק האבן נאך זייער חתונה זיך אריבערגעקליבן וואוינען אין דייטשלאנד, און די טאכטער האט זיך באמיהט מיט אלע כחות אויסצומעקן איהר פאטערס אנדענק פון איהר געדעכעניש. ביז...

ביז עס איז אין א מיטן העלן טאג אנגעקומען צו איהר א בריוו וואס איז איהר פינסטער געווארן אין די אויגן ווען זי האט עס אויפגעעפנט. דער בריוו איז געווען נישט פון קיין אנדערן ווי פון איהר לעבנס שאנד, איהר פאטער דער משומד. זי האט זיך אבער

געשטארקט אויף איהרע גרויל־געפילן און האט גענומען ליינען דאס געשריבענע אין בריוו.

„טאכטער טייערע מיינע — ליינט זי אין בריוו — איך ווייס ווי שפל׳דיג און פארהאסט איך בין אין דיינע אויגן און די אויגן פון כל ישראל. איך ווייס ווי שרעקליך איך האב געזינדיגט קעגן ג־ט און זיין פאלק און זיין תורה, אבער זיי וויסן, מיין טאכטער, אז נאך מיינע פילע פארברעכן וואס איך בין באגאנגען און וואס איך בין געוועזן אזוי פיל יאהרן פארזונקען אין טומאה־אפגרונד האט זיך דערוועקט אין מיר מיין אידישער פונק און האט מיר גענומען דער־דריקן, דער חרטה־געפיל עסט מיר אויף און לאזט מיר נישט צורוה. מיינע גוטע פריינד, די שנאה־העצער קעגן אידן, וועלכע האבן מיר ביז אט דעם אפגרונד אראפגעפירט און האבן מיר אויסגעניצט פאר זייערע נידעריקע צוועקן, צו פארזייען שנאה און האס קעגן ג־ט׳ס פאלק, האבן מיר ביז איצט מקרב געוועזן נאר פאר זייערט וועגן צו שיסן דורך מיר זייערע גיפטיגע פיילן אויפן אידישן פאלק, אבער ווי נאר זיי האבן דערפילט אז איך בין שוין נישט דער זעלבער וואס זיי האבן אין אנהויב דערקענט מיט די שנאה צו אידן און זייער גלויבן, און אז דער אידישער פונק האט זיך אין מיר צוגליהט, האבן זיי מיר גענומען רודף׳ן מיט דער גרעסטער גרויזאמקייט ביז זיי האבן מיר גענצליך פארטריבן פון זיך. און יעצט בין איך אלט און קראנק, צובראכן קערפערליך און צושלאגן גייסטליך, און איך ווייס נישט וואוהין זיך צו קערן צו געפינען שוץ אין מיין מאכטלאזקייט. ווענדע איך זיך אלזא אין מיין צרה צו דיין רחמנות־געפיל, מיין טייערע טאכטער, אז דו זאלסט מיר ארויסרעטן אין מיין נויט און מיר אריינעמען אין דיין הויז און דו זאלסט מיר, אויף וועלכן שטייגער דו וועסט זיך אויסקלייבן, באשפייזן מיין שפל׳דיגן עלטער״.

דער דאזיגער בריוו האט די טאכטער דערשיטערט ביז גאר, און נאכדעם וואס זי האט זיך צונויפגערעדט דערויף מיט איהר דערבא־רעמדיגן מאן האבן זיי איינגעשטימט ביידע צו ענטפערן אויפן בריוו ווי פאלגנד :



ציונו של הגאון רבי בנימין דיסקין (מימין)

„מיר שטימען איין אז דו זאלסט צו אונז אריבערקומען, מיטן באדינג אז דו זאלסט אראפווארפן פריער פון זיך די משומד'ישע צורה און זיך לאזן וואקסן א בארד און פיאות און גיין אידיש געקליי־דעט, און אויך אז דו זאלסט נישט קומען אין בארירונג מיט קיין מענטשן".

## די צוואה

ווען דער אלטער האט דערהאלטן דעם ענטפער האט ער געטאן אלעס ווי ער איז דיקטירט געווארן און ער האט זיך ארויס־געלאזט אין וועג. פארשעמט און דערשלאגן, בייסנדיג די ליפן פון גרויס חרטה און מיט פארשטיקטע טרערן, האט ער דעם וועג אדורכגעמאכט ביז דעם וואוין־ארט פון זיין טאכטער אין דייטש־לאנד. ווען ער איז אריינגעקומען אין שטוב איינוויינניג האט ער זיך איינגאנצן צוזאמענגעבראכן. זיינע זיפצן און זיין געיאמער האבן א פארשטיינערט הארץ געקענט שפאלטן. ווי א קליין קינד האט ער אן אויפהער געבליפעט און ער איז נישט אין מאכט געווען איין ווארט ארויסצורעדן. זיינע הענט האבן זיך געטרייסלט און זיינע קניען האבן זיך געווארפן, ביז ער איז אונמאכט צו דער ערד געפאלן.

אין גרויס מיה האבן איהם זיין טאכטער און איידים דערמינ־טערט, האבן איהם אנגענומען פאר די הענט און אריינגעפירט אין א ספעציעלן אפגעזונדערטן צימער, וואס זיי האבן פון פאראויס אנגע־

גרייט און באשטימט פאר איהם, און האבן איהם דארט אנידערגע־לייגט אויף א צוגעגרייטן געלעגער.

דער אלטער איז געלעגן איינזאם אויף די איינציגע בעט וואס האט זיך געפונען אין זיין צימער און ער איז נישט געקומען אין בארירונג מיט קיין מענטש פון דרויסן, אזוי ווי עס איז פון פאראויס באשטימט געווארן. ער איז אין די גאנצע ערשטע נאכט ביי זיין טאכטער אין שטוב, געלעגן אין גרויס קאפ שמערצן און ער האט זיך געוויקט אין א ים פון טרערן, ווי ער וואלט זיך געוואלט ריין וואשן זיין פארפלעקטע נשמה מיט די הייסע זודיגע טרערן־וואסער.

אינדערפרי האט ער שטארק געפיבערט, זיינע אלטע ביינער האבן זיך געווארפן ווי אין קאנוואולסיע און א הויכע גראד־מאס ברענענדיגע היץ האט איהם באפוילן. א דאקטער איז גערופן געווארן צו זיין בעט און נאך א גרונדליכע באהאנדלונג האט זיך זיין קערפערליכער צושטאנד פארבעסערט, נישט אזוי אבער זיין גייסט־ליכער צוזאמענבראך. טאג טעגליך איז ער אפגעזעסן ביים פענסטער פון זיין צימער פון אינדערפרי ביז אוונט, און זיינע אויסגעוויינטע אויגן האבן שרעק־פול געהויבן זייער בליק צו די הויכע הימלען און זיינע ליפן האבן געשעפשעט: „לפני מי אתה עתיד ליתן דין וחשבון”... ער האט זיך קיין ארט נישט געפונען אויפברייענגענדיג פאר זיך די פארעטערישע פארברעכן וואס ער איז באגאנגען קעגן זיין פאלק און ג־ט'ס תורה. ער האט זיין פנים מיט די הענט פאר־שטעלט, שעמענדיג זיך פאר די ווענט פון זיין צימער וואס האלטן איהם צווישן זיך. אין טרויער און אין אומעט האט ער איינזאם זיינע טעג פארברייגנגט. פון טאג צו טאג איז זיין קערפער מער און מער פארצערט געווארן און זיינע ביינער פארשרומפן, ביז ער האט אנגעהויבן פילן אז זיינע טעג זענען געציילטע.

אין א טאג – ער איז שוין דאן געלעגן מיט א בלאסן געזיכט אין בעט, נישט קענענדיג זיך אויפהויבן פון דארט, און די צייכנס פון טויט וואס דערנענהטערט זיך זענען בולט אנזעהעוודיג געוועזן אויף איהם – האט ער געלאזט רופן צו זיך זיין טאכטער און איידים און ער האט אין א מאטע נידעריג שטים צו זיי געזאגט:

„איך וויל אייך איבערגעבן, מיינע טייערע, אלס „צוואת שכיב

מרע'', א זאך וואס וועט מיר געוויס דינען אלץ מליץ יושר אויף דער אמת'ער וועלט טראץ מיין שווערע לאסט פון זינד און פארברעכן וואס איך נעם זיך מיט דארטן. די זאך זאלט איהר מגלה זיין פאר איינעם פון די צדיקי הדור און זאל ער דאדורך דערוועקט ווערן צו מתפלל זיין פאר מיין נשמה.

זייט וויסן, מיינע טייערע, אז אונזער משפחה שטאמט פון דער שטאט אלטונע, וועלכע איז געווען איינע פון די דריי פאראייניגטע אידישע קהלות אה''ו (אלטונע־האמבורג־ואנזבעק), אוואו עס האט אמטירט אלס רב אין די צייטן פון מיין פאטערס יונגע יאהרן, דער בארימטער גאון ר' יהונתן אייבעשיץ (דער בעל ,,אורים ותומים'' און ,,יערות דבש''). ווי באוואוסט איז אנטשטאנען א גרויסע מחלוקת צווישן דעם גאון יעב''ץ (ר' יעקב עמדין, דער זוהן פון גאון ,,חכם צבי'') און דעם גאון ר' יהונתן, צוליב קמיעות וואס ר' יהונתן פלעגט ארויסגעבן עפ''י קבלה און שמות הקדושים און דער גאון יעב''ץ איז שארף ארויסגעטראטן קעגן איהם דערפאר. ער האט חושד געווען אז דאס האט א שייכות חלילה מיט דער פארשאלטענער כת פון דעם משיח השקר שבתי צבי שר''י (שם רשעים ירקב), וועלכע האבן זיך באניצט מיט קבלה צו זייערע טמא'דיגע צוועקן און קעגן וועלכע זיין פאטער דער ,,חכם צבי'' האט אזוי שארף געקעמפט. דער גאון יעב''ץ אין זיין גרויסע קנאות און לשם שמים־ברען קעגן דער פאר־פלוכטער כת און קעגן יעדן מינדעסטן פארדאכט פון א שייכות מיט דער דאזיגער כת, האט נישט געשוינט אפילו אזא גאון עולם און צדיק הדור ווי עס איז געווען דער גאון ר' יהונתן, און די מחלוקת צווישן אט די צוויי גדולי עולם האט געפלאקערט ווי א העליש פייער.

ווען דער גאון ר' יעקב עמדין האט זיך אריבערגעקליבן וואוי־נען אין דער שטאט אלטונע, האבן די קהלה אנפירער איהם געגעבן אנצוהערן בדרך כבוד אז ער זאל זיך איינארדנען א באזונדערן מנין צו דאווענען ביי זיך אין זיין וואוינונג, כדי אויסצומיידן שארפע ארויסטריטן אין שול־מנין צווישן איהם און דעם מרא דאתרא דער גאון ר' יהונתן. אין דעם מנין פון גאון יעב''ץ האבן זיך אנגעשלאסן פארשידענע בעלי בתים פון שטאט, צווישן זיי אויך אזעלכע וואס האבן ליב געהאט מחלוקת אלס א צוועק פאר זיך און זיי האבן גע־



הגאון הקדוש רבי יונתן אייבשיץ



הגאון הקדוש דער בעל "חכם צבי"

האלפן ארויסגעבן שריפטן און העפטן קעגן דעם גאון ר׳ יהונתן.

מיין פאטער, אייער זיידע, איז אויך געווען פון די מתפללים אין דאזיגן מנין. ער האט פארמאגט א שרייבערישן טאלאנט און ער האט דאס אויסגעניצט פאר די מחלוקת־שריפטן קעגן דעם גאון ר׳ יהונתן. איינמאל האט ער ארויסגעגעבן א העפט מיטן נאמען „עקיצת עקרב״, אין וועלכע דער גאון ר׳ יהונתן ווערט אטאקירט אין א זעהר שארפן פארעם. אין דעם טאג וואס די דאזיגע העפט איז ערשיינען אין דרוק איז אויסגעפאלן מיין „ברית״. אין דעם ברית־פייערונג וואס איז פארגעקומען ביי מיין פאטער אין הויז האבן אנטייל גענומען אלע מתפללים פון מנין אין שפיץ פון גאון יעב״ץ. אלע אנוועזנדע האבן געוואונטשן מזל טוב מיין פאטער און האבן איהם אויך געבענטשט צו דער ערשיינונג פון זיין העפט אין דאזיגן טאג, אלס „סימן טוב״ אז דער רך הנימול זאל זיך אויסהאדעווען און אויך ווערן א קעמפער אזוי ווי זיין פאטער...

מיין פאטער האט זיך באלד געווענדעט צום גאון ר׳ יעקב עמדן און געבעטן אויך פון איהם אזא עהנלאכע ברכה, און ער האט עס באקומען...

די געשיכטע האט מיר מיין פאטער דערצעהלט אין מיין בר־מצוה־טאג און צוגעלייגט „איך זעה מיין קינד אז דו האסט אויך א גוטן שרייב־טאלענט, ווען דו וועסט גרויס ווערן זאלסטו עס גוט אויסניצן״...

הערט איהר אלזא, מיינע טייערע — האט דער געוועזענער משומד טיף אפגעזיפצעט — ווי אזוי מיין טרויעריגע געשיכטע האט זיך אנגעפאנגען און וואס האט מיר דערפירט צו אזא פארברעכערי־שן פאראט קעגן מיין פאלק! דער גאון ר׳ יעקב עמדן איז געווען א אמת׳ער צדיק הדור, אויף וועלכן עס איז געזאגט „ותגזור אומר ויקם לך״, און אז ער האט מיר געבענטשט צו זיין א קעמפער אנטקעגן דעם צדיק יסוד עולם דער גאון ר׳ יהונתן, טראץ וואס זיין כוונה איז צו גוטן געווען, האט די סטרא אחרא געפונען א ארט זיך אריינצו־לייגן אין מיין נשמה אז איך זאל אויסוואקסן דער ריכטיגער היפוך פון דעם צדיק וואס האט פארשפרייט תורה און אידישקייט צווישן אידישן פאלק... די דאזיגע עובדא וועט מיר דינען אלס פארטיידיגער

אויפן עולם האמת אויף אלע מיינע פארברעכערישע מעשים אויף די דאזיגע זינדיקע וועלט, באטש וואס איך ווייס גוט אז דאס וועט מיר נישט געגצליך פטר'ן פון מיין פארדינטע שטראף, ווייל די בחירה ביים מענטשן ווערט פאר קיין פאל נישט אפגענומען פון איהם און קיין טענה שבעולם קען קיין תירוץ נישט זיין אויף די שלעכטע בחירה וואס ער וועהלט זיך אויס. דאך זעה איך זיך ווי א געצוואונגענער אין מיינע שלעכטע מעשים, ווייל איך האב געדארפט פארמאגן ריזיגע כחות אין זיך כדי צו באקעמפן אט דעם פעסטונג וואס די סטרא אחרא האט געפונען א ארט איינצוזויען אין מיין נשמה. איך גלויב אז דער גאון יעב"ץ זעלבסט וועט א מליץ יושר זיין פאר מיר צו דערלייכטערן מיינע יסורים אויף דער אייביגער וועלט... און יעצט אז איהר וועט מיין פארלאנג דערפילן און איהר וועט די גאנצע געשיכטע מגלה זיין פאר איינעם פון די צדיקי הדור, איז צו האפן אז דאס וועט ביי איהם אנגענומען ווערן און ער וועט מתפלל זיין פאר מיין פארשטויסענע נשמה אז זי זאל ענדליך קומען צו איהר תיקון, ווי ג-ט ב"ה האט פארשפראכן אויך פאר די ערגסטע פושעי ישראל „לבל ידח ממנו נדח".

דאס איז געווען די צוואה פון מיין טאטן, וואס איז האב זיך געפילט פארפליכטעט עס איינצוהאלטן. און דאס האט מיר אהער געבראכט נאך הארדנע, אויסגעפינענדיג אייך פאר דעם צדיק הדור.

און איצטער בעט איך אייך רבי – האט זי אויסגעבראכן אין א רחמנות'דיגן געוויין – זייט מתפלל פאר זיין נשמה, ווי זיין לעצטע בקשה איז געווען.

דער רב האט צוגעזאגט איהר בקשה צו דערפילן, און זי איז א בארוהיגטע צוריק אהיים געפארן.

## צווישן צוויי בערג

דער רב האט באלד געלאזט ארייגרופן צו זיך זיינע דיינים און ער האט זיי איבער דערצעהלט די גאנצע שוידערליכע געשיכטע. אויך זיי האבן אלע גענומען אויף זיך צו מתפלל זיין פאר דער פארשטויסענער נשמה. דער רב האט נאך צוגעלייגט: „זאל די מעשה זיין א לערע צו מעורר זיין דערויף ווי ווייט מען דארף געווארנט זיין זיך נישט מישן אין מחלוקת בכלל און בפרט אין מחלוקת צווישן גדולים".

דער קאמף קעגן מיסיאן אין עיר הקודש ירושלים איז נישט אלע-



סיר משה מאנטיפיארי



א צייכנונג פון געשטאלט פון סיר משה מאנטיפיארי, ענהאלט אלס פסוקים פון חומש דברים, וואס איז געמאלעוועט געווארן דורך א ירושלים׳ער איד און עס איז אים געשענקט געווארן ביי זיין באזוך, אלץ געשאנק.

## פארבינדונגען מיט
## די גדולי
## ירושלים




א טרייסט בריוו פון סיר משה מאנטיפיארי צו ר' שמואל סאלאנט פאר די פטירה פון זיין רעביצין




א ספר אין כת"י פון קבלה פון מאנטיפיאריס זיידע




דער קונטרס פון די דאנק בריוו וואס די גדולי ירושלים האבן אויסגעשטעלט פאר מאנטיפיארי ביי זיין זיבעטער באזוך אין א"י.

די שטיינער וועלכע מען האט אויסגעקריצט א דאנק פאר מונטיפיורי אין די שכונות וואס ער האט געגרינדעט,






שכונת ״משכנות שאננים״ ימין משה, די ערשטע קווארטל אויסער די מויערן פון אלט שטאט, וואס מאנטיפיארי האט געגרינדעט. אין די זייט זעט מען דעם ווינט-מיל.



די געביידע וואס מאנטיפיארי האט אויפגעשטעלט אויף "קבר רחל" נעבן בית לחם. דורך די דורות איז פארהייליגט געווארן די צורה. פארן אויפשטעלן דעם בנין איז דא געווען א כיפה מיט פיר עמודים.



דער שריפט וואס איז אויסגעקריצט אין בנין, וועלכע צייגט אויף מאנטיפיאריס אויפטו.

מאל און נישט אין אלע צייטן אנגעגאנגען אין איין און אין זעלבן פארם, צומאל איז עס געווען א אפענער פראנט און צומאל זענען עס געווען שטילע פעולות, אבער אין אלע יאהרן זינט דער אנטשטייאונג פון אידישן ישוב האט זיך געפאדערט צו אט דער מערכה גרויס מסירות נפש, ווען אין שפיץ פון פראנט האבן זיך שטענדיג געשטעלט די רבנים פון שטאט. שוין דער ערשטער „חכם באשי״ (הויפט רב), דער ראשון לציון דער הייליגער גאון ר׳ חיים אברהם גאגין, וועמענס פסקים זענען אפיציעל אנערקענט געווען דורך דער טערקישער מאכט וואס האט דאן געהערשט אין לאנד – האט זיינע אלע יאהרן געמוזט שטיין אין פראנט קעגן די מיסיאן־העצער.

ר׳ חיים אברהם וועלכער איז אויסער זיין גאונות אין נגלה באוואוסט געווען אויך אלס גאון אין תורת הנסתר, און נאך די פטירה פון זיין שווער דער גאון און מקובל ר׳ אברהם שלום שרעבי (דער רא״ש), דער אייניקל פון דעם רש״ש (ר׳ שלום שרעבי), איז ער אויפגענומען געווארן אלס ראש אין דער ישיבת המקובלים בית א־ל — האט זיך צומאל געמוזט באניצן מיט העכערע כחות קעגן די מיסיאנערן. און ווען עס זענען ערשיינען אין ירושלים אין יאהר תר״ז דריי מיסיאנערן וועלכע האבן פארפאלגט די אידן אין עיר הקודש, האט ר׳ חיים אברהם צוזאמענגענומען די חכמי בית א־ל און האט די אלע דריי מחרים געווען מיט א „פולסא דנורא״ (פייער־חרם) דורך אנצינדן שווארצע ליכט און לייענען שמות הקדושים. און נאך אין זעלבן טאג האט פלוצלונג א פייער ארומגענומען דעם מיסיאן־הויז וואס איז געווען נעבן שער שכם, און די דריי מיסיא־נערן זענען לעבעדיגערהייט פארברענט געווארן.

די מיסיאן־לייט האבן געוואוסט ווער עס האט זיי באשטראפט אבער זיי האבן נישט געוואלט מודה זיין דערין.

## דער בעקער האלט מלחמה מיטן מיסיאן

אין די שפעטערע יאהרן איז דער ראש פון די לוחמים קעגן מיסיאן געווען דער וועלכער איז געווען דערנאך דער רב פון ירושלים, דער גאון ר׳ יוסף חיים זאנענפעלד זצ״ל. די מיסיאנערן וועלכע האבן אמערסטן באקומען דעם שוץ פון די פרעמדע קאנסולן

פלעגן ווי שוין דערמאנט אויסניצן דעם נויט וואס האט געהערשט אין די הייליגע שטאט. די ירושלים'ער אידן האבן זיך דעריבער געגנויטיגט אין א מענטש וואס ווייסט נישט פון קיין פחד, וואס זאל זיך קעגן זיי שטעלן, און ר' יוסף חיים איז עס אט דער מענטש געווען.

און אט איז א געשיכטע פון איינע פון די מערכות קעגן מיסיאן, וואס איז פארגעקומען אין יאהר תרס"ח, אין וועלכע ר' יוסף חיים איז געשטאנען אין מסירות נפש און איז – בעז"ה – בייגעקומען:

די אידן אין דער אלטע שטאט פלעגן מיט זייערע אייגענע הענט באקן זייערע ברויט און חלות. יעדערער האט זיך איינגעקויפט מעל אין שטוב אויף א געברויך פון א וואך צייט, אויסער די פארמעגליכע וועלכע האבן זיך אנגעזאמלט אין זייערע קעלערן מעל אויף א גאנץ יאהר, און די וועלכע האבן איינגעקויפט ווייץ און געפירט אין מיל צו מאלן. די הויז-ווירטן פלעגט דאס מעל איבערזיפן אין עטליכע זיפלען כדי פאראנדערצוטיילן דאס מעל און דאס זעמל מעל, דאס מעל האט געניצט אויף באקן ברויט און דאס זעמל מעל – אויף באקן חלות לכבוד שבת און יום טוב. די אויסגעקנאטענע ברויטלאך און חלות האט זי געלייגט אין א „טאבאלע" – אזא הילצערנער פירקאנ־טיגער האלטער מיט פיר קליינע ווענטלאך. דער געהילף פון דעם בעקער האט אלעמאל די דאזיגע אויסגעקנאטענע ברויטלאך גענומען אין דער בעקעריי און האט זיי צוריקגעברייגגט נאכן באקן אין שטוב אריין. כמעט אין יעדער גאס אין דער אלט-שטאט האט זיך געפונען א באק-אויוון און אידישע בעקערס, אין מעהרסטנס ספרד'ישע און ווינציגער אשכנז'ישע – פלעגן זיין די אפדינגער פון די דאזיגע אויוונס, אין וועלכע מען פלעגט אריינלייגן אויך די טשאלנטס אויף שבת.

ר' ברוך צבי הכהן ראזנטאל איז געווען איינער פון די אשכנז'י־שע בעקערס און ער האט אפגעדונגען דעם אויוון, וואס נעבן דער „אור החיים"-שול אין רחוב חב"ד. ער איז געווען א געבוירענער אין צפת און מען האט איהם גערופן „דער צפת'ער בעקער". ער איז געווען א ירא שמים און האט געטאן זיין ארבעט באמונה. זיין פרוי פערל איז געווען א „עזר כנגדו" אין דער בעקעריי, אבער זי האט

נאך אויך געפונען צייט אויף טעטיגקייט אין קהל'ישע באדארפן. זיינע זיהן האט ער געשיקט לערנען אין ישיבת „עץ חיים", און איינער פון זיי, ר' משה דוד הכהן, וועלכער איז געווען א פלייסיגער לערנער, איז אויפגענומען געווארן אין א יונגן עלטער אלס מנהל אין דער ישיבה קטנה פון „תורת חיים", און אייניגע יאהרן דערנאך איז ער אנגענומען געווארן אלס מלמד אין דער תלמוד תורה „שערי תורה" אין יפו. אין דער דאזיגער עבודת הקודש איז ער אנגעאנגען ביז אין די עלטערע יאהרן זיינע. זיין צווייטער זוהן ר' יוסף הכהן, וועלכער האט געטראגן דעם צונאמען „יבנה המקדש", האט גע־וואלט זיין א נהנה מיגיע כפיו און ער איז געווען א סטאלער. זיין צונאמען „יבנה המקדש" האט ער באקומען פאר זיין געוואוינהייט אין יעדן באגעגעניש מיט א פריינד צו זאגן „יבנה המקדש" מיט א פריידיג שמייכל אויפן פנים...

צווישן די טעטיגע עסקנים קעגן מיסיאן איז אויך געווען דער דאזיגער ג־ט'ס פארכטיגער בעקער ר' ברוך צבי. איינמאל אין א הושענא רבא באנאכט ווען ער איז געווען אין זיין וועג צו דער בעקעריי, האט ער געזעהן ווי א גרופע מאנאכן („נזירים") פון דער פראנציסקאנער ארדער וואס אויפן בארג ציון, לאזט זיך אראפ פון שער יפו און שפרייזט דורך רחוב חב"ד אין דער ריכטונג פון דער קירכע דארמאציאן. די גלחים האבן מיט זיך מיטגעפירט א צאל אידישע אינגלאך צווישן וועלכע ער האט דערקענט איינעם וואס איז איהם באוואוסט געווען. זיין הארץ האט אין איהם אויפגע־ברויזט דערזעהנדיג אין וועמענס הענט דער דאזיגער איהם בא־קאנט אינגל געפינט זיך, איז ער אין גרויס זריזות באלד צוגעלאפן, האט א כאפ געטאן דעם אינגל פארן האנד און ער איז מיט איהם פארשוואונדן.

זיין ווייב און קינדער האבן שוין פארזארגט געווארט אויף איהם אין דער בעקעריי, אוואו ער האט שוין פון לאנג געדארפט קומען. ערשט שפעט איז ער דארט אנגעקומען צושטורעמט און צוברויזט און ער האט נישט גערוהט ביז ער האט דעם אינגל אריינגעגעבן אין בית היתומים דיסקין.

עס האט נישט לאנג גענומען און אין דער בעקעריי זענען

דערשיינען גלחים און טערקישע זשאנדארמס און האבן געפאדערט צוריק געבן דעם אינגל. עס איז אנטשטאנען דארט א גרויסע מהומה און ר׳ ברוך צבי׳ס פרוי, פערל, איז באלד געלאפן צו די גבאים פון בית היתומים און האט זיי דערצעהלט אז מען איז געקומען ארעס־טירן איהר מאן, אויב ער וועט דעם אינגל נישט ארויסגעבן. ר׳ יוסף חיים זאנענפעלד, וועלכער איז געווען פון די גבאים פון בית היתומים און איז געווען א עסטרייכישער בירגער (די טערקישע רעגירונג האט נישט געקענט משפט׳ן אויסלאנדישע בירגער), האט איהם בארוהיגט און געזאגט: ,,גיי זאג זיי אז דער אינגל געפינט זיך ביי מיר אין שטוב און זאלן זיי קומען צו מיר״. פערל איז צוריקגע־קומען און האט איבערגעגעבן דעם רב׳ס רייד. ר׳ ברוך צבי איז אינצווישן אפגעפירט געווארן אין דער ,,סאראיע״ (א טערקישע ארעסט הויז).

אויפצומארגן אינדערפרי ווען ר׳ חיים זאנענפעלד איז צוריק־געקומען פון דאווענען אין שול, איז ערשיינען ביי איהם אין שטוב דער ,,קאוואס״ (דער באדינער פון קאנסול) און האט איהם גערופן צום קאנסול.

ווען ר׳ חיים איז געקומען צום קאנסול האט איהר יענער דערקלערט אז די מעשה וואס ער האט געטאן איז א הארבער פארברעכן און ער, דער קאנסול, קען נישט און וויל נישט פארטשע־פען זיך מיט דער טערקישער רעגירונג און מיט דער קירכע, על כן איז ער אונבאדינגט אויפגעפאדערט זאפארט ארויסצוגעבן דעם געכאפטן אינגל. ר׳ חיים האט זיך פון דעם קאנסולס רייד נישט אפגעשראקן און ער האט קאטעגאריש דערקלערט אז ער וועט נישט ארויסגעבן א אידיש אינגל צו שמד.

דער טאג פון הושענא רבא איז שוין פארביי, דער בעקער איז שוין פון זיין ארעסט באפרייט געווארן און ר׳ חיים זאנענפעלד איז נאך אלץ איינגעהאלטן געווען ביים קאנסול אין שטוב. די שטוב לייט פון רב זענען געווען פארזארגט און די שמחה פון די הקפות אין שול איז געווען א צושטערטע. אין א שפעטערע שעה אויף דער נאכט ווען דער עסטרייכישער קאנסול האט נאך פיל איינ׳טענה׳ן מיט ר׳ חיים׳ן פארלארן זיין געדולד, האט ער א צארנדיקער א זאג

געטאן צו איהם : ,,איך וועל דיר אפשיקן נאך בודאפעסט (די הויפט־שטאט פון אונגארן וועלכע איז דאמאלס געווען א טייל פון דער עסטרייך־אונגארישער מאנארכיע), דארט וועט מען דיר ארעסטירן און שטעלן צום געריכט פארן זינד פון ארויסכאפן א אינגל פון די ,,הייליגע נזירים'ס הענט !''

,,אבער זיי ווייסן - האט איהם ר' חיים רוהיג אפגעענטפערט - אז די זעלבע שיף וואס וועט מיר צוריק פירן פון דארט צו מיין שטוב און היים, וועט דיר אפפירן אהין און דו וועסט מער מיט דיין אמט דא נישט אנגיין''.

עס זענען ווירקליך אריבער נישט מער ווי צוויי וואכן צייט און דער קאנסול איז צוריקגערופן געווארן דורך דער עסטרייכישער רעגירונג צו זיין לאנד, אפצוגעבן א דין וחשבון אויף זיינע מעשים. ער איז שוין מער נישט צוריקגעקומען אין ירושלים צו זיין אמט, אלס פאלג פון מאסן־פראטעסטן וואס האבן קעגן איהם אויפגעהויבן די עסטרייכישע אידישע בירגער אין ירושלים.

## די צובראכענע שויב פארשטעלט מיט שמאטעס

די מלחמה פון ר' יוסף חיים זאנענפעלד מיטן מיסיאן איז, ווי שוין דערמאנט, געווען מיט מסירות נפש און ארויסשטעלנדיג זיך אפן אין סאמע פראנט, אבער אויך ער ווי די פריערדיגע גדולי ירושלים, האט זיך געמוזט אמאל באניצן מיט די העבערע כחות הקדושה אויף בייצוקומען די דאזיגע טומאה. דאס איז געשעהן בעת די מיסיאן־שליחים האבן זייער טמא'דיג אויג געווארפן אויפן אינגל ישעי'לע, דער קינד פון איינעם פון די יקירי ירושלים ר' דניאל שטראל, און האבן איהם געוואלט אין זייער נעץ פארכאפן.

אבער לאמיר זיך פריער באקענען מיטן דאזיגן ר' דניאל, וועלכער איז אין זיינע אלע קורצע לעבנס טעג אויף דער וועלט געווען א תלמיד מובהק פון ר' יוסף חיים'ן.

ר' דניאל'ס פאטער, ר' חיים שלמה, איז געווען פון די תלמידים פון דעם גאון ר' אברהם שאג פון קויבארסדארף, ביי איהם האט ער געלערנט תורה צוזאמען מיט ר' יוסף חיים זאנענפעלד. ער איז

נפטר געווארן אין חוץ לארץ, און א קורצע צייט דערנאך איז אויך זיין פרוי נפטר געווארן. זייער איינציג קינד, דער קיילעכיגער יתום דניאל, איז דורך דער משפחה געברייננגט געווארן אין ירושלים. דא האט איהם ר׳ יוסף חיים געדענקט זיין ברית אבות און זיין פריינד־שאפט מיטן פארשטארבענעם פאטער, און ער האט איהם אדאפטירט אלס קינד. פון זיין ברויט האט ער געגעסן און פון זיין תורה האט ער געלערנט, ביז ער איז געווארן א דערוואקסענער בחור.

צוליב זיין וואנדערן און פרי־צייטיג פאר׳יתום׳טקייט איז דניאל געוועזן א שוואך אויסגעמאגערטער בחור, און מיט גרויס מיה איז ר׳ יוסף חיים׳ן אנגעקומען צו געפינען פאר איהם א בת זוג און פירן צו די חופה. די ווייב פון ר׳ דניאל׳ן האט איהם געבארן צוויי מייד־לאך און איין אינגל. די קינדער זענען גרעסער געווארן און דער אינגל איז אריינגעגעבן געווארן לערנען אין תלמוד תורה עץ חיים. ער האט זיך אויסגעצייכנט אין זיינע לימודים, און ווען ער איז אונטערגעוואקסן איז ער באוואוסט געוועזן אלס עילוי מיט א שארפע תפיסה. דער ראש הישיבה, דער גאון ר׳ אליעזר דן רלב״ג, האט איהם גרויסעס פאראויסגעזעהן. ער האט געהאט א קרעפטיג אויסזעהן און איז הויך געוועזן ווי א צעדער פלאנץ, אין קעגנזאץ צו דער אויסגעדארט אויסזעהן פון זיין פאטער, און אלע זיינע צוזע־הער האב זיך מיט איהם געבענטשט.

איז עס אלזא קיין וואונדער נישט געוועזן וואס די ווייבער פון דער שכונה האבן צווישן זיך קנאה׳דיג געמורמלט, אויסשפייענדיג דערביי אלס סגולה קעגן עין הרע, ווען ישעי׳לע פלעגט פארבייגיין אין גאס פון דער שכונה מיט די גמרא אונטערן ארעם. „זיין מוטער ברײנדל טריקנט דאך אויס איהרע אויגן פון טרערן ביי ליכט צינדן אין יעדן ערב שבת קודש, אויסשפרייטנדיג פאר השם יתברך איהר געבעט דערויף! און ווער נאך וואלט מיט אזוי פיל טרערן נישט געקענט אזעלכעס אויס׳פועל׳ן ביי דעם פון הימל? און זיין פאטער דער צדיק, – האבן אלע ווייבער פון דער שכונה געוואוסט צו דער־צעהלן – וואס טוט ער ביי יעדן סעודה שלישית אין שבת, ווען ער זינגט דעם זמר „יצוה צור חסדו״ און ער קומט צו דעם זאץ „ויזכו לראות בנים ובני בנים עוסקים בתורה ובמצוות״, ווי האקט ער זיך

דערביי דעם קאפ אין הייליגן שבת־טיש פארגיסנדיג א לאנגע צייט א הייסע תפלה אז ער זאל זוכה זיין דערצו. נישט אומזיסט זאגט די וועלט אז נסים געשעהן נישט, מיט אזוי פיל תפלות און טרערן וואלט יעדערער זוכה געווען צו אזא קינד"...

די ווייבער פון דער שכונה זענען גערעכט און אויך אומגערעכט געווען. זיי זענען גערעכט געווען אין דעם וואס זיי האבן געזאגט אז נישט דורך א נס איז אזא קינד אויסגעוואקסן, אבער זיי זענען נישט גערעכט געווען אין דעם וואס זיי האבן געזאגט אז בלויז דורך טרערן און תפלה איז ער אזוי אויסגעוואקסן. ישעי'לע האט אויך א אויסגעצייכנטן חנוך ביי זיינע עלטערן באקומען, און זיין אויפ־פירונג איז געווען א פאלג פון דאזיגן חנוך.

זיינע חברים אין תלמוד תורה האבן געוואוסט אז מיט ישעי'לען קען מען קיין סתם פוסטע און קינדערישע רייד נישט רעדן און אויך קיין „מילי דעלמא" בכלל. ווען א אינגל ווייזט איהם א קשיא פון „מהרש"א" שמייכלט ער, ברומט אונטער און איז איינגאנצן לעב־האפטיג, א צווייטער ווייזט איהם א תירוץ פון „פני יהושע" און ער ווערט מלא שמחה. פרואווט אבער איינער איהם דערציילן סתם וועלטליכע זאכן בלייבט ער שטיל שווייגנדיג זיצן ווי ער וואלט גארנישט געהערט.

און דאך האט איינמאל פאסירט וואס זיינע חברים אין כתה האבן איהם צוגעדריקט צו דערציילן וועגן א זאך וואס געהער ווארשיינליך צו „מילי דעלמא". דאס איז געווען א דערציילונג פון א פארשטאפט פענסטער אין שטוב פון זיינע עלטערן.

שוין זייט העכער א האלב יאהר וואס איינע פון די שטוב־פענסטער פון ר' דניאל'ן וואס קוקט ארויס צום הר הבית, איז מיט שמאטעס פארשטאפט, און קיינער פון די שכנים און דורכגייער דארט ווייסט נישט פארוואס. ריכטיג אזא זאך איז נישט געווען קיין זעלטענע דערשיינונג אין די דאמאלסדיגע ירושלים. נישט אלע מאל האבן זיך אין דער קעשענע פון די ירושלים'דיגע ארעמע לייט געפונען די פאר פרוטות צו באצאלן דעם גלעזער פארן ארייננשטעלן א נייעם שויב אין פענסטער. אבער חדשים לאנג צו לאזן א פענס־טער אן א שויב און באזונדערס נאכן דערנעהנטערן זיך די טעג פון

ערב פסח, ווען אלע פאריכטן אין שטוב וואס עס איז דא צו פאריכטן און מען באנייט די שטוב לכבוד דעם ליבן יום טוב פסח – דאס האט שוין אלעמען געוואונדערט. די וואונדערונג איז נאכמער געשטיגן ווען ר׳ חייקל דער שמש פון דער „חורבה״ שול האט דערצעהלט, אז ער האט פארגעלייגט פאר ר׳ דניאל׳ס פרוי ברײנדל צו שיקן א גלעזער אויף זיין רעכענונג צו ארײנשטעלן א נייע שויב אין פענסטער, און זי האט דערפון נישט געוואלט הערן.

ר׳ דניאל׳ס חברים אין ישיבה האבן געפרואווט ארויסבאקומען פון זיין מויל עטוואס דערויף, אבער ער האט זיי אנטזאגט. דאס איז דאך, האט ער זיי געזאגט, א זאך וואס אנבאלאנגט „מילי דביתא״ (שטוב זאכן) אויף וואס חז״ל האבן פעסטגעשטעלט אז עס געהער צו דער פרוי, איז וואס האב איך זיך צומישן דערין ? און ווען די ווייבער פון דער שכונה האבן געוואלט הערן א ווארט פון ברײנדל׳ס מויל וועגן דאזיגן משונה׳דיג פענסטער, האט זי זיי גלייכגילטיג אפגעענטפערט: „יא, איהר זענט ווירקליך גערעכט, מען דארף טאקע דעם פענסטער פאריכטן״...

די נייגעריגקייט איז געוואקסן און האט זיך פארשפרייט, ביז עס איז אנגעקומען אויך צו די אויערן פון די חדר־אינגלאך. „די גרויסע קייען און די קליינע שפייען״, און די האבן אויף זייער שטייגער געפרואווט דערגיין דעם סוד פון פארשטאפטן פענסטער אין ר׳ דניאל׳ס שטוב. זיי האבן זיך אין א טאג פון די בין הזמנים טעג וואס פאר פסח, ארומגענומען אלע ארום ישעי׳לען און זענען אנגע־שטאנען אויף איהם אז ער זאל זיי אומבאדינגט דעם דאזיגן סוד אנטפלעקן, און ישעי׳לע איז געצוואונגען געווען צו דערצעהלן.

„מיין פאטער פירט זיך – האט ישעי׳לע זעהר גערירט און מיט א בלאסן געזיכט געגומען דערצעהלן – ווען ער ריכט אפ „תיקון חצות״ יעדן נאכט, שטעלט ער זיך ביים פענסטער פון שטוב וואס קוקט ארויס צום הר הבית און ער וויינט און קלאגט אויף גלות השכינה און חורבן בית המקדש, ער זיפצעט פון טיפן הארצן און יאמערט מיט הייסע טרערן וואס רינען אן אויפהער פון זיינע אויגן, און ער שפירט נישט דערביי וואס ארום איהם טוט זיך.

האט פאסירט אין פאריגן זומער – דאס איז געווען אין איינע פון

די „בין המצרים״־נעכט וואס צווישן שבעה עשר בתמוז און תשעה באב, ווען דער ווייטאג אויפן חורבן בית המקדש ווערט פון דאסניי דערוועקט אין יעדן אידיש הארץ – ווען דער טאטע זאל לעבן איז אזוי איינגעהילט אין טיפן טרויער געשטאנען ביים פענסטער און געיאמערט, האט זיך זיין קאפ אנגעשטויסן אין פענסטער־שויב. דאס גלאז איז צובראכן געווארן און האט איהם צובלוטיגט. אבער ביז אויף צומארגן אינדערפרי האט קיינער אין שטוב דערפון נישט געוואוסט.

ווען די מאמע זאל לעבן האט אינדערפרי דערזעהן די צובראכענע שויב און האט אויך באמערקט ווי דער ראק און היטל פון טאטן זענען באדעקט מיט שטיקלאך צובראכענע גלאז, האט זי געוואוסט וואס עס האט פאסירט. זי האט דאן נישט אין טאטנס קעגנווארט געזאגט צו אונז: „קינדער, די דאזיגע שויב בלייבט צובראכן, דעם פענסטער וועלן מיר מיט שמאטעס פארשטאפן, און זאל עס דינען אלס מוסר־ספר פאר אייך, צו לערנען דערפון יראת שמים און כבוד שמים, ווי אזוי עס דארף זיך א איד פירן ווען ער גיסט זיין הארץ אויס אויף צער השכינה און ווי אזוי ער דארף נישט פילן זיין גאנצן זיך ווען ער שטייט אין זיין געבעט פאר השם יתברך״...

עס איז ווירקליך א מוסר־ספר געבליבן נישט בלויז פאר ר׳ דניאל׳ס קינדער נאר אויך פאר אלע אין ירושלים וואס האבן עס געהערט און געשטוינט.

## ״ביעור חמץ״ ערב סוכות

דער פענסטער אין ר׳ דניאל׳ס שטוב איז נאך א גאנצער יאהר געבליבן פארשטאפט מיט שמאטעס, ביז עס איז ענדליך באשטעלט געווארן א גלעזער און דער פענסטער האט א נייעם שויב באקומען און איז צוריק געווארן ווי די איבעריגע שטוב־פענסטער.

ווען איז עס געשעהן און וואס האט דערצו געברייגגט ?

דאס איז געשעהן אין „בר מצוה״־טאג פון ר׳ דניאל׳ס בן יחיד, ישעי׳לע. ר׳ יוסף חיים זאנענפעלד איז געקומען צו ר׳ דניאל׳ן אין שטוב זיך באטייליגן אין זיין שמחה. דערזעהנדיג דעם פארשטאפטן

פענסטער, האט ר׳ יוסף חיים זיך געווענדעט צום בעל השמחה און האט איהם שמייכלדיג א זאג געטאן: ,,ר׳ דניאל, אין ספר דניאל שטייט דאך בפירוש: ,,וכוין פתיחין ליה״ (דניאל ו) - די פענסטער זענען ביי איהם אפן געווען (צום דאוונען)!...״

ר׳ יוסף חיים האט דאס בלויז אין א בדיחה געזאגט, משמח צו זיין דעם בעל השמחה. ר׳ דניאל אבער האט די רייד פון זיין רבין ערנסט אנגענומען און ער האט געזעהן דערין א באפעל צו פאריכטן דעם פענסטער, און באלד ווי ר׳ יוסף חיים איז ארויס פון שטוב איז ער אינמיטן דער שמחה געלאפן און געברייננגט א גלעזער, וועלכער האט א נייעם שויב איינגעריכטעט אין דעם פענסטער.

די משפחה־מיטגלידער פון ר׳ דניאל׳ן און זיינע באקאנטע וואס זענען אלע געקומען אין דעם טאג צו איהם אין שטוב אפגעבן ,,מזל טוב״, האבן זיך זעהר געוואונדערט דערויף. זיי האבן גוט געקענט די תקיפות פון זיין פרוי ברײנדל אין מילי דשמיא און האבן געוואוסט פון איהר פעסטן באשלוס נישט צו פאריכטן דעם דאזיגן פענסטער - וואס האט זי אזוי מיטאמאל איינגעשטימט צו איהר מאן אין דעם? ר׳ יוסף חיים האט דאך זיינע רייד בלויז אין א בדיחה געזאגט?

אין דער בר מצוה־סעודה האט ר׳ דניאל אין זיין גוטמוטיגן פריידיגן שטימונג, אין טאג וואס ער האט זוכה געווען צו זעהן זיין איינציג טייערן זוהן דערגרייכן דעם מצוות־עלטער - דערצעהלט פאר די גערופענע א גאנצע געשיכטע וואס איז זיך פארלאפן אין אנבאלאנג דעם בר מצוה־חתן, דורך דער צייט וואס דער פענסטער איז פארשטאפט געווען. און אלע האבן דאן פארשטאנען דאס זריזות פון ברײנדלען מיטן פאריכטן דעם פענסטער, הערנדיג נאר א וואונק דערויף פון ר׳ יוסף חיים זאנענפעלד׳ס מויל. און אט וואס די צוהערער האבן איבערדערצעהלט:

צווישן די אידישע איינוואוינער אין דער אלט שטאט פון ירושלים איז באוואוסט געווען דעם נאמען ,,באסר סאלחי״.

דאס איז געווען א כיטרער אראבער, א קריסט, וואס אונטער זיין אייגנטום האבן זיך געפונען פיל חצרים אין דער אלט שטאט, וועלכע זענען באוואוינט געווען אויך דורך אידן. זייענדיג א פארשווארע־

נער אידן־פיינד האט ער אויסגעזויגן דאס מארך פון די ביינער פון די אידישע איינוואוינער אין זיינע חצרים, און ער האט פון מאל צו מאל געהעכערט זיי די דירה־געלט. ער האט אבער אויך אויסערדעם געזוכט אנצוטאן צרות אידן אויף ווי ווייט זיין האנט האט דער־גרייכט. ער פלעגט פון מאל צו מאל אויך איבערייסן דעם עירוב וואס האט זיך דאן געצויגן ביז דער שכונה „נחלת שבעה", כדי צו מכשיל זיין אידן אין ירושלים צו טראגן שבת אן א עירוב, און נאך אזעלכעס.

קומענדיג שטענדיג צווישן אידן אין די ענינים פון זיינע דירות, האט דער דאזיגער באסר גוט געקענט יעדערן פון זיי באזונדער. און אזוי נאך האט ער אויך געוואוסט פון דעם ארעמען צדיק ר' דניאל און זיין כלי יקר, דער וואונדער־אינגל ישעי'לע. א אונבא־שרענקטע קנאה האט איהם באהערשט, איז זיין גרויזאמקייט און שלעכט הארציגקייט האט ער באשלאסן מכשיל צו זיין דעם דאזיגן אינגל. ער האט זיך צו דעם צוועק פארבונדן מיטן מיסיאן און ער האט דערצעהלט די מיסיאן־לייט וועגן דער „מציאה" פון די גרויסע נשמה וואס זיי קענען „מציל" זיין פארן קריסטנטום. יענע האבן איהם צוגעשטעלט טמא'דיגע בלעטלאך וואס זענען אין מערסטנס געשריבן געווען דורך פארגרייזטע פסוקים אין תנ"ך, און ער פלעגט זיי איבערגעבן ישעי'לען אין באטריגערישן אויסרייד, אז דאס האט ער געפונען וואלגערן זיך הייליגע אידישע אפגעריסענע בלעטלאך און מען דארף זיי פירן אין דער „גניזה".

דער תמימות'דיגער ישעי'לע זעהנדיג די פסוקים אין די בלעט־לאך, האט נישט געוואוסט דעם טמא'דיגן אפשטאם זייערער און ער פלעגט זיי גערן נעמען און אריבערפירן דערנאך אין דער גרויסער „שמות גניזה" וואס אין שול פון דער „חורבה". איינמאל אין דער בין הזמנים צייט וואס פאר סוכות, ווען ישעי'לע איז צוריק־געגאנגען פון חדר, באגעגנט איהם מאנצור און רוקט איהם אריין אין האנט צוויי מיסיאן־בלעטלאך. ישעי'לע האט זיך דאן געאיילט אהיים אפצועסן עפעס און לויפן נאכהער אין שול אריין כדי איבער־צו'חזר'ן אויף זיינע לימודים וואס ער האט דורכן זומער־זמן געלע־רנט, האט ער אלזא קיין צייט נישט געהאט יעצט צו גיין ארייגלייגן

עס אין דער גניזה אויפן חורבה, איז ער אזוי געקומען מיט דעם אין האנט אין שטוב אריין.

„וואס האלטסטו דארט אין האנט ?" — גיט איהם דער פאטער א פרעג.

„דער אראבישער אייגנטימער מאנצור האט מיר געגעבן „שמות" ארייכצולייגן אין גניזה" — איז געווען דעם אינגלס ענטפער.

ר' דניאל האט גוט געקענט די רשעות און באטרוג פון דאזיגן מאנצור און ער האט פארשטאנען אז דאס איז נישט אזוי גלאטיג. האט ער א נעם געטאן די בלעטלאך פון ישעי'לעס האנט און עס איז איהם פינסטער געווארן אין די אויגן. די מיסיאן־טומאה האט איהר נעץ אויסגעשפרייט אויך אויף זיין טייערן ישעי'לע, געפינענדיג איהר געהעריגן אגענט אין דאזיגן שונא ישראל. דער קאפ האט איהם גענומען שווינדלען, די בלוט איז זיך איהם פארלאפן אין פנים און פונקען זענען איהם געפלויגן אין די אויגן. ער האט זיך האסטיג א זעץ געטאן אויפן שטול, אז די פאדלאגע אונטער איהם האט א קריץ געטאן אין געברום.

די צדיקת ברײנדל איז דאן געווען פארנומען אין דער פון בלעך געבויטע קיך מיטן צוגרייטן דעם ארעמען מאלצייט, וואס איז באש־טאנען פון א שטיק איבערגעבליבענע חלה פון שבת וועלכע זי האט איינגעפרעגלט אין שמן. דערהערנדיג דעם געררויש אין שטוב איז זי אין איין אטעם אריינגעלאפן אינווייניג און האט געזעהן ווי ישעי'לע שטייט אין א זייט א בלאסער און אן לשון און ר' דניאל זיצט מיט פארגלאנצטע אויגן און אונבאוועגליך אויפן שטול. איז זי באלד צוריקגעלאפן אין קיך און געברײנגט קאלטע וואסער אפצו־מינטערן איהר מאן.

ווען ר' דניאל איז צוריקגעקומען צו זיך האט ער באפוילן ברײנדל'ען אז זי זאל שנעל גיין מאכן א פייער אין חצר. ברײנדל איז דערשראקן געווארן, מיינענדיג אז איהר מאן איז צוטומלט געווארן פון זיין חלשות.

„דניאל ! — גיט זי איהם א זאג — א טייל פון אונזער סוכה איז שוין אויפגעשטעלט אין חצר און עס קען חלילה אין דעם פייער אפגיין".

ר׳ דניאל הויבט זיך שווער אויף פון שטול און ער גייט אליין אנצינדן דעם פייער אין חצר. ברײַנדל פארשטייט דאן אז די זאך איז ערנסט און זי איילט צו טאן דעם רצון פון איהר מאן. ביז א קורצע צייט האט זיך א פלאם פייער דערהויבן אין חצר. ר׳ דניאל האט דאן ארויסגענומען פון זיין טלית־זאק דעם „סידור ר׳ יעקב עמדין״ אין וועלכן ער דאוונט שטענדיג, איז ארויס דערמיט צום פייער און האט אויפגעעפנט ביי „כל חמירא״, דאן האט ער די מיסיאן־בלאטלאך וואס ער האט געפונען אין ישעי׳לעס הענט אריינגעווארפן אין פייער און ער האט געזאגט פון סידור אות נאך אות, בדחילו ורחימו, אין נוסח און ניגון פון ערב פסח בשעת׳ן פארברענען דעם חמץ : „כל חמירא וחמיעא דאיכא ברשותי דחזיתה ודלא חזיתה דבערתה ודלא בערתה ליבטיל ולהוי הפקר כעפרא דארעא״...

דער פייער האט די מיסיאן־טומאה פארברענט אויף אש, און ר׳ דניאל האט דאס אש צוזייט אויפן ווינט. ברײַנדל האט דאן פארשווענקט דעם חצר מיט ביזן לעצטן טראפן וואסער פון דער ליימענער פאס וואס איז אין חצר געשטאנען. ערשט דאן ווען ער האט זיך אביסל בארוהיגט האט ר׳ דניאל דערצעהלט פאר ברײַנדלען ווי אזוי דער רשע מאנצור האט געוואלט אריינכאפן זייער ישעי׳לען אין מיסיאן־נעץ. דא האבן זיך די „יוצרות״ איבערגעדרייט און די צדיקת ברײַנדל, הערנדיג דאס, האט גענומען שוידערן און קראמפן. ווען זי האט זיך צוריקגעכאפט האט זי אין ציטער געזאגט צו איהר מאן : „דניאל, די געשיכטע איז נאכנישט ערלעדיגט, די געפאר איז גרויס. מיר טארן זיך נישט זעצן עסן הײַנטיגע נאכט ביז מיר וועלן נישט פריער גיין צו ר׳ יוסף חיים זאנענפעלד, דערצעהלן איהם דעם גאנצן ענין און הערן פון זיין מויל וואס ער האט דערויף צו זאגן״.

„אויך איך האב דאס זעלבע געטראכט – האט ר׳ דניאל איהר געענטפערט – אבער ווי קען איך גיין זעהן זיין שטראלנדיגן פנים איידער איך וועל זיך טובל׳ען פון דער דאזיגער טומאה וואס איך און ישעי׳לע האבן אנגערירט ? איך וועל נעמען ישעי׳לען און וועל גיין מיט איהם אין מקוה זיך טובל׳ען, און ערשט דערנאך וועלן מיר

קומען צו ר׳ יוסף חיים׳ן. די וואסער אין מקוה איז יעצט שפעט ביינאכט פארפרארן, האב איך קודם מורא געהאט אז אונזער קינד זאל זיך נישט פארקילן חלילה, אבער מיר טארן עס נישט אפלייגן אויף מארגן. דער שטן קען נאך חלילה אונטער־רוקן אלערליי שטע־רונגען ביז אינדערפרי׳׳.

ישעי׳לע איז איינגעהילט געווארן אין א ווארעמע דעקע און ר׳ דניאל איז מיט איהם אויף די הענט אראפ אין דער מקוה וואס נעבן די שול פון ,,כולל שומרי החומות׳׳ אין דער אלט שטאט. נאכן טובל׳ען זיך ווי געהעריג זענען דער פאטער און קינד צוריקגעקומען אין שטוב, אוואו די מוטער האט זיך אויך אנגעשלאסן צו זיי, און זיי זענען אלע אוועק צו ר׳ יוסף חיים זאנענפעלד אין ,,בתי מחסה׳׳.

עס איז שוין געווען נאהנט צו האלבע נאכט און ר׳ יוסף חיים האט זיך געגרייט צו גיין, ווי זיין שטייגער יעדער נאכט, אפריכטן ,,תיקון חצות׳׳ ביים ,,כותל המערבי׳׳. פאר ר׳ יוסף חיים׳ן איז עס נישט קיין זעלטניש געווען דאס קומען צו איהם אזוי שפעט אין דער נאכט. פיל זענען געווען די פראבלעמען פון אידן אין ירושלים, און די שטוב פון ר׳ יוסף חיים׳ן, וועלכע איז אפן געווען בייטאג און ביינאכט, איז געווען דער הויפט אדרעס פאר יעדן ענין. האט ער דעריבער זיך נישט געוואונדערט צו זעהן ביי זיך אין שטוב אין אט דער צייט ר׳ דניאל׳ן און זיין פרוי. אבער צו וואס האבן זיי דעם יונגן ישעי׳לע מיט זיך מיטגעברייננגט?

,,דער אינגל איז דאך געווים מיד פון זיין לערנען א גאנצן טאג!׳׳ – האט ר׳ יוסף חיים געזאגט, אנקוקנדיג ישעי׳לען אין א ווייך רחמנות׳דיג בליק און גלעטנדיג צארט זיין קאפ.

בריינדל ברעכט אויס אין א געוויין און ר׳ דניאל דערצעהלט פאר זיין רבין ווי דער אראבער נאסר לאקערט אויף די נשמה פון זיין קינד.

ר׳ יוסף חיים הערט דאס אויס און מאכט א לייכטע באוועגונג מיט זיין האנט. ,,קיין בייזעס – האט ער צו זיי געזאגט – דאס איז א נסיון פון הימל געווען אויסצופרואוון אייך. לויבט השם יתברך וואס ער האט אייך חונן דעת געווען צו וויסן וואס צו טאן. גייט אהיים לשלום און ישעי׳לע וועט אם ירצה השם א גדול בישראל זיין׳׳...

און באלד דערויף האט ער צוגעגעבן : „דעם דאזיגן אראבער רופט מען דאך „באסר סאלחי״, די אותיות „באסר סאלחי״ איז בגימטריא „משוגע״ (420), ער וועט שוין אויף זיין שטראף קומען״.

אויף צו מארגן האט זיך אין ירושלים פארשפרייט דער קלאנג אז דער אראבישער אייגנטימער מאנצור איז אראפּ פון זינען, און די טערקישע רעגירונג האט איהם פארטריבן קיין מצרים אלס א געפערליכער פאר די בירגער.

די רייד פון ר׳ יוסף חיים׳ן זענען פולשטענדיג מקוים געווארן און אידן אין ירושלים האבן לייכטער אפגעאטעמט. אבער אז דאס האט פון איהם געשטאמט האט קיינער נישט געוואוסט.

א יאהר צייט האבן ר׳ דניאל און זיין פרוי די זאך געהאלטן בסוד, און אין טאג פון ישעי׳לעס בר מצוה האט ר׳ דניאל דעם סוד ארויס־געגעבן.

„אויב מייז רביז׳ס א ווארט פועל׳ט אזוי גיך אין הימל, א זאך וואס אויך ברײנדל האט זיך דערין איבערצייגט, איז קיין וואונדער נישט וואס זי האט זיך אזוי מזרז געווען נאכצוקומען זיינע רייד וועגן פארשטאפּטן פענסטער, אפילו ווען ער האט זיי בלויז אויף א מליצה געזאגט״

## דער פראנט ביז אויפן פיש־מארק

די אידן אין ירושלים האבן בשעת מעשה ווירקליך נישט גע־וואוסט וועמענס האנט עס האט געשטעקט אין דעם שטראף פון מאנצור׳ן, זיי האבן נאר צווישן זיך פריידיג געשמועסט וועגן דעם שטראף וואס דער אראבישער רשע האט פון הימל באקומען פאר זיין איזדעקעווען זיך איבער אידן. די אראבער אבער אין דער אלט שטאט האבן פארשטאנען אז איינער א קדוש פון די אידן האט איהם פארשאלטן.

דער זוהן פון דאזיגן מאנצור, דזשאמיל, איז באוואוסט געווען אין דער אלט שטאט אלס הויפּט צושטעלער פון לעבעדיגע פיש אין די קלייטן. האט ער געזוכט אויסצוניצן זיין דאזיגן בראנזש אין זיין נקמה־וואונש קעגן אידן, וויסנדיג אז פיש פארנעמט דעם אויבן אן

ביי אידן אין די שבת סעודה און אין יעדער שמחה. האט ער צוביס־לאך גענומען שטייגן דעם פרייז פון פיש ביז עס איז אין א פארלויף פון אייניגע חדשים פארדאפלט געווארן. ער האט דערביי אויך אנגע־רייצט די אראבישע פיש־פארקויפער צו שלאגן די אידן וואס וועלן וואגן צו דינגען זיך אויפן פרייז. עס האט זיך געשטעלט א שווערע לאגע פאר די ארעמע אידן אין ירושלים, וואס האבן נישט געקענט צוקומען צו א שטיקל פלייש אדער עוף אויף שבת, וועלן זיי יעצט געצוואונגען זיין צו פארציכטן אויך אויף פיש לכבוד שבת ?

די רבנים אין ירושלים האבן זיך געזעצט באהאנדלען די דאזיגע פראגע און אין איינקלאנג צו דעם פסק הלכה אין פאל פון פרייזן־שטייגענונג, האבן זיי ארויסגעגעבן א איסור אויף אלע אידן אין ירושלים צו קויפן לעבעדיגע פיש. ביז צוויי וואכן האבן די אראבישע פיש־פארקויפער גוט דערפילט די פאלגן פון דאזיגן איסור, און זיי זענען געצוואונגען געווען צוריקצושטעלן דעם פרייז פון פיש אזוי ווי פריער.

## דער וואס איז גרעסער אין חשבון זיגט אין די מלחמה

דער קלאנג וועגן דער גימטריא פון ר' יוסף חיים'ן איבערן אראבישן גרויזאמער אייגנטימער און זיין פלוצלונגן אראפגיין פון זינען, האט זיך פארשפרייט אין שטאט און אלע זענען אין שטוינונג געשלאגן געווארן. נישט אזוי אבער איז געווען מיט די וועלכע האבן געקענט פון נאהענטן ר' יוסף חיים'ן און זיין כח הקדושה. פאר זיי איז דאס אלעס בכלל קיין איבערראשונג געווען. די האבן געוואוסט צו דערצעהלן אויף איהם אז מיטן כח פון זיין הויכע תפיסה און באזונ־דערע הייליגע חושים, האט ער געקענט געבוי צוטרעפן און געפינען אויפן ארט א ראיה און א צושטעל אין באצוג צו יעטווידער געשעה־ניש און עובדא.

ר' יוסף חיים האט אין די דאזיגע גימטריות נישט בלויז צופע־ליגע צירופים פון אותיות געזעהן, נאר ערנסט באדייטנדע סימנים ווי אזעלכע וואס עניני תורה ווערן געלערנט פון זיי, און נישט

די מודעה פון די
ירושלים'ער רבנים,
וועגן דעם
צולאזטקייט אין
פיש מארק, און די
קויפער סטרייק.


מודעה
ואזהרה רבה
מהרבנים הגאונים והבתי דינים
פרושים והסידים הי"ו
פריש
בהסכם הרבנים הגאונים
לאסר איסר
עבריין



הרה"ג ר' אברהם חיים נאה. דער
הויז-באגלויבטער פון הגר"ח זאנענפלד

איינמאל האבן זיך די אידן אין ירושלים איבערצייגט אין דעם אפענעם רוח הקודש וואס האט זיך אין די דאזיגע גימטריות געוויזן. איז אט דער ענין געווען אזוי ווי דער ענין וואס כלל ישראל פלעגט פון שטענדיג אן זעהן ביי זיינע גדולים, אזעלכע וואס דער רוח הקודש איז ערשיינען ביי זיי בשעת זייער לערנען אדער דאוונען און אזעלכע צדיקים וואס זייער כח הקדושה האט זיך ארויסגעוויזן גאר בשעת זייער טובל'ען זיך אין מקוה אדער גראד פאר זייער תפילין לייגן. אט דעם כח הקדושה פון דערפילן א מציאות און וויסן דעם צוקונפט, האבן די מקורבים פון ר' יוסף חיים'ן געזעהן אין זיינע גימטריות און רעכענונגען (אגרא דפרקא סי' סו), נאר אזוי ווי אין זיינע אלע וועגן וואס זענען געווען פארבארגן און פארהוילן צוליב זיין גרויסע עניוות, אזוי איז אויך אט דער ענין איינגעהילט געווען ביי איהם אין א הילע פון חשבון און צאהל.

ער האט פיל מאל פעסט געשטעלט ראיות אויף א אידישן דין און מנהג אויפן גרונד פון א גימטריא, און ער האט זיך אויך נישט צוריקגעהאלטן פון באניצן זיך מיט גימטריות אין זיינע קאמפן צו פארטיידיגן אידישע הייליגקייטן. זיינע קעגנער האבן געשטויגט אויף זיין חכמה און רמזים וועלכע זענען געשטאנען זיי אין וועג און זייער דורכפירן זייער בייזן ווילן. אין אנבאלאנג דערמיט איז מערק־ווירדיג די פאלגענדע עובדא:

איינער פון די אנפירער פון אומכעליגעזן לאגער וועלכער איז געווען א שנה ופירש'ניק און האט פארשטאנען א דבר תורה, האט זיך אמאל געטראפן אין וועג מיטן נאמן בית פון ר' יוסף חיים'ן, הג"ר אברהם חיים נאה, האט ער צו איהם א זאג געטאן: „אייער רבי פירט מיט אונז מלחמה מיט רמזים און גימטריות, אט דאס הייסט מלחמה?" ר' אברהם חיים וועלכער איז באוואוסט געווען מיט זיין שארפזיניגקייט האט איהם אויפן ארט געענטפערט: חז"ל זאגן (נדרים לב) אויפן פסוק „וישמע אברהם כי נשבה אחיו וירק את חניכיו ילידי ביתו שמונה עשר ושלש מאות וירדוף עד דן", אז בלויז אליעזר'ן אליין האט אברהם מיטגענומען אין דער מלחמה נאר די אותיות אליעזר באטרעפן בגימטריא דריי הונדערט און אכטצעהן. אט האסטו דא א אפענעם באוויז אז אויך אין מלחמה קען מען ניצן דעם כח פון גימטריא"...

ווען ר׳ אברהם חיים האט איבערגעזאגט זיין אנטווארט פאר ר׳ חיים זאנענפעלד, האט ער איהם אויסגעלויבט זיין קלוגן אנט־ווארט און ער האט צוגעגעבן : „לויט מיין מיינונג האסטו איהם געקענט געבן א פשוט׳ן אנטווארט, אז עס איז א באוואוסטער כלל אז דער וואס איז גרעסער אין כח פון אויסרעכנונג דער איז דער מנצח אין מלחמה״...

## די הסתלקות פון בעלזער רב

א ווייט פארשפרייטן אפקלאנג האט געהאט א גימטריא־אויס־רעכנונג פון ר׳ יוסף חיים׳ן ביי די פטירה פון הייליגן בעלזער רבין, ר׳ ישכר דוב. אין יאהר תרפ״ו איז דער בעלזער רבי קראנק געווארן און אין ירושלים איז אנגעקומען א בטעות׳דיגער נאכריכט אז דער רבי איז נפטר געווארן. דער דאזיגער נאכריכט איז אויך פארעפנט־ליכט געווען אין די ארץ ישראל־צייטונגען. ר׳ משה בלוי, וועלכער האט געוואוסט ווי ווייט געשעצט איז דער בעלזער צדיק געווען ביי ר׳ חיים זאנענפעלד, איז אריינגעקומען צו איהם אין שטוב מעלדן פארזיכטיג די טרויעריגע בשורה. צו זיין שטוינונג אבער האט ר׳ חיים די ידיעה גאנץ גלייכגילטיג אנגענומען, נישט ווי זיין שטייגער איז געווען צו קלאגן לאנג אויף די פטירה פון א גאון און א צדיק, און ער האט אויך דאס מאל נישט אויפגעהויבן דעם ראנד פון זיין בגד צו רייסן פון אונטן א קליינע קריעה, ווי עס איז זיין שטייגער געווען אין אזעלכע פאלן. אין איינינע טעג ארום איז ווירקליך קלאר געווארן אז די ידיעה איז גרונדלאז געווען און דעם רבין׳ס געזונט־צושטאנד פארבעסערט זיך.

אין א יאהר ארום, אין תרפ״ז, איז ווידער דערהאלטן געווארן אין ירושלים דער נאכריכט אז דער בעלזער רבי איז נסתלק געווארן צו זיין וועלט. דאס מאל איז די ידיעה א ריכטיגע געווען. ר׳ משה בלוי איז ווידער אריינגעקומען צו ר׳ יוסף חיים׳ן אין שטוב איבער־געבן די טרויעריגע בשורה. ר׳ יוסף חיים האט זיך ביטערליך צוא־וויינט, טיף געזיפצעט און געריסן קריעה אין ראנד פון זיין בגד. די אלע וואס זענען אנוועזנד געווען דערביי האבן געשטוינט : פאר־וואס דעם מאל האט ער באלד געגלויבט די ידיעה, נאכדעם וואס א ענליכע ידיעה פאר א יאהר צוריק האט זיך ארויסגעוויזן פאר גרונדלאז ? ר׳ משה האט געוואגט און האט איהם דערויף געפרעגט.

„קום וועל איך דיר ווייזן – האט איהם ר׳ יוסף חיים געענט־פערט – אז דא איז א פשוט׳ער חשבון פאראן און עס איז קיינע נביאות. דער ערשטער בעלזער רבי האט געהייסן ש ל ו ם , וואס דער ערשטער און לעצטער אות פון אט דעם נאמען (ש־ם) באטרעפן 340, דער צווייטער בעלזער רבי האט געהייסן י ה ו ש ע וואס דער ערשטער און לעצטער אות (י־ע) באטרעפן 80, דער לעצטער, דער וואס איז איצט נסתלק געווארן, האט געהייסן י ש ש כ ר ד ו ב וואס די ערשטע און לעצטע אותיות פון די ביידע נעמען (י־ר–ד־ב) באטרעפן 216, יעצט אז מיר וועלן צורעכנען דעם נאמען פון זיין יונגערן זוהן מ ר ד כ י , וואס דער ערשטער און לעצטער אות (מ־י) באטרעפן 50, וועט זיך צוזאמענשטעלן דער סך הכל פון תרפ״ו (686), אבער עס איז געוויס אז נישט דער זוהן ר׳ מרדכי וועט איבערנעמען דעם פאטערס אמט, טראץ וואס א טייל פון בעלזער חסידים זענען געשטימט דערצו, נאר דער עלטערער זוהן ר׳ אהרן וועט זיין נאכפאלגער זיין, איז אז מיר וועלן דעם ערשטן און לעצטן אות פון א ה ר ן (א־ן) צורעכנען, און נישט מ־י פון מרדכי, וועלן מיר באקומען דעם ציפער 51, וואס צוזאמען מיט די פריער דער־מאנטע דריי ציפערן באטרעפט עס געגנוי תרפ״ז (657), דעריבער האב איך געוואוסט צו וואר פאר א יאהר צוריק אז דער רבי האט נאך א יאהר צו לעבן״...

ר׳ משה איז דערשיטערט געווארן צו הערן ווי אזוי ר׳ יוסף חיים קלוגט זיך איינצוהילן זיין רוח הקודש אין גימטריות...

ווי א דונער אין א קלארן טאג האט געטראפן דעם חרדי׳שן צבור די ידיעה פון דעם בעלזער רב׳ס הסתלקות אום כ״ב חשון אינם יאהר תרפ״ז. עס איז נישט צו שילדערן די דערשיטערונג פון ירושלימ׳ער רב רבי יוסף חיים זאנענפעלד בפרט און פונם חרדי׳שן צבור בכלל.

די עדה החרדית – וואס דער בעלזער רב איז געווען פון זייערע ווארעמע אנהענגער און שטיצער, האט גערופן צום הספד און רבי יוסף חיים האט איהם מספיד געווען. ער האט זייער באדויערט די אבידה וואס דער כלל ישראל האט פארלוירן. צווישן זיינע ווער־טער האט ער ארום גערעדט די גרויסקייט פון מ ח ז י ק י ה ד ת , וואס זיין טאטע דער הייליגער צדיק ר׳ יהושע׳לע האט נאך מייסד

## די הייליגע שושלת פו בעלזער חסידות



רבי יהושע רוקח



רבי ישכר דוב



רבי אהרן פון בעלז



רבי מרדכי בולגרייא׳ער רב

ב״ה

# אבד חסיד מן הארץ

## ביום א׳ כ״ב כסלו יום השלשים

## להסתלקותו של האדמו״ר גאון ישראל

## וקדושו ראש גולת אריאל

## כקש״ת **ישכר דוב רוקח מבעלז** זצוקללה״ה

קוראת העדה האשכנזית החרדית הירושלמית לבכי ולמספד,

## רבינו הגאון המפורסם צ״ס ע״ס ק

## מוהר״ר **יוסף חיים זוננפלד** הראב״ד שליט״א

ישא עליו קינה ונהי.

## ואחריו הרה״ג מוהר״ר **בן ציון יאדלער** מ״מ הי״ו.

## בהיכל הישיבה הגדולה במאה שערים

## בשעה 11 ערבית אחה״צ.

המנחם ציון וירושלים יברך את כל בי״י ולא יוסיפו לדאבה עוד, ובביא״ג.

## הנהלת העדה האשכנזית החרדית

מעיה״ק תובב״א.

די מודעה פון יאר תרפ״ז, וועגן ר׳ יוסף חיים זאנענפלד׳ס הספד

געווען. ווייטער האט ער געזאגט אז דער בעלזער רב איז נפטר געווארן כ״ב חשוון וואס דאס איז מכוון געגן די כ״ב אותיות פון די הייליגע תורה, וואס ער איז געווען זייער גרויס אין איהר. אויך האט ער געזאגט אז ער איז נפטר געווארן דרייסיג טעג פון שמחת־תורה און עס שטייט אין די גמרא „כל שלושים יום קרוי׳ כלה״, ער איז געווען דער חתן־תורה, דערפאר איז ער נפטר געווארן צום ענדע פון די דרייסיג טעג.

## א געשפרעך מיט א פרוי אין הלכה

אין די גאנצע קורצע לעבנס טעג פון ר׳ דניאל׳ן האט ר׳ יוסף חיים זאנענפעלד געזארגט פאר איהם ווי א דערבארעמדיגער פאטער, און אט גראד אין דעם טאג וואס ר׳ דניאל איז אזוי פרי־צייטיג אוועק פון דער וועלט, ווען ער איז נאך קיין פערציג יאהר נישט אלט געווען, איז ר׳ יוסף חיים נישט אנטקעגנגעקומען דעם פארלאנג פון זיין אלמנה, וועלכע האט עס איהם געבעטן פאר זיין כבוד וועגן. וואס איז אט דער פארלאנג געווען ?

ר׳ דניאל איז נפטר געווארן אין שבת. זיין אלמנה בריינדל איז נאך בייטאג געקומען צו ר׳ יוסף חיים׳ן איהם מעלדן דערויף. די צדיקת בריינדל איז חלילה נישט געווען אויסן צו צושטערן ר׳ יוסף חיים׳ן זיין שבת. זי האט גוט געוואוסט ווי ווייט ער וועט דערשי־טערט ווערן הערנדיג דעם דאזיגן טרויעריגן נאכריכט. אבער הערט און שטוינט צו וואס פאר א הויכע מדריגה א אשה צדקנית קען זיך ארויפארבעטן און וואס איז איהר געלעגן אין זינען אין מאמענט פון איהר טיפסטן בראך. באלד מיטן מעלדן ר׳ יוסף חיים וועגן די פטירה פון איהר מאן, האט זי דערויף פון איהם אזוי פארלאנגט :

היות ווי איהר מאן ר׳ דניאל האט כל ימיו זיך געפירט מיטן טאג־אויסגאנג, הן לגבי שבת און יום טוב הן לגבי א תענית, לויט די שיטה פון רבינו תם, וועלכע איז שפעטער אין צייט ווי די גאנג־בארע שיטה פון די גאונים, און אזוי ווי די „חברא קדישא״ אין ירושלים אין וועמענס שפיץ עס שטייט ר׳ יוסף חיים, פירט זיך צוצוטרעטן צו די הכנות פון דער טהרה פון א שבת׳דיגן נפטר, באלד

מיטן שבת־אויסגאנג לויט די שיטת הגאונים, איז איהר פארלאנג אלזא אז מען זאל אין דאזיגן פאל מאכן א אויסנאם און די ,,חברה קדישא" זאל זיך נישט נעמען מטפל זיין מיט איהר מאן נאר אין די צייט פון מוצאי שבת לויט שיטת רבינו תם, ווייל ר' דניאל האט זיינע אלע יאהרן מדקדק געווען דערויף, וועט עס נישט זיין קיין כבוד פאר איהם אז מען זאל עס נישט אפהיטן ביי איהם ווי ביי זיין אפלעבן.

אבער טראץ זיין צער און טראץ זיין שעצן און רעספעקטירן אזא ריין איידלען פארלאנג, האט ר' יוסף חיים איהר אנטזאגט.

איך איך – האט ער די צדקנית דערקלערט – בין זיך מחמיר פאר מיר און פיר זיך לויט שיטת רבינו תם, אבער וואס אנבאלאנגט דער ,,חברה קדישא" איז עס א כלל־ענין, און אין א כלל־ענין וואס איז זיין דורות־לאנג איינגעפירט אין ירושלים וויל איך נישט און איך קען נישט משנה זיין".

ר' יוסף חיים האט זיך זיינע אלע יאהרן דערווייטערט אויפן העכסטן שטייגער פון פירן געשפרעך מיט א פרוי, אבער צוליב זיין גרויסן וועהטאג אויף דער פריצייטיגער פטירה פון זיין געליבטן תלמיד וועלכן ער האט פון זיין יוגנט אן געהאדעוועט, און צוליב זיין הויך שעצן דעם ערהאבענעם פארלאנג פון זיין צובראכענע אלמנה, האט ער אין דעם פאל משנה געווען פון זיין שטייגער און ער האט אין א לייגגערן געשפרעך דערמוטיגט און געטרייסט די יונגע אומגליקליכע אלמנה.

אזוי ווי בריינדל שטייט נאך דארט פאר ר' יוסף חיים'ן, קומט אריין צו איהם דער כלל־טוער ר' זאנוול שפיצער און דערצעהלט איהם פון א צווייטן פאל פון איינעם וואס איז היינט נפטר געווארן אין ירושלים און מען דארף זיין לויה אפריכטן אין מוצאי שבת.

די צדיקת בריינדל האט זיך באלד אנגעכאפט דערויף און זי האט פארגעלייגט פאר ר' יוסף חיים'ן, אז מען זאל זיך פריער מטפל זיין מיטן צווייטן נפטר און שפעטער מיט איהר מאן ר' דניאל, וועט עס אזוי ארום שוין אויסקומען צו די צייט פון שיטת רבינו תם, ר' יוסף חיים אבער ווענדעט זיך צו ר' זאנוול'ען און גיט איהם א פרעג:

,,אין וועלכע שעה איז יענער נפטר געווארן?"

„פאר א שעה צוריק" - איז געווען ר' זאנוול'ס ענטפער.

„און ווען איז ר' דניאל נפטר געווארן ?" - פרעגט ער בריינד־לען.

„אינדערפרי נאך תפלת שחרית" - ענטפערט זי.

האט ר' יוסף חיים אנטשיידן אז די לויה פון ר' דניאל'ן דארף פריער פארקומען.

ר' יוסף חיים האט זיך אין מוצאי שבת באטייליגט אין דער לויה פון ר' דניאל'ן און ער איז געגאנגען צופוס ביזן הר הזיתים. דאן האט ער זיך צוריקגעקערט טרייסטן די אלמנה און שטארקן איהר צובראָ־כענעם געמיט. ער האט זיך נאכהער באזונדערס אפגעגעבן מיט זייער זוהן ישעי'לע, ביז ער איז אויסגעוואקסן און בארימט געווארן און ער האט פארנומען א חשוב'ן רבנות־אמט אין איינע פון די אנגע־זעהנע קהלות אין גולה.

אזוי נאך איז אין דעם שנירל פון ר' יוסף חיים זוננפעלד'ס מערכות קעגן מיסיאן, איינגעקייטלט געווען אט דער גאלדן רינגל פון דער וואונדערליכע פאמיליע פון ר' דניאל'ן.

## די גרינדונג פון חנוך־אנשטאלטן פאר מיידלאך

אין די שפעטערדיגע תקופה האט דער קאמף קעגן מיסיאן אין ירושלים באקומען א נייעם כאראקטער. די אונרעליגיעזע אדער די האלב רעליגיעזע־ וועלכע האבן אנגעהויבן אנקומען אין ארץ ישראל, האבן זיך באלד א לאז געטאן אויף די קינדערשע נשמות, וויסנדיג אז „אם אין גדיים אין תישים" - דעם אלטן דור איז האפ־נונגס לאז איבערצואנדערשן, דארף מען זיך פארלייגן אויפן נייעם דור. אט די האבן אין קאמף קעגן מיסיאן א ברייט פעלד געפונען צו אויסאיבן דארט זייער טעטיגקייט, אזוי אז די יהדות החרדית האט געהאט אויסצושטיין א קאמף אויף רעכטס און אויף לינקס.

אנגעהויבן האט זיך דער פראבלעם בעיקר אויפן אונטערגרונד פון חנוך הבנות. דאס רעליגיעזע אידנטום אין דער גארער וועלט איז נאך דאמאלס נישט געשטימט געווען מיטן ענין פון אויפשטעלן בתי חנוך פאר מיידלאך. אין פוילן, וואס איז געווען דער הויפט

צענטער פון וועלטליכן רעליגיעזן אידנטום, איז דער ערשטער בית חנוך פאר מיידלאך געגרינדעט געווארן ערשט אין יאהר תרע״ח, דורך דער אנגעזעהנע צדקנית׳שע פרוי שרה שנירער עליה השלום.

ביז דאן האט זיך די אידישע טאכטער ערצויגן אויפן לערנען אין אידיש־געשריבענע אדער אידיש־איבערגעזעצטע ספרים, ווי „צאינה וראינה״, „מנורת המאור״, „שבט מוסר״ א.ד.גל., צו וועמענס שיין עס זענען אויסגעוואקסן דורות פון אידישע כשר׳ע מוטערס. גדולי ישראל האבן זיך צוריק־געהאלטן פון געבן פאר א אידישע טאכטער א לערנונגס פראגראמע וואס איז פארבונדן מיט וועלכן עס איז בילדונגס סיסטעם, א זאך וואס קען איהר מקרב זיין צו דער נייער משכיל׳ישער ליטעראטור. האבן דאך דערויף חז״ל פעסטגעשטעלט אז „נשים דעתן קלה״ און זיי זענען מער אפן פאר א דרויסנדיגע השפעה. זענען צוליב אט די סיבה נישט אויפגעשטעלט געווארן קיין ספעציעלע רעליגיעזע בתי חנוך פאר מיידלאך. אבער ווען די משכילים האבן אנגעהויבן אויפשטעלן אזעלכע בתי חנוך אין זייער גייסט, און עס האט געדראט דער געפאר אז אויך מיידלאך פון עבט רעליגיעזע הייזער זאלן אהין פארכאפט ווערן, זענען די גדולי ישראל געצוואונגען געווען אויפצושטעלן בתי חנוך פאר מיידלאך על טהרת הקודש, אלס שוץ קעגן דער משכיל׳ישער געפאר.

און ירושלים וואס די משכילים און די וואס האבן געזוכט אריינברייינגען רעפאמען אין אלטן חנוך האבן אויף איהר זייער אויג באזונדערס געלייגט, האט מען עס געמוזט טאן נאך כמעט ווי מיט צוואנציג יאהר פריער ווי דאס איז אין גולה געטאן געווארן. און שוין אין יאהר תרס״ב איז אין ירושלים געגרינדעט געווארן דער ערשטער רעליגיעזער בית חנוך פאר מיידלאך, דורך דעם אנגעזעהענעם עסקן ר׳ נחום צעלניקער.

וואס איז אין אט דעם יאהר געשעהן און פארוואס האט זיך אין דעם מזרז געווען גראד ירושלים וועלכע איז אימער די לעצטע געווען צו איינפירן וועלכן עס איז נייעס אין דעם אויסגעטראטע־נעם טראדיציאנאלן דרך ?

די פארשטייער פון דער ראטשילד־הויז אין ארץ ישראל וועלכע

האבן געגרינדעט אין לאנד אייניגע מאדערנע לערנונגס חדרים, האבן אין יאהר תרס״א געעפנט אין ירושלים א שולע פאר מיידלאך. די גדולים פון שטאט זענען שארף ארויסגעטראטן קעגן דער דאזי־גער שולע, מיידלאך פון אלע רעליגיעזע הייזער האבן דעם שוועל פון אט דער שולע נישט אריבערגעטראטן און די לערערן האבן זייערע לערנונגען פאר יידיגע בענק גֿעפריידיגט.

דער דירעקטאר פון דער שולע אין ענגלאנד האט זיך געווענ־דעט דערויף מיט א אנקלאגע צו דעם רב הכולל אין לאנדאן ר׳ נפתלי הכהן, וועלכער איז געווען פון די אונטערשטיצער פון ישוב אין לאנד. זיי האבן אויפגעפאדערט זייער באליידיקונג וואס די רבנים פון ירושלים האבן זיי פארשאפן און זיי האבן צוגעלייגט צו זייער אנקלאגע א נידעריגן בלבול, אז די רבנים גלייכן מכלומר׳שט אז די ירושלימ׳ער טעכטער זאלן ליבערשט לערנען אין די שולעס פון מיסיאן איידער אין זייער שולע. דער לאנדאנער הויפט־רב האט זיך געווענדעט דערויף מיט א שארפן בריוו צו די רבנים אין ירושלים.

דער דאזיגער בלבול האט אויפגעשיטערט דעם ירושלימ׳ער רעליגיעזן אידנטום, און די הויפט רבנים ר׳ שמואל סאלאנט און דער אדר״ת האבן אפגעענטפערט דעם לאנדאנער רב מיט א שארפן צוריק־בריוו.

באלד דערנאך זענען די שטאטישע כלל־טהוער גערופן געווארן צו די רבנים, און אין א לאנג דויערנדע פארזאמלונג איז באשלאסן געווארן אויפצושטעלן א רעליגיעזן בית חנוך פאר מיידלאך.

*

א ענליכער קאפיטל האט זיך ווידער־האלט אין יאהר תרפ״ז. אייניגע עסקנים האבן דאמאלס געגרינדעט א פארבאנד צו קעמפן קעגן דעם מיסיאן, וועלכער האט דאן פאר׳סם׳ט די עדות המזרח אין די ישובים פון ארץ ישראל. דער דאזיגער פארבאנד האט זיך גערופן מיטן נאמען „מצודת ציון״, און דער גאון ר׳ יוסף חיים זאנענפעלד וועלכער האט דאן אמטירט אלס ירושלימ׳ער רב, האט זיי געגעבן א דערמוטיקונגס בריוו.

די גרינדער פון די שולעס האבן דעם דאזיגן בריוו איבערגע־דרוקט אויף א פלאקאט און זיי האבן עס פארשפרייט איבערן גאנצן

לאנד, אלס פראפאגאנדע צווישן עלטערן אז זיי זאלן שיקן זייערע קינדער לערנען אין אידישע בתי ספר.

ווען די זאך איז דערצעהלט געווארן פאר ר' יוסף חיים'ן האט ער רעאגירט דערויף מיט א שטרענגן בריוו אין וועלכן ער שרייבט צווישן די איבעריגעס:

„עס איז פארשטענדליך אז דאס וואס איך האב זיך אונטערגע־שריבן דערויף אז מען זאל שיקן די קינדער אין אידישע בתי ספר איז מיין כוונה געווען אויף אזעלכע וואס זענען ראוי פאר תורה און רעליגיע־טרייע אידן, און אויסער די זענען נישט אין כלל ווייל זיי זענען אפשר ערגער פון זיי (פון די מיסיאן־שולעס).

אט אזעלכעס – האט געשריבן דער ירושלים'ער רב, וועלכער איז געשטאנען אין סאמע פראנט קעגן דעם מיסיאן זינט ער האט זיינע טמא'דיגע נעגל אריינגעשטעקט אין די חומות פון שטאט.



דער בריוו פון רבי יוסף חיים וועגן זיין המלצה צו די אגודת „מצודת ציון"



Samuel Salant, and E. D. Rabinowitz Teomim,
JERUSALEM

Chief Rabbi's office; Rabbi Samuel Salant and Rabbi E. D. Rabinowitz Teomim, Jerusalem, (Palestine)

דער ענטפער בריוו פון די ירושלים׳ער רבנים קיין לונדון וועגן די פארשמוצונגען אויף די ירושלים׳ער טעכטער



די תקנות פון ״בית יעקב הישן״
פו יאר תרפ״ז

# די ירושלימער גזירה

## דער ירושלימער עילוי טאנצט אויף א חתונה

דאס איז געווען אין טאג כ״ב סיון יאהר תרס״ח. די אידן אין ירושלים זענען מלוה אין זייערע מאסן, טרויעריג און צובראכן, די מטה פון ירושלים׳ער עילוי, דער גאון און צדיק ר׳ יעקב אורנשטיין, וועלכער איז אזוי אונגעריכט נפטר געווארן אין יונגן עלטער פון בלויז ניין און פערציג יאהר.

די קראמען זענען געשלאסן. די בתי הדין האבן אויסגערופן בטול מלאכה. די קינדער פון די תלמוד תורה׳ס שפרייזן אין זייערע רייען אין דער לויה. די גדולי ירושלים גייען ארויף איינער נאכן צווייטן אויף דער הספד־בימה און שילדערן דעם גרויסן פארלוסט. צווישן די מספידים איז אויך געווען דער פאטער פון נפטר, דער גאון ר׳ ישעי׳, וועלכער האט פארביטערט אויסגעשריען: „א איינציגער איז ער מיר געווען און א איינציגער איז ער אויך אין זיין דור געווען!״

ווען ר׳ יעקב איז געפאלן צום בעט האט כמעט קיינער אין ירושלים נישט געוואוסט, מען האט נישט געוואוסט אז פאר דריי טעג צוריק איז ער אנגעגריפן געווארן פון א שווערן לונגען־אנצינדונג דעריבער האט מען נישט געריפן אין ירושלים צו תפלות אויף זיין געזונט, און זיין פטירה איז געפאלן ווי א פלוצלינגער קלאפ אויפן קאפ פון ירושלים׳ער אידן.

וואס איז באמת געשעהן? פאר דריי טעג צוריק האט זיך ר׳ יעקב דערוואוסט אז אויף א חתונה וואס דארף פארקומען אין שכונת הבוכרים אין ירושלים, גרייט מען זיך צו ברענגען כלי־זמר, א זאך וואס איז גע׳אסר׳ט געווארן אין ירושלים דורך די גאונים ר׳ מאיר אויערבאך פון קאליש און ר׳ יהושע ליב דיסקין פון בריסק, צוליב

זכר לחורבן. ר׳ יעקב וועלכער איז אויסער זיין אומגעווייגליכע גדלות אין תורה, אויך געווען פון די וועלכע זענען געשטאנען אויף דער וואך, בישט צו דערלאזן קיין פרצות אין די הנהגות פון ירושלים, האט זיך געטראפן מיט די צדדים און האט גע׳פועל׳ט ביי זיי צוריק־צוציען פון זייער פלאן און מאכן די חתונה אן כלי־זמר.

ר׳ יעקב איז אבער פארזארגט געווען. ער האט געטראכט אפשר איז ער דערמיט געווען א גורם צו פארקלענערן די שמחת חתן וכלה, וואס חז״ל האבן אזוי גרויס געשעצט. איז ער דעריבער אליין געקומען זיך באטייליגן און משמח זיין אויף דער דאזיגער חתונה. צוויי שעה אן אויפהער האט ער געטאנצט און משמח געווען אלעמען. און ווען ער איז ארויס פון דארט איז ער געווען באגאסן מיט שווייס. גייענדיג אויפן וועג אהיים צו דער אלטער שטאט האט ער זיך פארקילט און האט באקומען א לונגען־אנצינדונג (א שווער געפערליכע מחלה אין יענע צייטן), פון וואס ער איז אין דריי טעג ארום געשטארבן.

## פון די ירושלימער פירות

דער קרוין פון ירושלים׳ער אידן איז ר׳ יעקב געווען. ער איז געבארן אינערהאלב פון די חומה פון ירושלים, צו זיין פאטער דער גאון ר׳ ישעי׳, אין יאהר תרי״ט. שוין אין זיין פריהסטע יוגנט האט ער זיך ארויסגעוויזן מיט זיינע גרויסע כשרונות. זיינע ערשטע למודים האט ער באקומען ביי זיין פאטער, וועלכער האט זיך גערעכנט פון די גדולי ירושלים, און ביי זיין זיידן דער גאון ר׳ אורי אורנשטיין – דער איידים פון „קרן אורה״ און פון די גרויסע תלמידים פון אדמו״ר בעל „צמח צדק״ פון ליובאוויטש.

ווען דער אינגל איז אונטער געוואקסן איז ער געווארן א בן־בית ביים גאון ר׳ מאיר אויערבאך פון קאליש, פון וועמען ער האט באקומען די סודות פון זיין תורה. ווען ער איז אלט געווארן זעכצעהן יאהר האט ער חתונה געהאט מיט צפורה, די שטיף־טאכטער פון דעם גאון ר׳ שמואל סאלאנט (זי איז געווען די טאכטער פון דעם גאון און צדיק ר׳ משה שנייטאך פון פיארדע וועלכער איז אין זיינע לעצטע יאהרן געווען אין ירושלים). אזוי נאך איז ער

געוואָרן אַ קרוב און מקורב צו ר׳ שמואל׳ן און האָט פון איהם געלערנט די וועגן פון הוראה.

ווען עס איז אָנגעקומען דער גאון ר׳ יהושע ליב דיסקין פון בריסק און האָט זיך באַזעצט אין ירושלים, האָבן זיך באַלד צונויפ־געקליבן אַרום איהם אַ חבורה פון די שאַרפזיניקע מוחות אין ירושלים און ר׳ יעקב, וועלכער איז דאַן קוים אַלט געווען אַכצעהן יאָהר, האָט זיך גערעכנט פון די אָנגעזעהנסטע אין דער דאָזיגער חבורה קדישא. ביז אַ קורצע צייט איז ער געוואָרן אַ תלמיד מובהק פון בריסקער רב.

ר׳ יעקב זעלבסט שרייבט אויף זיין לערנען ביים דאָזיגן רבין זיינעם ווי פאָלגנד:

„זינט איך האָב דערזעהן זיין ריין שטראַלנדן געזיכט האָב איך פון זיין געצעלט נישט אָפּגעטראָטן. ביז זיין לעצטע מינוט האָב איך זיך נישט גערירט פון זיין טהור׳דיג הויז. איך וועל נישט פעלשן אין מיר זעלבסט זיך צו אָנרופן תלמיד, וויסנדיג גוט אַז גרעסערע און בעסערע פון מיר זענען נישט געקומען צו דיזע מדריגה. ער איז געווען בכח צו מחדש זיין אויף איין בלאַט גמרא מיט תוספות, זעכציג וואונדערליכע פלפולים, וואָס זענען גאָרנישט ענליך געווען איינער צום אַנדערן און איינס האָט נישט געהאַט קיין פאַרקער מיטן צווייטן, און דאָס אַלעס, אָן קיין שום צושטעלנדע בקיאות פון אַנדערע ערטער נאָר פון זעלביגן אָרט גופא. עס איז אַזוינס נישט געזעהן געוואָרן זינט די צייטן פון גאון בעל „אורים ותומים״ און די גאונים דער בעל „שאגת אריה״ און ר׳ עקיבא איגר זצ״ל. זיינע ערשטע זעקס חדשים אין הייליגן לאַנד האָט ער געזאָגט אַ שיעור פאַר די שאַרפע מוחות פון דער הייליגער שטאָט, פיר שעה נאַכאַ־נאַנד יעדן טאָג אָן אויפהער, אויך פרייטאָג ערב שבת קודש און אין מוצאי שבת קודש, אויסער ערב יום כפור וואָס ער האָט משלים געווען אין די נאַכט פון יום כפור נאָך די תפלות. מיר האָבן זיך איבער געבליקט איינער דעם צווייטן און געשטוינט פון די גרויסע חכמה וואָס „חלק ה׳ ליראיו״...

פול פאַרביק איז געווען ר׳ יעקב׳ס טאַלענט. פיל ווערט דערצעהלט וועגן זיין קאָלאָסאַלע קענטעניש אין מאַטעמאַטיק און

אנדערע וועלטליכע חכמות. אבער דאס אלעס האט ביי איהם קיין ווערד געהאט אנטקעגן זיין תורה־לערנען, ווי עס איז ביי איהם מינדערווערטיק געווען אלע ענינים פון עולם הזה בכלל.

עס האט אמאל פאסירט און זיין פרוי האט דערזעהן ביינאכט ווי ער הויבט זיך אויף פון בעט, וואשט שנעל די הענט און שטעלט זיך טאנצן אין גרויס שמחה. זי האט זיך זעהר דערשראקן דאס צוקוקנדיג, אבער ר׳ יעקב האט איהר באלד דערקלערט און דער־צעהלט, אז שוין זייט אייניגע טעג וואס ער מאטערט זיך אויף א שווערע סוגיא און אט האט זיך יעצט באוויזן צו איהם אין חלום דער גאון ר׳ עקיבא איגר און איהם קלאר געמאכט די סוגיא, האט ער דעריבער נישט געקענט באהערשן זיין גרויס התרגשות און איז ארויס אין א טאנץ (זיי האבן דאן באשלאסן צו רופן דעם קינד וואס וועט זיי געבוירן ווערן אויב עס וועט זיין א בן זכר: עקיבא. און אזוי איז געווען. אבער דער קינד עקיבא איז ל״ע אוועק פון דער וועלט נאך פאר זיין בר מצוה).

עס האט אמאל פאסירט און גייענדיג אויפן וועג פון שטוב צו די ישיבה איז איהם אראפגעפאלן א שוך פון פוס, אבער זייענדיג אזוי טיף פארטראכט אין לערנען האט ער עס גארנישט געפילט און איז אזוי געקומען אין ישיבה מיט איין שוך אויף די פיס.

אויך האט אמאל פאסירט ווען ער איז געקומען פון ישיבה אהיים און האט געוואלט נעמען די בלעכאלע שמן אריינצוטאן אין טעלער און איינטונקען דערין זיין ארעם ברויט, האט זיך איהם פארביטן די שמן אויף נפט און ער האט אפגעגעסן זיין ברויט איינ־געטונקט אין דעם נפט און האט זיך צוריקגעקערט אין בית המדרש ביז צו חצות...

## א מגפה
## אין די הייליגע שטאט

די יאהרן תרכ״ה־תרכ״ו זענען געווען אן עת צרה ר״ל פארן ירושלימ׳ער ישוב, וועלכער איז נאר וואס אויפגעקומען נאך אזא לאנגע תקופה זינט דעם חורבן בית המקדש. די קרענק פון כאלערע

# אל יודעי ספר

**הפעם צריך אני לקצר ואכתב רק איזה שורות לקיים מאמרי ואי"ה בקרוב אבא בארוכה ואז נדבר גם על מהות והכנה לעמוד התורה אי"ה.**

ויהי אחרי המגפה הגיע המכתב הזה מירושלים תובב"א לידינו וכתבנו עד שנים ושלשה מכתבים אל ה"ח צדיקים המפורסמים אם אמת הדבר בלי שום הלק וכולם העידו על אמתו ובענין הכתוב פה מצינו בש"ס (מועד קטן כ"ח ועיין סנהדרין צ"ה) ואת צנועים חכמה כי אין לפרסם לפני המון. וז"ל המכתב אות באות.

בשבת חוה"מ סוכות העבר שוטף עלה מות בחלונינו ומתו נערים, זקנים, בחורים ובתולות זקנים ותלמידים. צדיקים קדושים וטהורים כמה מאות. ונעדרו שני שרי צבאות השם כל ב"י שמהם עליהם הגאונים המובהקים וחד בשלהבת קודש לי"ע את הרב הגאון ועמו אחיו הר' יוסף זונדל זצ"ל בן פ"א שנים ויבכו אותו והספידו אותו כל קהלה וקהלה אחים בשבוע שעבר (לך לך) את הרב הגאון יושב בישיבה ובתענית כל ימיו קדוש וטהור חסיד ועניו אחיו הר' נחום זצ"ל והמון כל העיר יללה וצעקה הלכו' ואומ' כי כל לבב דוי מרוב צער אחריו וראוי להספידם בכל תפוצות ישראל כראוי להם, כי הם שרי תורה אין לשער גודל תורתם רוב קדושתם לא שימו כמעט כמותם לכן ידי כהדם תלויה ולבוש דבק לקשי מרת נפשי לכן אהרתי עד כה (פי' חיי שרה) כי כבר גם רובו כעולם הבא יקח לנו במהרה ויסיר מעמנו הקף לקף וכעס ויבולע המות לנצח אכי"ר.

והנה כאשר נסתלק הגאון הר' זונדל זצ"ל בא אחד אנשים להרב הגאון אחיו הר' מהר' נ"י רב דק"ק קהלים יע"א ואמרו אותו שיכתב פתקא ויבקש מהשנעדר סיבת רוע הגזירה על איזו חטא היא המגפה ואם הרי הגדול על מה נעשה ה' ככה לנו. וכן עשה הרב הנ' מקהלים נ"י וכתב פיתקא ויניח תחתו שיגלה סיבת הזעם לאחד משלשה אנשים יחידי סגולה וכתוב שמותיהם החתומים על המכתב. ושני אחד מהם הרב הצדיק החריף עצום בקי בכולי תלמודא' הר' זלמן בהר"ן נ"י ומסרו הפתקא להגאון שנעדר. ובלילה כל לאחריו בא הגאון שנעדר בחלום הלילה קודם עלות השחר להרב הצדיק הר' זלמן נ"י ואמר לו בזה העולם לא ידעתי על מה אתם מרעישין העולם שלא לכם לב לדעת כי בעת ביאת משיח צדקנו ככה ראוי ונכון להיות. ודע נאמנה כי היא התחלת הגאולה ואמר לו שיעיין בזוהר ספר ופרט לו שם הספר ואיזה עמוד שם הספר ולאחר הדברים האלו נסתלק ממנו הגאון שנעדר ז"ל, והרב מהרי"ז הנ"ל הוא אדם גדול קדוש וטהור בקי בנגלה ובנסתר וגם לא ידע מהפיתקא שעשה הרב הגאון דקהלים מכ"ש לא ידע בהזה שנעדר כי לא ידעו מזה רק אלו האנשים וגם אנכי לא שמעתי רק אחר שנתגלה כל הענין שקודם נגלה הגאון שנעדר להרב מהרי"ז נ"י ולא פירש הג' מקהלים שכבר כתב הפתקא ומסרה להגאון שנעדר ז"ל. (ע"כ, הפתק)

---

הנה רגע קבלתי מכתב מעיר ירושלים תוב"א מלא המגפה ולא אוכל עוד להדפיס ואי"ה בגליון הבע"ל אביא אותו.

**א בלאט פון צייטונג "עמוד היראה" וועלכער הג"ר עקיבא יוסף שלעזינגער האט ארויסגעגעבן אין הונגארן, וואו ער האט דערציילט וועגן די פאלן פון די פטירות פון די צדיקים אין ירושלים, און די אנשטרענגונגען וואס די גדולי ירושלים טוען, כדי זיך צו דערוויסן די סיבה דערצו.**

ר״ל האט זיך פארשפרייט אין ירושלים און די צאל פון די געטרא־פענע איז געוואקסן פון טאג צו טאג. פיל פרישע קברים זענען אויסגעגראבן געווארן און דער אידישער ישוב איז רואינירט געווארן . פיל פון די וועלכע זענען מיט מסירות נפש אנגעקומען אין הייליגן לאנד, וואגלענדיג וואכן לאנג אויף די ווינט שיפן, האבן פארלארן זייער מוט צו בלייבן אין אזעלכע באדינגונגען אין לאנד און זיי זענען צוריקגעפארן ארעם און צובראכן אין חוץ לארץ.

די איבערגעבליבענע האבן זיך געהאלטן א דאנק די דער־מוטיקונגס רייד פון די גדולי ירושלים, וועלכע האבן זיי נישט געלאזט ארייננפאלן אין פארצווייפלונג. עס איז געקומען דער טראגישער טאג פון ג׳ שבט תרכ״ה. אין דעם טאג איז אוועקגע־קומען איינער פון די אבות פון ישוב, דער גאון ר׳ משה יהושע יהודא לייב זצ״ל פון קוטנע, דער מחבר פון די ספרים „זית רענן״ און „תפארת ירושלים״. צוויי טעג פריער האט די שרעקליכע מחלה אנגעשטעקט דעם גאון׳ס געצעלט. אין פארלויף פון די דאזיגע צוויי טעג און נעכט, האבן די אידן אין ירושלים אפגעהאלטן תפלה־משמורים נעבן כותל מערבי און האבן נישט אויפגעהערט איינצו־רייסן הימלען מיט תפלות פארן געזונט פון דעם גאון, אבער די שערי רחמים זענען געשלאסן געוועזן.

די גדולי ירושלים האבן געשיקט מעלדן וועגן דעם מצב אין חוץ לארץ. „א פארניכטונגס־געפאר לויערט אויפן נייעם ישוב אין הייליגן לאנד״ – האבן זיי אלארמירט – „זייט מרבה בתפלה ותחנונים״. „פארשט פון ג־ט פארוואס איז עס געקומען די דאזיגע צרה?״ זיי האבן אויך געוועקט צו תשובה די אפגעפייניקטע ירושלים׳ער אידן.

*

די ירושלים׳ער אידן וועלכע ווייקן זיך זייער גאנצן לעבן אין קדושה וטהרה, זייער גארער וועלט איז בלויז תורה און תפלה, אויף וואס זאלן זיי תשובה טאן? די רבנים פון שטאט, די גאונים ר׳ מאיר אויערבאך און ר׳ שמואל סאלאנט ווילן געפינען דעם שולד גראד אין אט דער גרויסקייט פון די בני ירושלים, וואס יעדערער פאר זיך איז הייליג ווי א ספר תורה און די קדושה וואלגערט זיך ממש אין די

גאסן, איז אזוי ארום איינער נישט נוהג כבוד צום צווייטן, ווייל דאס גדלות און קדושה איז ביי זיי אזוי פשוט און נאטורליך אז עס איז נישט ראוי צו כבוד. אויך די שטאט־מגידים דערמאנען פול אין זייערע דרשות די תלמידים פון ר׳ עקיבא׳ן וואס זענען אומגעקומען אין א מגיפה ווייל זיי האבן נישט נוהג כבוד געווען איינער צום צווייטן.

די אידן אין ירושלים זענען מוסיף קדושה אויף זייער קדושה, זיצן צו נאך שעה׳ן אויף זייער פיל שעה׳נדיגן לערנען, נאך בלעטער גמרא אויף זייערע הונדערטער בלעטער גמרא, נאך תהלים זאגן און נאך תפלות און סיגופים.

די גוי׳אישע דאקטוריםווארנען, מען זאל זיך אבסאלוט דער־ווייטערן פון די קראנקע, נישט צו אנגעשטעקט ווערן פון זיי. אבער די אידן אין ירושלים קוקן נישט אויף זיך, זיי טרעטן נישט אפ פון די קראנקע נישט בייטאג און נישט ביינאכט און זענען גומל חסד מיט זיי און זעהן, צו פארלייכטערן אויף זיי זייער פיין, מיט וואס עס לאזט זיך.

אין זומער פון יאהר תרכ״ה האט זיך די לאגע פארבעסערט, און פיל האבן געגלויבט אז די מגיפה האט ווירקליך אויפגעהערט, אבער אין אנפאנג ווינטער פון יאהר תרכ״ו איז די מגיפה ווידער אויסגע־בראכן אין איהר גאנצע מעכטיגקייט. פרישע קברים וואס האבן פארדעקט אידישע יונגעלייט וואס האבן געלעבט בטהרה, זענען טאג טעגליך צוגעקומען אויפן הר הזיתים. די „חברה קדישא״ לייט האבן וויפיל מאל יעדן טאג דורכגעמאכט דעם וועג פון „שער האשפות״ צום הר הזיתים. די טרויעריגע לאגע איז אויך באקאנט געווארן אין חוץ לארץ. אבער קיינער האט נישט געוואוסט צו באשיידן די אורזאך דערפון און פארוואס דער חרון אף איז אזוי גרויס.

אין חודש מרחשון איז די זון אינמיטן טאג טונקל געווארן. דריי טעג אין חודש איז ארויף אין ישיבה של מעלה דער הייליגער גאון ר׳ יוסף זונדל פון סאלאנט זצ״ל און צעהן טעג דערנאך איז נסתלק געווארן דער הייליגער גאון ר׳ נחום פון שאדיק זצ״ל.

## דער גאון ר' מאיר אויערבאך זוכט די אורזאך צו דער מגיפה ביי דעם ראש המקובלים

דער גאון ר' מאיר אויערבאך וואס שוין זייט א צייט וואס ער קומט אפט אריין אין די שטוב פון זיין רבין אין תורת הנסתר, דער גאון און צדיק ר' רפאל ידידיה אבואלעפיע זצ"ל, דער ראש פון די חכמי „בית א-ל", צו דערגיין פון איהם עטוואס וועגן די אורזאך צו דער גזירה, און ביז איצט האט זיך דאס איהם נישט איינגעגעבן – האט יעצט געזעהן די געלעגנהייט צו הערן עטוואס דארויף פון זיין רבין. דער גאון ר' נחום שאדיקער איז געווען פון די חכמי „בית א־ל" און זיין ברודער ר' יעקב לייב וועלכער איז געווען ראב"ד אין ירושלים, איז אויך געווען פון די תלמידים פון ר' רפאל ידידיה. איז דעריבער באזונדער גרויס געווען דער צער פון דעם ראש חכמי „בית א־ל" אויף די פטירה פון ר' נחום'ן.

נאך אינמיטן די טעג פון די „שבעה" איז דער קאלישער רב ווידער צוגעשטאנען צו ר' רפאל ידידיה'ן, אז ער זאל זעהן צו דערגיין על פי תורת הקבלה די אורזאך צו דער שרעקליכע גזירה וואס דראט דעם גאנצן ישוב מיט פארניכטונג חלילה. אבער ר' רפאל ידידיה איז נישט ערלויבט געווען דאס מגלה צו זיין.

*

אין די צייטן פון זיין רבין, דער הייליגער גאון ר' רפאל אברהם שלום זצ"ל, וועלכער איז גערופן געווען דער רא"ש און איז געווען דער ראש חכמי „בית א־ל" און געווען א אייניקל פון הייליגן גאון ר' שלום שרעבי (דער רש"ש) זצ"ל, האבן זיך פארמערט רויבער ארום ירושלים און קיינער האט נישט געקענט אריינקומען און ארויסגיין פון דער הייליגער שטאט. האט דער רא"ש דאן געזאגט זיין תלמיד ר' רפאל ידידיה, אז די דאזיגע צרה איז געקומען אויף ירושלים דערפאר וואס די איינוואוינער פון ירושלים זענען נישט געגנוג פארזיכטיג אין כבוד פון כותל המערבי וואס איז דער שריד בית המקדש, ער האט איהם אבער אנגעזאגט אז ער זאל דעם דאזיגן סוד נישט מגלה זיין ביז ער וועט באקומען א רמז דערויף פון הימל. דער רא"ש האט אויך צוגעגעבן פאר זיין גרויסן תלמיד, אז אויב ער



א חלק פון הייליגן כ״י פון רבי מאיר אויערבאך



א חלק פון הייליגן כ״י פון רבי זונדל פון סאלאנט



א חלק פון הייליגן כ״י פון א בריוו פון רבי יעקב אורינשטיין



די חתימה פון רבי שלום שרעבי
׳שלום מזרחי דידיע שרעבי׳ דער
גרינדער פון בימ״ד ״בית א-ל״



די שטוב פון הרש״ש אין אלט שטאט אין איר חורבן



דער הייליגער ציון פו רבי שלום שרעבי אויפן הר הזיתים

וועט מגלה זיין פאר דער וועלט די גרויסע קדושה פון כותל און דעם שרעקליכן עונש פון די וואס וואוינען נעבן איהם און זענען נישט פארזיכטיג אין זיין כבוד, וועט דאס אפשרעקן די אידן פון גלות צו עולה זיין אין ירושלים.

יעצט אבער האט שוין ר' רפאל ידידיה נישט געקענט מער ביישטיין דעם געבעט פון קאלישער רב. זיין הארץ איז אין איהם צוריסן געווארן זעהנדיג ווי די מגיפה רייסט אויס אזעלכע צעדער־בוימער, אזעלכע תורה־ריזן וואס זייער זכות פעלט אויס דוקא אין אזא צייט. דאך האט ער זיין תלמיד אפגעלייגט ביז צו אוונט, און דער קאלישער רב איז אוועק א היים מיט א שיין פון האפנונג אין הארצן.

דריי שעה אויף דער נאכט, מיטן אנפאנג פון די צווייטע אשמורה (צווייטע טייל נאכט וואס איז געטיילט אויף דריי חלקים) איז דער קאלישער רב געגאנגען אין ישיבת „בית א־ל" צו זיין שיעור קבוע מיט זיין רבין.

„מיט וואס פארנעמען מיר זיך היינטיגע נאכט?" – פרעגט דער קאלישער רב.

„היינט וועלן מיר זיך פארנעמען מיט די כוונות פון רבנו הרש"ש וועגן שאלת חלום" – ענטפערט דער רבי.

## דער קאלשיער רב כאפט אויף דעם רמז

זיי ענדיגן זייער שעור מיטן אויפגאנג פון מארגנשטערן. דער קאלישער רב קערט זיך צוריק אהיים. פון עלות השחר ביז צום נץ החמה באווייזט ער נאך צוצוגרייטן א תשובה צו איינעם פון זיינע פרעגער אין א קאמפליצירטע פראגע, און א העתק דערפון לייגט ער צו צו דעם זאק כתבים וואס ווערן געגרייט צום דרוק אין פארם פון זיין גרויסן ספר „אמרי בינה", וואס האלטביים ערשיינען. דאן קערט ער צום אלטן בית מדרש „מנחם ציון" וואס אין חורבת ר' יהודה החסיד, צו דאווענען דארט אין מנין „ותיקין".

נאכן דאווענען גייט ער נישט, ווי זיין שטייגער, אהיים טועם זיין עפעס און פון דארט גיין צום בית דין שטוב, נאר ער גייט דעם מאל

אראפ צום „מעין השילוח״ צו דער מקוה פון ר׳ ישמעאל כהן גדול און טובל׳ט זיך דארט ש״י (310) טבילות און הייליגט זיך באזונדערס. דאן קערט ער זיך צוריק אהיים ווען איינער פון זיינע תלמידים האט אינצווישן אנגעהעפט א צעטאלע אויפן טיר: „דער רב נעמט היינט קיינעם נישט אויף״.

דעם גאנצן דאזיגן טאג איז דער קאלישער רב געווען שרוי בתענית און האט נישט אויפגעהערט לערנען תורה. אין אוונט צייט, זייענדיג אין תענית, איז ער ווידער אמאל אראפ זיך טובל׳ען. ער האט פרי געדאווענט מעריב, האט מאריך געווען אין קריאת שמע שעל המטה מיט הייסע טרערן און מיט די כוונות פון אר״י ז״ל און דער רש״ש ז״ל, האט אנגעשריבן דעם שאלת חלום אויף א פארמעט בקדושה וטהרה, ווי זיין רבי האט איהם מרמז געווען, און זייענדיג אין תענית איז ער ארויף אויף זיין געלעגער און דעם פארמעט געלייגט צוקאפנס.

*

ארום האלבע נאכט האט ער זיך אויפגעוועקט און איז באלד געבליבן אין חלשות. ער האט נאר וואס געזעהן ווי אין דער וואך געשריבן שווארצן פייער אויף ווייסן, דעם פסוק „דומה דודי לצבי או לעופר האילים הנה זה עומד אחר כתלנו משגיח מן החלונות מציץ מן החרכים״ (שה״ש). די הויז לייט וואס האבן באמערקט אז עס איז מיטן רב עפעס געשעהן. זענען באלד אריינגעקומען אין געאייל צו איהם און האבן איהם אפגעמינטערט. דער רב האט באלד געוואשן די הענט, האט זיך אנידערגעזעצט און באטראכט וואס זיינע אויגן האבן יעצט געזעהן. אט האט ער באקומען א אנטווארט אויף זיין שאלה אבער ער קען דאס נישט באשיידן. פאר זיינע אויגן שטייט די דרשה פון חז״ל אויפן פריערדיגן פסוק „בצבאות ובאילות השדה״ - „הנני מתיר את בשרכם כצבאות וכאילות השדה״ - איך וועל אייער לייב הפקר לאזן ווי די הירשן און אינדן אין פעלד. ווי עס שיינט - טראכט ער - איז דאס א רמז אויף דער פארניכטנדער מגיפה וואס בושעוועט אין שטאט. „אחר כתלנו״, דרשן׳ען חז״ל, מיינט דעם כותל מערבי. איז דאס א רמז אז מען זאל מרבה בתפלה זיין ביים כותל מערבי? האט מען דאס דען נישט געטאן געבנוג? אלטע און



די מצבה פון רבי רפאל ידידי׳ אין הר הזיתים



זיין זון הרה״צ רבי חיים אברהם
דער מחבר פון ספר ״ארשות החיים״



מעין השילוח — ניקבת חזקיהו

יונגע, מענער און פרויען, גדולי תורה און איינפאכע תמימות'דיגע אידן, רייסן דאך איין דעם כותל מיט תפלות בייטאג און ביינאכט?!

ר' מאיר אויערבאך טהוט אן זיין אויבער בגד און ער קערט זיך צו די שטוב פון זיין רבין. צו זיין שטוינונג האט איהם שוין ר' רפאל ידידיה אפגעווארט ביים טיר און האט איהם פריינדליך אויפגע־נומען. דער ראש המקובלים האט דעם קאלישער רב אריינגעפירט אין שטוב און האט איהם דערצעהלט, אז ארום האלבע נאכט האט ער פלוצלונג דערהערט א גרויס געפילדער און א שטים וואס רופט אויס: „ווער האט דעם דאזיגן סוד אנטפלעקט מיינע קינדער?!"

„עס איז אייך שוין געוויס באקאנט – זעצט פאר ר' רפאל ידידיה – די אורזאך פון דער גזירה און יעצט, ר' מאיר, בין איך זיכער אז איהר ווייסט וואס איהר האט צו טאן כדי די זאך מתקן זיין, ולה' הישועה".

„יא, רבי – ענטפערט דער קאלישער רב – דעם אנטווארט האב איך באקומען אבער איך ווייס עס נישט צו באשיידן". און ער חזר'ט איבער דעם פסוק וואס ער האט געזעהן געשריבן אין פייער.

ר' רפאל ידידיה דערצעהלט פארן קאלישער רב באריכות דאס וואס ער האט מקבל געווען פון זיין רבין דער רא"ש, אז דער כותל מערבי, דער שריד פון בית המקדש, דער ארט פון וועלכן די שכינה האט קיינמאל נישט אפגעטאן מאנט אויף דאס פארשוועכן דעם כבוד פון חרוב'ן בית המקדש.

ער גיט איהם צו דערקלערן. די אידן אין ירושלים וואס וואוינען נאהנט צו דעם ארט פון ג־ט'ס צושטערטן מזבח, האבן א דין ווי איינער וואס זיין געשטארבענער ליגט פאר איהם. און כאטש וואס די חז"ל האבן נישט אנגענומען די דיעה פון די פרושים וועלכע האבן געהאלטן אז זינט דעם חורבן בית המקדש דארף מען דער־ווייטערן יעדע שמחה, שטייט דאך אבער אויך אנטקעגן דעם „אעלה את ירושלים על ראש שמחתי", ד.ה. אז דער אנדענק פון חורבן ירושלים דארף שטיין פאר די אויגן ביי יעדער שמחה, און באזונדערס אין ירושלים גופא. איז דעריבער ביי א חתונה־שמחה אין ירושלים ווען עס געפינען זיך דארט כלי זמר און די שמחה איז אומ־באגרעניצט, אזוי אז עס ווערט פארגעסן דער טרויער אויפן



דער כבוד פון כותל המערבי

צושטערטן בית המקדש, ווערט דאס אויפגעמאנט ביי די ירושלימ'ער איינוואוינער, וועלכע זענען אזוי נאהנט צום חרוב'ן בית המקדש.

דער קאלישער רב האט דאס אלעס גוט דערהערט און יעצט וויל ער נישט פארשפילן איין מינוט. ער האט זיך שנעל געשיידעט פון זיין רבין און איז באלד אוועק און אלארמירט זיין בית דין. ספעציעלע שלוחים זענען געשיקט געווארן צו דעם גאון ר' שמואל סאלאנט און די איבעריגע חכמי ירושלים, און ביז א קורצע צייט זענען זיך אלע צונויפגעקומען אין בית דין־שטוב.

אין א בלאסן געזיכט און מיט הייסע טרערן דערצעהלט דער קאלישער רב פאר די פארזאמלטע אין בית דין־שטוב, דאס וואס ער האט געזעהן אין חלום ביינאכט און ער חזר'ט איבער פאר זיי די רייד פון זיין הייליגן רבין דער ראש חכמי „בית א־ל".

אלע אנוועזנדע זענען שטיל געבליבן. קיינער וואגט נישט צו רעדן א ווארט און פארלייגן א תקנה צום מצב, ווי אזוי צו פארגעבן דעם פארשוועכטן כבוד פון חרוב'ן בית המקדש און בארוהיגן די שרעקליכע שטים וואס שרייט ארויס טאג טעגליך פון בארג סיני: „אוי לי שהחרבתי את ביתי!..."

דא שטעלט זיך ווידער אויף דער קאלישער רב און ברייננגט אויף זיין פארשלאג. „די גרעסטע שמחה ביי אידן איז – האט ער געזאגט – ווען ער איז זוכה צו חתונה מאכן א קינד. און דא דוקא האבן חז"ל גוזר געווען אויף אונז צו באגרעניצן די שמחה צוליבן טרויער אויף חורבן בית המקדש, ווי צ.ב.ש. נישט צו באצירן זיך מיט קרוינען, צו לייגן אש אויפן קאפ פון חתן און נאך – כדי צו מקיים זיין דעם „אעלה את ירושלים על ראש שמחתי". די חז"ל אליין האבן ווירקליך נישט אנגענומען אלע גזירות וואס מען האט גוזר געווען צוליבן חורבן. אבער דאס איז געווען דאן ווען עס איז נישט געווען קיין אידישער ישוב אין ירושלים, וואס האט געזעהן דעם חורבן פאר די אויגן. יעצט אבער ווען די אידן פון גלות זענען עולה און באזעצן זיך אין ירושלים עיר הקודש און דער חורבן שטייט אונז פאר די אויגן, מיר געפינען זיך נאהנט צום „כותל המערבי", דער איבערבלייב פון חורבן, און מיר זעהן צווישן זיינע ציילן די טרערן וואס די שכינה פארגיסט אויפן פארברענטן און צושטערטן בית המקדש – זענען מיר

פירפליכטעט צו באנייען די באגרעניצונג אין אונזער הויפט־שמחה.

לאמיר זיך אלע פארזאמלען – איז דער קאלישער רב ממשיך און פירט אויס זיין פארשלאג למעשה – צוזאמען מיטן גאנצן עולם אין ירושלים, ביים כותל המערבי, און דארט וועלן מיר פארגיסן אונזער תפלה אז עס זאל פון אונז ווערן אפגעטאן דער גרויסער חרון אף, און אלע אידן פון ירושלים זאלן איינשטימיג מקבל זיין אויף זיך און זייערע קינדער ביז ביאת המשיח, אז עס זאלן נישט געהערט ווערן קיין כלי־זמר אויף א חתונה אין ירושלים״.

דער פארשלאג איז פון אלעמען אנגענומען געווארן, און דער גאון ר׳ שמואל סאלאנט וועלכער האט אפיציעל אמטירט אלס שטאט־רב, האט זיך אויפגעשטעלט און געגעבן א הודאה צום אויבערשטן וואס האט זיי ארויפגעפירט אויפן ריכטיגן וועג, ער האט אויך באדאנקט דעם קאלישער רב וואס ער איז געוועזן דער שליח פון הימל צו געפינען די ריכטיגע תקנה און ער האט צוגעגעבן, אז די פארזאמלונג פון גאנצן קהל אין ירושלים ביים כותל המערבי זאל פארקומען אין האלבע נאכט וואס דאמאלס איז א עת רצון. אויך דאס איז אנגענומען געווארן.

## דער אויסרוף פון דעם איסור אויף כלי זמר ביי חתונות

א אויסרופער פון די בתי דינין איז באלד ארויס איבערן שטאט און האט גערופן דעם עולם צו דער פארזאמלונג ביים כותל המערבי. דאנערשטאג אויף דער נאכט אין דער זעלבער וואך האבן ארום האלבע נאכט אלע אידן אין ירושלים, מענער, ווייבער און קינדער, געשטראמט צום כותל מערבי.

טייכן טרערן זענען דארט פארגאסן געווארן און די גדולי ירושלים האבן געלאזט הערן דברי התעוררות. פארענדיגט די דרשות האט דער ראב״ד דער גאון ר׳ יעקב ליב לעווי, וועלכער איז נאכנישט צוריקגעקומען צו זיך פון זיין טרויער אויף זיין גרויסן ברודער ר׳ נחום שאדיקער. ער האט אין גרויס געוויין איבערדער־צעהלט וואס עס שטייט אין די גמרא שבת (קי): דער וואס איז געביסן געווארן דורך א שלאנג, זאל מען ברייגען א נאר־וואס

געבוירענעם אייזל און צולייגן עס אויפן ארט פון ביס, אבער דאס קען נאר העלפן אויב עס איז נישט געפונען געווארן טריפה (ד.ה. פעלערן אזעלכע וואס עס וועט נישט קענען בלייבןביים לעבן). האט פאסירט א מעשה מיטן שטאט־שומר פון פומבדיתא וועלכער איז געביסן געווארן פון א שלאנג, זענען דארט געווען דרייצעהן אזעלכע אייזלען אבער אלע זענען געפונען געווארן טריפה. האט מען זיך דערוואוסט אויף נאך אזא אייזל וואס געפינט זיך אין צווייטן עק שטאט, אבער ביז מען איז עס געגאנגען ברייגנען האט עס א לייב אויפגעגעסן. האט אביי געזאגט: אפשר האט עס איהם א שלאנג פון די רבנן (נח"ש ד.ה. „חרם") געביסן וואס צו דערין איז קיין רפואה נישטא? האט מען איהם געענטפערט: ריכטיג, רבי, ווען רב איז נפטר געווארן האט ר' יצחק בר ביסנא גוזר געווען אז מען זאל דעם יאהר נישט פרייען אויף חתונות מיט הדסים און צווייגן פון טייטלבוימער און קלאפן אין פויקן, ווי זייער שטייגער איז געווען. האט אט דער מענטש עובר געווען דערויף, איז ער געביסן געווארן פון א שלאנג און איז געשטארבן.

מיר מוזן יעצט אויך אזוי טאן - האט דער ראב"ד ממשיך געווען - די מגיפה ר"ל פארדארבט די בעסטע און טייערסטע וואס מיר פארמאגן. אין פארלויף פון איין יאהר צייט זענען אויסגעלאשן געווארן פאר אונז דריי ליכטיגע שטערן. דריי תורה־ריזן זענען פון אונז אוועקגעקומען אין זייערע בעסטע יאהרן. איז אלזא יעצט די צייט צו באנייען די גזירה פון חז"ל אויף די פטירה פון א אדם גדול, און יעדערער פון אונז זאל באגרעניצן זיין שמחה ווען ער איז זוכה צו פירן זיין קינד צו חופה, גראד דערפאר ווייל דאס איז די גרעסטע שמחה ביי א אידן.

איך רוף דא אלזא אויס - האט דער ראב"ד אויפגעהויבן זיין שטים - בגזירת הבתי דינין און אלע חכמי התורה אין הייליגן שטאט און מיט דער צושטימונג פון די חכמי המקובלים און די מכוונים פון „בית א־ל" - א איסור חמור און א לטותא דרבנן, אז קיין מאן אדער פרוי זאלן נישט וואגן צו שפילן מיט כלי־זמר אויף א חתונה אין ירושלים. דער דאזיגער איסור שליסט איין סיי דעם חתן און די כלה און די מחותנים און סיי די שפילער און די איינגעלאדנטע. און קיין

בית דין וואס וועט נאך אונז אויפשטיין וועט נישט זיין בכח אפצו־שאפן די דאזיגע הארבע גזירה, פון וועלכע סבה עס איז, ביז מיר וועלן זוכה זיין צו ביאת משיח צדקנו!...

דאן איז געבעטן געווארן דער ראשון לציון, דער ספרד׳ישער הויפט־רב, דער גאון און צדיק ר׳ חיים דוד חזן (א זוהן פון דעם גאון ר׳ יוסף חזן דער מחבר פון ספר „חקרי לב״), וועלכער איז אויך געווען פון די עלטסטע פון חכמי „בית א־ל״, צוצוגיין צום עמוד און שליסן די גרויסע פארזאמלונג מיט פרקי תהלים. ער האט אנגע־פאנגען מיט „שיר המעלות בשוב ה׳ את שיבת ציון היינו כחולמים אז ימלא שחוק פינו...״ און דער גאנצער קהל האט נאך איהם געענט־פערט.

מיטן אויפגאנג פון מארגנשטערן האט זיך די מאסן־תפלה פארענדיגט. דער מעהרסטער טייל מענער זענען שוין געבליבן דארט צו תפלת ותיקין, און די ווייבער און קינדער זענען אהיים געגאנגען פול מיט האפנונג אז די ישועה פון דער צרה איז שוין געקומען.

און ביז איינעגע טעג האבן זיך ווירקליך אלע אידן אין ירושלים איבערצייגט אז זייער האפנונג האט נישט אנטוישט. די מגיפה האט אויפגעהערט און אלע האבן פריי אפגעאטעמט. דער לעבנס ארדנונג האט זיך צוביסלאך צוריק איינגעשטעלט און דער איסור איז אפגע־היט געווארן מיט דער גרעסטער שטרענגקייט.

## די „חובבי ציון״ פארטייטשן די געשעהנישן לויט זייער מיינונג

דער גאון ר׳ מאיר אויערבאך האט זיך נאך אלץ נישט בארוהיגט. ער פארבינדט זיך מיט די גדולי ישראל אין חוץ לארץ און ער מיהט זיך צו באקומען זייער הסכמה אויפן איסור וואס איז אויסגערופן געווארן אין ירושלים אויף כלי־זמר. ער האט מורא אז די עולים וואס קומען אין הייליגן לאנד וועלן אפשר נישט אפשאצן ווי געהעריג די הארבקייט פון דעם איסור. אבער נאך א טעם האט ער דערביי.

אין יענע יאהרן איז אויפגעשטאנען די באוועגונג „חובבי ציון״



הרב חזן דער לעצטער רב פון אלט שטאט אין יאר תש"ח פון די משפחה פון בעל "חקרי לב" מיט א ווייסן פאן, אלץ שליח פון די באלאגערטע אידן אין אלט שטאט זיך אונטערגעבן דעם אראבישן לגיון, צוזאמען מיט דעם אשכנזי'ישן רב הג"ר וועלוויל מינצברג

ביידע רבנים זענען דאן גענומען געווארן אין רבת-עמון אין געפענגעניש



דער שטר התקשרות פו די חכמי "בית-א-ל"

(די שפעטערדיגע ציונים) וועלכע האט געשטרעבט ארויפצובריינגען די אידן פון גולה אין א מאסן־עליה נאך ארץ ישראל. אין איהר אנפאנג זענען אויך גדולי תורה צוגעשטאנען צו דער דאזיגער באוועגונג. אין שפיץ איז געשטאנען דער גאון ר' צבי הירש קאלישער דער רב פון טהוירען וואס אין פרייסן. אבער כמעט אלע גדולי ישראל האבן איינגעזעהן אין דער דאזיגער שטרעבונג פון חובבי ציון צו מאסן־עליה פאר משיח'ס קומען, א גרויסן געפאר פארן כלל ישראל. א זאך וואס האט זיך אין די שפעטעריגע יאהרן ארויס־געוויזן. צו די באוועגונג, האבן זיך אנגעשלאסן בעיקר מחללי תורה און פורקי עול.

אין שפיץ פון דער קעגנערשאפט צו אט דער באוועגונג זענען געשטאנען די גדולי ירושלים, וועלכע זייענדיג אויפן ארט זענען זיי געווען מער אריענטירט אין דאזיגן פראבלעם.

אין דעם וואס דורך איין יאהר זענען אוועקגעקומען אין דער מגיפה דריי פון די גדולי ירושלים און אין דער זעלבער צייט איז אויך אוועק פון דער וועלט דער גאון ר' יוסף שווארץ, דער מחבר פון ספר „תבואות הארץ" *, וועלכער האט פיל געטאן פארן באנייטן ישוב אין ארץ ישראל אבער דערביי אויך געווען פון די גרעסטע קעגנער פון ר' הירש קאלישער – האט ר' הירש קאלישער געזעהן דערין א עונש פון הימל פאר דער קעגנערשאפט צו זיין פלאן, און ער האט זיין דאזיגן געדאנק אויך פארעפנטליכט (זעה אין ספר „אשר לשלמה" – ברלין תר"ע). ר' מאיר אויערבאך וועלכער האט געפירט א שארפע מערכה קעגן די „חובבי ציון" אין דעם צייט־שריפט „הלבנון" (דער ערשטער צייט־שריפט אין ירושלים), האט מורא געהאט אז די דאזיגע לשון־הרע זאל נישט אפשאפן די ריכטיגע סבה פון דער מגיפה האט ער געאיילט צו נאכריכטן דערויף די גדולי ישראל אין גולה, כדי צו אפפרעגן דאדורך ר' צבי קאלישער'ס גרונדלאזער געדאנק.

---

* נסתלק געווארן אין ט' שבט תרכ"ה, זעקס טאג נאך דער פטירה פון קוטנא'ר רב. עס ווערט דערצעהלט דאס דער גאון רבי שמואל סאלאנט האט דעם הספד אויפן נפטר אנגעהויבן מיטן פסוק: „ויקח משה את עצמות יוסף עמו" און דער גאנצער אנוועזנדער עולם האט אויסגעבראכן אין א גרויסן געיאמער.

אין יענעם יאהר איז אויך דאס אידנטום אין גולה אויפגע־טרייסלט געווארן פון דעם הסתלקות פון גדולי ישראל. אין כ״ג אדר תרכ״ו איז נפטר געווארן אין פוילין דער בעל ,,חידושי הרי״ם״ זצ״ל, און אין רוסלאנד איז נפטר געווארן דער ליובאוויטשער רבי דער בעל ,,צמח צדק״ זצ״ל. דעם ארט פון ,,חידושי הרי״ם״ אין דער אנפירערשאפט פון פוילישן אידנטום, האט פארנומען דער גאון ר׳ אברהם פון טשעכנאוו זצ״ל.

ר׳ אברהם איז געווען א זוהן פון א פשוט׳ן אידן. אבער פיל האבן געוואוסט צו דערצעהלן אויף איהם אז ער איז פון די ל״ו צדיקים נסתרים. זייענדיג אין זיין קליין שטעטל, א בורח מן השררה, האט זיך כמעט קיינער נישט אומגעקוקט אויף די גדלות פון ר׳ אברהם׳ן. אבער נאך די פטירה פון בעל ,,חידושי הרי״ם״ האבן אנגעהויבן שטראמען צו איהם די אידישע מאסן, און ביז א קורצע צייט איז ער געווארן דער מנהיג פון פוילישן אידנטום.

ר׳ אברהם איז געוועז א שארפער קעגנער פון די ,,חובבי ציון״, און ער איז עס געווען דער וואס האט פארמיטן ר׳ צבי קאלישער פון עולה זיין נאך ארץ ישראל, דורכדעם וואס ער האט איהם איבער־צייגט ווי גרויס דער שאדן וועט זיין פארן פרייסישן אידנטום אויב ער וועט זיי פארלאזן.

ר׳ מאיר אויערבאך האט אויך ר׳ אברהם׳ן געמעלדעט וואס מען האט איהם אנטפלעקט פון הימל און וועגן דעם איסור אויף כלי־זמר וואס איז אנגענומען געווארן אין ירושלים. ר׳ אברהם וועלכער האט נאך געקענט ר׳ מאיר אויערבאך׳ן ווען ער איז נאך געווען רב אין קאליש, האט באלד געענטפערט מיט א בריוו אין וועלכן ער האט געשריבן: נישט אומזיסט איז אייער נאמען מאיר ווייל איהר האט באלויכטן אונז אין פינסטערקייט פון גלות...

אויפן ארט פון בעל ,,צמח צדק״ איז אויפגענומען געווארן דער רבי ר׳ שמואל בעקאנט אלס דער מהר״ש און נאך איהם דער רבי ר׳ שלום דובער (הרש״ב), וועלכער איז באוואוסט געווען ווי איינער פון די גרעסטע קעמפער קעגן ,,חובבי ציון״. אויך ער האט דערהאלטן דעם מעלדונג פון ירושלים און ער האט באלד געענטפערט מיט א קורצן בריוו, אין וועלכן עס איז געשטאנען: עס איז מקובל ביי מיר פון דעם

פון די קאמף פירערס געגן "חובבי ציון" קאמיטי



רבי יוסף שווארץ מחבר פון ספר "תבואות הארץ"



רבי יעקב ספיר מחבר פון ספר "מסעות אבן ספיר"


דער גריידיצער צדיק הגה"ק רבי אליהו


הגאון רבי צבי הירש קאלישער

בעל „צמח צדק" אז דער מענטש וועלכער וועט זוכה זיין צו דערוויסן זיך די סבה פון די צרות וואס זענען זיך פארלאפן אין לעצטן יאהר און די הסתלקות פון די צדיקים אין ירושלים און אין גולה, ער איז עס דער גדול הדור! אשריך ר' מאיר וואס איהר האט דאס דערגרייכט"...

אין זעלבן זינען האבן אויך געענטפערט די גדולי ישראל אין ליטע און אנדערע לענדער: ר' דוד פרידמאן פון קארלין, ר' יצחק אלחנן ספעקטאר פון קאוונע, ר' שמעון סופר פון קראקע און ר' יעקב עטלינגער פון דייטשלאנד, דער מחבר פון „ערוך לנר". אבער באזונדערס איינדרוקספול איז געווען דער צושטימונג בריוו פון דעם הייליגן גאון ר' אליהו גוטמאכער פון גריידיץ, פאר וועמענס קדושה עס האבן געציטערט אלע גדולי ישראל.

ר' אליהו גריידיצער איז אין אנהויב געווען פון ר' הירש קאלישערס אנהענגער, אבער ווען ער האט זיך מחבר געווען שפעטער מיט אזעלכע עסקנים וועלכע זענען נישט געווען קיין באזונדערע מדקדקים במצוות, האט ר' אליהו זיך צוריקגעהאלטן פון איהם, און יעצט אז ער האט זיך דערוואוסט די סבה פון די צרות האט ער אינגאנצן אפגעצויגן פון איהם און ער האט געשיקט צו ר' מאיר אויערבאך א דאנק־בריוו, דערפאר וואס ער האט איהם דערפירט צו דעם אמת און ער האט אויך מודיע געווען אז ער שליסט זיך אן צו דעם איסור אויף כלי־זמר.

## די פלאגן פון א פרצה וואס גדולים האבן גודר געווען

דער איסור אויף כלי זמר האט זיך איינגעבירגערט אין ירושלים עיר הקודש און אלע האבן עס אפגעהיט ווי א זעלבסט פארשטענדליכע זאך. אויך די עולים פון חוץ לארץ האבן עס אפגעהיט, טראץ דעם וואס אין זייערע פריערדיגע מקומות האבן זיי פון אזא איסור נישט געוואוסט, און א חתונה אין חוץ לארץ אן כלי זמר האט גארנישט געקענט קומען אויפן געדאנק. דאך האבן זיי אלע געוואוסט אז ירושלים איז נישט חוץ לארץ און די תקנות וואס זענען דא איינגעפירט פארפליכטן אלעמען וואס קומען זיך באזעצן אין הייליגן שטאט.

די גדולי ישראל באהעפטן זיך צום איסור פון כלי־זמר אין ירושלים



דער בעל "צמח צדק"



דער בעל "ערוך לנר"



רבי דוד'ל פרידמאן פון קארלין



רבי שמעון סופר פון קראקא



האדמו״ר מהורש״ב



האדמו״ר רבי יוסף יצחק

עס האבן זיך אבער געפונען אזעלכע וואס זייער הארץ איז נישט גאנץ געווען מיטן דאזיגן איסור, כאטש וואס זיי האבן נישט געוואגט פאקטיש עובר צו זיין דערויף. עס האט געבראכט דערצו אז עס זאל געמאכט ווערן דער ערשטער פרואוו איינצוברעכן דעם צוים פון איסור.

עס איז געווען אין יאהר תרל״ג. אין יענעם יאהר זענען פיל אידישע עולים אנגעקומען אין ארץ ישראל, צווישן זיי אויך רבנים און גדולי תורה. איינער פון די עולים, א רב וועלכער האט אין חוץ לארץ פארנומען א גרויסן רבנות־אמט, האט געהאלטן ביים חתונה מאכן זיין טאכטער, און ער האט געוואלט באשטעלן כלי זמר אויף די חתונה. די ריכטיגע אורזאך פון דעם איסור איז איהם נישט באקאנט געווען, און על פי הלכה האט ער נישט געפונען קיין גרונד אויפן איסור און בפרט, האט ער גע׳טענה׳ט, אז היות מען האט דעם זמן החתונה נאך אין חוץ לארץ באשטימט פילט ער זיך נישט פאר־פליכטעט צו פירן זיך לויט די תקנות פון ירושלים. אין שטאט איז געווארן א גרויס גערודער. איין פרצה וועט פירן צו א צווייטע, און דער גאנצער איסור וועלכער איז אנגענומען געווארן אין אזא הייליגן ציטער דורך אלע גדולי ישראל אין ירושלים און מיט דער צושטימונג פון די גרעסטע תורה־אויטאריטעטן אין גולה, וועט איינ־געבראכן ווערן און די צרות וועלן חלילה צוריק אויפשווימען.

ר׳ מאיר אויערבאך האט באלד געשיקט רופן דעם רב צו זיך און ער האט איהם ערקלערט ביחידות די גאנצע געשיכטע און גרונד־לאגע פון דעם איסור.

דער רב האט באלד צוריקגעצויגן פון זיין פלאן. נישט אזוי אבער זיין רעבעצן. זי איז געווען א בת גדולים און א מיוחסת און האט געהאט א שטייפע דעה. זי האט פאר קיין פאל נישט געוואלט פאר־ציכטן אויף כלי זמר ביי איהר טאכטערס חתונה און זי האט נישט געקענט ארויפנעמען אויפן געדאנק אז א חתונה זאל פארקומען אן כלי־זמר, א זאך וואס זי האט קיינמאל נישט געהערט און געזעהן אין חוץ לארץ נישט ביי איהר משפחה, וועלכע האט פיל רבנים ארויסגע־געבן, און נישט ביי אלע איהרע באקאנטע. און אזוי ווי זי האט נישט געקראגן קיין אידישע שפילער אויף כלי־זמר, ווייל זיי האבן מורא

געהאט פארן איסור, האט זי געברענגט צוויי גוי'אישע שפילער אויף דער חתונה, און עס האט נישט געהאלפן די ווארנונג פון קאלישער רב וועלכער האט איהר געשיקט באזונדערס ווארנען דערויף.

אויפצומארגן פון דער חתונה איז די שטאט אויפגערודערט געווארן פון דעם נאכריכט, אז די רעבעצן איז פארשוואונדן געווארן און האט נישט געלאזט קיין שפורן נאך זיך, ווי א שטיין אין וואסער, און אלע זוכונגען נאך איהר האבן נישט געטראגן קיין ערפאלג.

דער איסור אויף כלי־זמר האט באקומען פון דאסניי זיין קראפט, אבער דורך אזא טראגישן פאל.

דער ירושלים'ער שטאט־מגיד ר' בנציון יאדלער זצ"ל, דער־צעהלט דערויף אין זיין ספר „בטוב ירושלים", נישט אנגעבנדיג דערביי קיין דויטליכע איינצלהייטן. ער שרייבט אזוי דארט: עס האט פאסירט א מעשה מיט א פרוי וואס דער רב האט איהר אויסגע־מוסר'ט אויף איהרע מעשים, אבער זי האט געענטפערט מיט חוצפה און שפאט. האט ר' מאיר צו איהר געזאגט: דו וועסט דערפאר נישט זוכה זיין צו קומען צו קבר ישראל. און אזוי איז געווען, אין א טאג איז זי פארשוואונדן געווארן און מען האט נישט געוואוסט אוואו זי איז אהינגעקומען.

## דער גאון פון בריסק שליסט זיך אן צו דעם איסור

אין יאהר תרל"ז איז אנגעקומען און זיך באזעצט אין ירושלים דער לייב פון גולה, דער גאון ר' יהושע לייב דיסקין זצ"ל פון בריסק. נישט קיין לאנגע צייט האבן די צוויי מלכים, דער גאון פון קאליש און דער גאון פון בריסק, געטראגן צוזאמען דעם קרוין פון דער גייסטיגער הערשאפט אין ירושלים. אבער אין פארלויף פון דער קורצער צייט ביז ר' מאיר אויערבאך אין נפטר געווארן (אין ה' אייר תרל"ח), האט ער באוויזן איבערצוגעבן דעם בריסקער רב אלע תקנות און גזירות וואס זענען אנגענומען געווארן אין ירושלים עיר הקודש, און צווישן זיי אויך דער איסור אויף כלי זמר.

דער גאון ר' אליעזר דן רלב"ג – א קאזין פון בריסקער רב – וועלכער איז אנוועזנד געווען דערביי ווען דער קאלישער רב האט

איבערגעגעבן ר׳ יהושע לייב׳ן וועגן דעם איסור אויף כלי־זמר, דער־צעהלט, אז אויסהערנדיג די גאנצע געשיכטע פון דעם איסור איז ר׳ יהושע לייב געבליבן אין חלשות און מיט גרויס מיה האט מען איהם דערמינטערט. ר׳ אליעזר דן האט צוגעגעבן, אז די דאזיגע ציטערניש פאר די קדושה פון ירושלים און די נאהנטקייט פון מקום המקדש, האט דער בריסקער רב איבערגענומען בירושה פון זייער הייליגן זיידן ר׳ לייב׳לע חסיד *, וועלכער איז אין יאהר תקס״ט אנגעקומען אין ארץ ישראל צוזאמען מיטן הייליגן גאון ר׳ דוד שלמה אייבעשיץ פון סראקע, דער מחבר פון די ספרים „לבושי שרד״ און „ערבי נחל״, און מורא האבנדיג פאר די קדושה פון ירושלים אז זיי וועלן נישט קענען אפהיטן עס ווי געהעריג, האבן זיי זיךבאזעצט אין צפת. אין עלטער פון בלויז זעקס און דרייסיג יאהר איז ר׳ לייב׳לע נפטר געווארן אין צפת און זיין קבורה איז אין ארטיגן בית החיים.

א סאך יאהרן זענען זיך פארלאפן דערנאך און קיין פרצה אין דעם איסור אויף כלי־זמר איז נישט געפאלן אין ירושלים (געוויינליך ביי די פרומע קרייזן). אין יאהר תרפ״ב, מיטן פארשטארקונג פון דער עליה און דער אויסברייטערונג פון דעם אידישן ישוב אין ירושלים, האט איינער א רב זיך געווענדעט צום ירושלים׳ער רב, ר׳ יוסף חיים זאנענפעלד זצ״ל, מיט א פראגע וועגן דעם גרונד און קוועלן פון דאזיגן איסור. ר׳ יוסף חיים האט איהם געענטפערט קורץ:

„דער גאון בעל „אמרי בינה״ (ר׳ מאיר אויערבאך דער קאלישער רב) האט דעם איסור געמאכט און עס האט זיך געפונען

* רבי לייבעלע וועלכער האט גוואוינט אין סלאנים און געווען א איידעם ביי א ארטיגן שניידער האט זיך געדעכנט צווישן די תלמידי הגר״א ז״ל. ער איז געווען בעקאנט מיטן נאהמען „רבי לייבעלע רשי״ס״ אנדייטענדיג דערמיט דאס ער שטאמט פון רש״י׳ס פאמיליע. ווען בייאיהם אין שטאדט האט מען גענומען נאכשפירן זיין אויפפיהרונג איז ער באלד אוועקגעפאהרן און ארויף קיין ארץ ישראל. רבי לייבעלע האט געהאט איין זוהן און איין טאכטער. דער זוהן איז שפעטער באוואוסט געווען אלס דער גאון רבי בנימין דיסקין, הוראדנער רב, דער פאטער פון דעם בריסקער רב, דער גאון רבי יהושע לייב דיסקין. די טאכטער רבקה וועלכע איז מיטגעפאהרן מיט איהרע עלטערן אין ארץ ישראל איז געווען די מוטער פון דעם גאון רבי אליעזר דן.

איינער וואס האט דערויף נישט געלייגט קיין אכט און האט עס גרינג געשעצט, איז ער שטרענג נענש געווארן".

יענער האט זיך נישט באגנוגנט מיט אט דעם קורצן אנטווארט און ער האט פארלאנגט מער איינצלהייטן. האט איהם ר' יוסף חיים זאנענפעלד ווידער אמאל געענטפערט:

„איך האב שוין געשריבן אז דער גאון בעל „אמרי בינה" האט דערויף גוזר געווען און איך האב געהערט פון רבין דער גאון פון בריסק זצ"ל וואס ער האט געזאגט: א ווודאי איז עס אין ירושלים אלענפאלס ראוי, און ער האט געברייינגט פון די גמרא אין שבת ק"י (זעה פריער) כי נח נפשי' וכו' און דער חורבן בית המקדש שטייט דאך דא פאר אונזערע אויגן"...

*

נישט אומזיסט אלזא האט דער ירושלימ'ער עילוי, דער גאון און צדיק ר' יעקב אורנשטיין זיך אזוי מוסר נפש געווען, שטייענדיג אויף דער וואך נישט צו דערלאזן א פרצה אין דאזיגן איסור, און נישט אומזיסט האט דער דאזיגער גרויסער מתמיד פארמאכט זיין גמרא און איז געגאנגען טאנצן שעה'ן אויף א חתונה, אוואו אלע צדדים זענען איהם פולשטענדיג פרעמד געווען. נאר דערפאר ווייל זיי האבן איהם נאכגעגעבן און אפגערופן די כלי־זמר וועלכע זיי האבן שוין געהאט באשטעלט, ער האט געוואלט דינען מיט זיין לייב אלס ערזאץ צו די שמחה פון כלי־זמר, און אין רעזולטאט דערפון איז ער קראנק געווארן און אוועק יונגערהייט פון דער וועלט, ווייל ער האט גוט געוואוסט די הארבקייט פון דאזיגן איסור, פון וואנען עס האט געשטאמט און אויף וואס איז עס באגרינדעט געווען און ווער זענען עס געווען די גרויסע תורה־ריזן וועלכע האבן זיך צו דעם אנגעשלאסן.



א כתב יד פון רבי יוסף חיים זאנענפעלד וועגן די הארבקייט פון איסור פון כלי זמר, און די שטראף פאר ווער עס איז מזלזל אין איר.

